STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03835

ALE VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

#306

אַלע ווערק פון שלום עליכם

זיבעצנטער באַנד

פונ׳ם יאַריד

צווייטער בוך

ווילנע—וואַרשע 1926
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

עס איז שטרענג פארבאָטן צו קויפן און פאר־
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום
אַמעריקע, אין דרום־אַפריקע און אין ענגלאַנד

Copyright 1923, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

צוליב דעם פארלאַנג פון שלום־עליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

Szolem-Alejchem. T. XXVII. „F u n j a r i d".
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie" B. KLECKINA.

אינהאלט

א מענה-לשון פון א שטיפמאמע 7
איפ'ן בענקעלע ביים טויער 14
דער קאלעקטאר 20
די געראטענע איידעמס 28
ארנאלד פון די פידקאוועס 34
גימנאזיסטעל סאלאמאן 42
„די פענסיע“ 49
חבר אלי 56
צווישען חזנים און כלי-זמרים 65
לא תגנוב ! 72
דעם חזנ'ס מיידעל 83
שמחת-תורה צו הקפות 90
דער קריזיס 99
ער גיט שטונדען 109
א אידיליע 116
די צעשטערטע האפנונגען 126
דער סוף פון דער אידיליע 134
א האלב יאהר נע-ונד 140
ווידער אין דער היים 149
ער פאהרט אויף א רייכע שטעלע 156
אין חלום און אויף דער וואהר 163
א מעשה מיט א זייגער 169
א מלאך פון גאט אינ'ם געשטאלט פון א מענטשען . 176
איין אומגעריכטער עקזאמען 183
א איד א פאמעשטשיק 190
דאס לעבען אין דארף 197
דאדי דער עקאנאם 205
דער פריזיוו 212
די מוהמע טויבע פון בארדיטשעוו 221
דער ערשטער ארויספאהר 230
פראטעקציעס 239
קופערניק 248
א שטעלע פון א „סעקרעטאר“ 254
די „וויבארעס“ 262
צו מיין ביאגראפיע 275
די צואה פון שלום-עליכם 287

צווייטע טייל

45

אַ מענה־לשון פון א שטיפמאַמע

אַ שטיפמאַמע. — קללות נאָכ'ן אלף־בית. — דאָס ערשטע ווערק. — אַ לעקסיקאָן פון קללות.

וואָס האָבען זיך מענטשען אָנגעחאַפּט — „שטיפמאַמע“? ווערליג די קינדער האָבען זיך אָנגעהערט „שטיפמאַמע“ און „שטיפמאַמע“, האָבען זיי געמעגט מיינען, אז אַ שטיפמאַמע איז טאַקי באמת מיט הערנער. אַז אויף יעדען טריט און יעדען שריט האָט מען זיי געסטראַשעט מיט דער שטיפמאַמע: „וואַרט־אויס, שקצים, אָט וועט דער טאַטע אַרויספאָהרען אויף דער וועלט און וועט אייך ברענגען אַ שטיפמאַמע, וועט איהר וויסען, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען!“... וואָס דאַרפט איהר מעהר — טאָמער וואַרעמט די זון ניט אַזוי פויגעלדיג, זאָגט מען: „די זון וואַרעמט, ווי אַ שטיפמאַמע“... עס מוז דאָך עפּיס זיין אין דעם. אַ וועלט איז דען משוגע?

מיט אַ מאָל איז דער טאַטע נעלם געוואָרען. ס'איז אַוועק אַ וואָך, און אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך. וואו איז אַהינגעקומען דער טאַטע? מע זאָגט ניט! עלטערע רעדען צווישען זיך, נאָר שטילערהייט, די קינדער זאָלען ניט הערען, און מעהר אויפ'ן וואונק. נאָר איין מאָל האָט אין חדר דער רבי זיך אַרויסגעחאַפּט מיט אַ וואָרט. ער האָט אַ פרעג געגעבען ביי די קינדער: „נישטאָ נאָך דער טאַטע פון באַרדיטשעוו?“ צו דער דאָזיגער דיפּלאָמאַ־

טישער פראַגע האָט די רביצין צוגעזעצט פון איהר זייט נאָך מעהר דיפּלאָמאַטיש: „וואָס זשע? אַזוי גרינג קומט עס אָן איין אַלמן אראָפּצובריינגען אַ שטיפמאַמע פאַר די יתומים?“... ווייסען מיר שוין, הייסט עס, אַז דער טאַטע איז אין באַרדיטשעוו, און אַז ער זוכט אַ שטיפמאַמע צו זיינע קינדער. וואָס זשע, פרעגט זיך, באַדאַרף מען זיך דאָ באַהאַלטען? וואָס איז דאָ דער סוד? והראיה: אַז ער האָט באַדאַרפט צו קומען אַהיים מיט דער סחורה פון באַרדיטשעוו, האָט ער פריהער צוגעשיקט אַ „שטאַפעט“, אַז גאָט האָט איהם מזכה געווען זיין גלייכען, וואָס איז אַ מציאה אין אַלע אופנים, הן אין יחוס, הן אין געלט, און אַז ער וועט אין גיכען, אם ירצה השם, קומען מיט דער מציאה, און ער בעט, מע זאָל איהר ניט זאָגען אַזוי גיך, וויפיעל קינדער ער האָט — צו וואָס זאָל זי דאָס וויסען מיט אַמאָל? מיט דער צייט וועט זי דאָס אַליין געוואוירע ווערען. סאַי-ווי-סאַי זענען ניט אַלע קינדער חל אויף איהר: די עלטערע זענען דאָך עלטערע, און די צוויי מיידלעך — די זענען דאָך ביי זייער באָבע. ער וואַשט זיך גיט אָפּ די הענט חלילה פון זיי. קינדער זענען קינדער. נאָר ביי אָט אַזעלכע ביטערע אָבסטאָיאַטעלסטוועס איז געזינטער, אַז מע פאַר-לייקענט עטליכע קינדער אויף אַ קורצע צייט. „יותר אין לחדש רק חיים ושלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל זיך זעהען אין גיכען בשלום. ממני...“

דער דאָזיגער בריעף וואָלט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק, ווען ניט דער קנייטש מיט די קינדער. ערגער פון אַלע איז דאָס געווען פאַר די קינדער גופא. אמת, זיי האָבען געפיהלט, אַז דער טאַטע האָט זיי ליעב, אַז זיי זענען איהם טייער איטליכס קינד באַזונדער, נאָר וואָס זיי זענען אויף אַ ווילע געוואָרען אַ מין קאָנטראַבאַנדע-סחורה — דאָס האָט זיי אַביסעל אַ פּאָרקע געגעבען און אַרויס-גערופען מאָדנע מחשבות און געדאַנקען. אָבער ניט אויף לאַנג, וואָרום אָט איז מען געקומען צו זיי אין חדר אַריין און מע האָט זיי אָנגעזאָגט אַ בשורה: „דער טאַטע איז געקומען און געבראַכט

צו פיהרען פון באַרדימשעוו אַ שטיפמאַמע". „מזל טוב! — האָט זיך אַריינגעמישט די רביצין. — איהר זאָלט דערלעבען אַנזאָגען בעסערע בשורות!"... און דער רבי האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אַהיים פאַר דער צייט.

געקומען אַהיים, האָבען די קינדער געטראָפען די גאַנצע משפחה: דעם פעטער פּיני מיט זיינע זיהן, די מוהמע חנה מיט איהרע טעכטער, אַלע אַרום טיש. מע האָט געטרונקען טיי, כלומרשט געגעסען לעקאַך און איינגעמאַכטס און גערויכערט פּאַפּיראָסען, און גערעדט פּוסטע רעד, וואָס אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט, וואָרום קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט. יעדער איז געווען אַריינגעטהאָן אין זיינע אייגענע געדאַנקען, און אַלע אינאיינעם האָבען געהאַלטען אין איין קוקען אויף דער שטיפמאַמע און אין איין באַטראַכטען און אָפּשאַצען די מציאה, וואָס דער טאַטע האָט איינגעהאַנדעלט אין באַרדימשעוו — און דאַכט זיך, מע איז געווען צופריעדען מיט'ן אַנקוק. אַ אידינע אַ בכבוד'ע, ניט קיין נאַרישע, און דער עיקר — אַ ליעבליכע, אַ צוגעלאָזטע, אַ גוטע, אַ מענטש אָהן אַ גאַל! היינט וואָס האָבען זיי דאָ געפּילדערט, געמאַכט אַגשטעלען — „שטיפּמאַמע"?...

ערשט העט־שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפמאַמע אַרויסגעוויזען מיט איהר היציגען טעמפּעראַמענט און קודם כל אַרוים מיט איהר שפּראַך, מיט איהר אמת באַרדימשעווער שטיפמאַמע־לשון, אַ שפּראַך אַ גלאַטע, אַ רייכע, אַ בלומענדיגע. אויף איטליכס וואָרט אַ קללה, און צום גראַם, און דוקא אין גוטען מוט. למשל: עסען — עסען זאָלען דיך ווערעם! טרינקען — טרינקען זאָלען דיך פּיאַווקעס! שרייען — שרייען זאָלסט דו אויף די צייהן! פאַרגייהען — גייהען זאָל מען אייך תכריכים! געהן — געהן זאָלסט דו אין דער ערד! שטעהן — שטעהן זאָלסט דו פּראַווצעס! זיצען — זיצען זאָלט איהר אין געהאַקטע וואונדען! ליגען — ליגען זאָלט איהר אין דער ערד!

רעדן — רעדן זאָלט איהר פון היץ! שווייגען — אַנשווינען זאָלט איהר ווערען אויף אייביג! זאָגען — געזאָגט זאָל אייך ווערען אַלדאָס בייז! האָבען — האָבען זאָלסט דו מכות בכורות! ניט האָבען — ניט האָבען זאָלסט דו קיין גוטס, ווייל דו לעבסט! טראָגען — טראָגען זאָל דיך דער רוח אויף די פּלייצעס! אַריינ-טראָגען — אַריינטראָגען זאָל מען דיך אַ קראַנקען! אַרויסטראָגען— אַרויסטראָגען זאָל מען דיך אַ טוידטען! אַרומטראָגען — אַרומ-טראָגען זאָל מען דיך אויף די הענט! אַוועקטראָגען — אַוועקטראָגען זאָל מען דיך אויפ'ן בית-עולם! ציי, אַשטייגער, למשל, נעמט אַזאַ אומשולדיג וואָרט, ווי שרייבען? איז שרייבען זאָל מען דיר רעצעפּטען! פאַרשרייבען — פאַרשרייבען זאָלסט דו ווערען צום טוידט! אָפּשרייבען — אָפּשרייבען זאָל מען דיך פון קדחת! אַריינשרייבען — אַ משוגענעם אויסמעקען און דיך אַריינ-שרייבען!... און אַמאָל איז זי געווען אויפגעלעגט און אַ וואָרט האָט זיך אַריינגעחאַפּט איהר אין מויל אַריין — האָט זיך עס געדרעהט און געפלאָכטען און געגאָסען זיך און געצויגען זיך, ווי אַ גוטער בוימעהל, גאָר אָהן איין אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי ביי אַ גוטען חזן די עשרת בני המן: „ס'זאָל דיך אָנחאַפּען, רבונו של עולם, אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש, אַ רייסעניש און אַ בייסעניש, אַ טריקעניש, אַ פאַרטריקעניש, איין אויסטריקעניש, איין איינטריקעניש, אַ דאַרעניש, אַ פאַרדאַרעניש, איין איינ-דאַרעניש, אַ שרימפּעניש, איין איינשרימפּעניש, ליעבער גאָט! האַרציגער פאָטער, געטרייער!“...

דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע איז זיך מודה, אַז אַ היבש ביסעל קללות און שלאָגווערטער אין זיינע שפּעטערדיגע ווערק האָט ער גענאַשט פון דער שטיפמאַמע און פון איהר מענה-לשון. נאָך גאָר-גאָר אין די יונגע יאָהרען, ער האָט נאָך גאָרניט געוואוסט, וואָס שרייבען באַטייט, און האָט נאָך גאָר אפילו ניט געחלום'ט, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ שרייבער, האָט זיך איהם, אַלס קוריאָז, פאַרוואָלט פאַרשרייבען אַלע קללות, וואָס ער האָט

#306

זיך אָנגעהערט פון זיין שטיפמאַמע, צונויפזאַמלען זיי אינאיינעם, מאַכען אַ מין ווערטערביכעל. האָט ער זיך ניט געפוילט, געזאַמעלט און געזאַמעלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסעל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירען נאָכ'ן אַלף=בית, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ פיינעם לעקסיקאָן, על=פּי אַלף=בית, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבען נאָר איוּפ'ן זכרון:

א — אביון, אומגליק, אידיאָט, אייזעל, איינגעגעסענע בריאה, אָפּגעריסענער נאַר, אַשמדאי.

ב — באָלוואַן, באָדיונג, בטלן, בייטעלשניידער, בלינדער=האָז, בעדער, בעזעם, בעטלער, בערענטרייבער, בעל=עגלה, באַשעפעניש.

ג — גוי, גולם, גדלן, גזלן, גנב, געשלייערטע האַנזי.

ד — דאָנאָשטשיק, דבר=אַחר, דלות, דערקאַטש.

ה — האָלעדראַנצים, האָצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטיי, הינטשלעגער, הינקעדיגער שניידער, המן, הפקר=יונג.

ו — וואַניץ, וויסטע קאַליקע, וועוריק, ווערעמיגער, וצדקתך.

ז — זאַאיקע, זאַק פּאָלאָווע, זויערע קיסליצע, זומערפויגעל, זויפער, זיצפלייש.

ח — חאַליפּוסניק, חאַבער, חוזק, חזיר, חיים=יענקעל, חכם=בלילה, חלירע

ט — טאָטער, טאָרבע, טויגעניכטס, טפש, טערקישער פעפער, טריפה קישקע.

י — יאַטקעהונט, יונגאַטש, יורקע, ימח=שמו'ניק, ים=קאָטער.

כ — כזבן, כל=בו'ניק, כלב שבכלבים.

ל — לאָבוס, לאַבאַזניק, לאָדער, לא=יוצלח, לאַמטערנשיסער, ליגנער, למד=ואו'ניק, לעדיגגעהער.

מ — מאַלפּע, מאַמעטליווע בחור, מאָנדריש, מגיד, מלמד, משומד.

נ — נאַריש פּנים, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, נכפה'ניק.

ס — סאַוואולע, סוואָלעטש, סווישטשון, סמאַרקאַטש.

ע — עזות=פּנים, עני ואביון, עפּוש, עקדיש, עקשן.

פּ — פּאַסקודניאַק, פּאַציאָרע, פּאַרטאַטש, פּאַרך, פּוסטעפּאַסניק, פּופּיק, פּיפּערנאָטער, פּלעצעל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּרא=אדם, פּריטשעפּע.

פֿ — פֿאָנפֿאַטש, פֿאַלשער מענטש, פֿאַרשלעפּטע קרענק, פֿויליאַק, פֿייפֿער, פֿליאַסקעדריגע, פֿלאָכט, פֿלאָקענשיסער, פֿערדאַטש, פֿרעסער.

צ — צבועק, צדיק=אין=פּעלץ, צורה=מלוכה, צלם=קאָפּ, צעבראָכענער שאַרבן, צרעת.

ק — קאַטאָרזשניק, קאָכלעפֿעל, קאַליקע, קאַרטאָפֿלישלינגער, קאָרטנשפּילער, קאַפּעלישמאַכער, קבצן, קוימענקעהרער, קישקע=אָהן=אַ=דנאָ, קלעק, קריכער, קשקשת.

ר — רויטער, רוצח, רכילות'ניק, רעמאַר רשע מרושע

ש — שאַרלאַטאַן, שבת=גוי, שוטה בן פּיקהאָלץ, שוסטער, שייגעץ, שליאַטענטש, שיקסע, שלאַנג, שלים=מזל, שמאַטע, שמד=קאָפּ, שמינדער=בגעץ, שמענדריק, שנויץ מיט ברויט, שקראַב

ת — תרח.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגען, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קומענדיגער שלום=עליכם האָט פֿאַרפֿאַסט, און אַ נאָמען גע=געבען האָט ער עס: „אַ מענה=לשון פֿון אַ שטיפֿמאַמע"... מיט דעם ווערק האָט זיך געטראָפֿען אַ מעשה, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיגען מיט גאָר אַ מיאוס'ער קאַטאַסטראָפֿע.

מחמת עס האָט געמוזט זיין אויסגעשטעלט שטרענג נאָכ'ן אַלף=בית, האָט דער פֿאַרפֿאַסער שטאַרק געשוויצט, עטליכע מאָל איבערגעשריבען דאָס ווערטערבוך. האָט דער טאַטע, אַפֿנים, באַמערקט, אַז דער חברה=מאַן אַרבייט עפּיס זעהר געשמאַק. איז ער אונטערגעגאַנגען איינמאָל ביינאַכט פֿון הינטען, אַריינגעקוקט אינווענינג און אַ נעם געגעבען צו זיך דעם כתב=יד און איבער=געלייענט פֿון אַלף ביז תיו. און לא=די, וואָס ער האָט עס אַליין געלייענט, האָט ער עס נאָך דורכגעלייענט פֿאַר דער שטיפֿמאַמע.

און עס איז געשעהען אַ נס: ס'איז שווער צו וויסען, צי ווייל ס'איז גראָד געווען אי'ן אַ גוטער מיגוט, ווען זי איז געווען אויפ־געלעגט, צי ווייל זי האָט זיך געשעמט צו זיין אין כעס, — נאָר ס'איז אָנגעפאַלען אויף איהר אַ מאָדנער בייזער געלעכטער. יענע האָט אַזוי געלאַכט, אַזש געקוויטשעט. מע האָט געמיינט, אַז זי וועט דעם שלאַק באַקומען! מעהר פון אַלץ זענען איהר געפעלען די ווערטער „פופיק“ און „קשקשת“. „פופיק“ האָט ביי איהר געהייסען טאַקי דער העלד פון דער דאָזיגער באַשהייבונג. און „קשקשת“ (קאַשקעט) — מיט דעם נאָמען האָט זי געקרוינט איין עלטערען בחור'על דערפאַר, וואָס ער האָט געטראָגען אַ נייעם קאַשקעט

נו, געהט זייט אַ נביא, אַז ס'וועט זיך ענדיגען גאָר מיט אַ געלעכטער! אוודאַי האָט דער מחבר פונ'ם לעקסיקאָן ביי זיך אין הארצען געבענטשט גומל, וואָס ס'האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלאָזט.

46

אופ׳ן בענקעלע ביי׳ם טויער

דער „איינפאָהר״. — דאָס פאַרריפען אורחים. — ווידער חלומות וועגען אוצר.

וויסט איהר, וואָס הייסט איין „איינפאָהר״? — איין „איינפאָהר״ איז ניט קיין אַכסניה און ניט קיין האָטעל, נאָר עפּיס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך צווישען די דאָזיגע צוויי מינים, אָדער — ביידע מינים אינאיינעם. די אַכסניה, אָדער דער טיפּ האָטעל, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט געהאַלטען אין דער שטאָדט פּערעיאסלאוו און געלעבט דערפון, איז געוועזן דער אמת׳ער „איינפאָהר״. אַ גרויסער הויף מיט גרויסע שטאַלען פאַר פערד און וואָגענס און מיט גרויסע חדרים מיט בעטלעך פאַר די אורחים. מייגסטענס זענען אין די חדרים געשטאַנען צו עטליכע בעטלעך, און דער אורח, וואָס איז פאַרפאָהרען, האָט נאָר אָפּגעדונגען אַ בעטעל, ניט קיין גאַנצען חדר. סיידען אַ נגיד, איין אָפּגעפּוצטער, אַ מיוחס. אַזעלכע זענען אָבער געוועזן זעלטען, און די האָבען געהייסען „פעטע״ אורחים. דאָס רוב אורחים זענען געוועזן „בעטלעך״. די האָבען נישט באַדאַרפט באַזונדער קיין סאַמאָוואַרען מיט קיין באַדיענערם. איין סאַמאָוואַר אַ גרויסער איז אַריינגעטראָגען געווארען אין „זאַל״, און יעדער פון די „בעטעל-אורחים״ האָט זיך געהאַט זיין טשייניק מיט זיין ביסעל טיי — גיסט אייך, אידישע קינדער, און טרינקט אייך וויפיעל אייער הארץ געלוסט!... אַ מחיה

געווען אַנצוקוקען אין דער פריה, אָדער אויף דער נאָכט, בּיי ראַבּי־נאָווימשען אין אייגפאָהר. אַ גאַנץ בּינטעל אידען אַרום טיש, מע טרינקט און מע רעדט אַלע אינאיינעם און מע גרעגערט און מע רויכערט — דעם רויך האַמש שניידט מיט אַ מעסער! און רעדען רעדט מען פון וואָס איהר ווילט. דער רעדט פונ׳ם יאַריד — אַ יאַריד־מענטש. דער רעדט פון ווייץ — אַ איד, וואָס האַנדעלט מיט ברויט. דער רעדט פון דאָקטוירים — אַ איד אַ קראַנקער, וואָס הוסט. און דער רעדט גאָר פון חזנים — אַ איד, וואָס האָט ליעב נגינה, און טהוט איהם עפּיס. און יענער זיצט זיך אין אַ ווינקעל, שאָקעלט זיך און דאַווענט דערווייל פון פאַרענט מיט אַ קול פון אַ נקבה. און דער בעל־הבית אַליין, רב נחום ראַבּי־נאָווימש, אַ איד אַ חלוש, ווי אייך איז שוין באַקאַנט, מיט אַ קעצען האַלאַטעל, מיט אַ קיילעכיג יאַרמעלקעלע אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ גראָבען פּאַפּיראָס, זיצט צווישען די אורחים אויבענאָן, ווי אַ מלך, און הערט זיי אוים אַלעמען אין איין צייט, אָבער נאָר מיט איין אויהער, ווייל מיט׳ן אַנדערען אויהער הערט ער זיך צו, אפשר ניט ווילענדיג, צו דער שטיפמאַמע׳ס מענה־לשון, וואָס גיסט זיך אַזוי ווי בּוימעהל און ציהט זיך אַזוי ווי האָניג. דאָס רעכענט זי זיך מיט איהרע שטיפקינדער אויפ׳ן ניכטערען האַרצען, טיילט זיי אוים ברכות יעדען באַזונדער מיט דער פולער האַנט. דערלאַנגט דעם אַ זעץ אין זייט אַריין, דעם אַ סטוסאַק אין האַלז־און־נאַקען, און יענעם איז זי מכבד מיט׳ן רעכטען פוס אין בויך אַריין. זי וויל, אַז איינער זאָל געהן פאַרוויגען איהר דאָס קינד, אַז דער אַנדערער זאָל געהן אין מאַרק אַריין איהר העלפען טראָגען דעם קויש, און אַז דער דריטער זאָל געהן גלאַט אין דער ערד אַריין... און די קינדער פאָלגען, טהוען אַלץ וואָס מע הייסט זיי, וואָרום די צייט איז שלעכט, פרנסה איז געשלאָגען, אין חדר געהט מען נאָר אַ האַלבּען טאָג, דעם אַנדערען האַלבּען טאָג העלפט מען אוים דעם טאַטען ווי ווייט מע קאָן. ווער אין שטוב אַרום די אורחים, און ווער אין דרויסען אויפ׳ן בּענקעלע

ביי'ם טויער — צו פאררופען די דורכפאהרענדיגע בעלי-עגלות: „אהער פארפאהרט, אהער!“...

אודאי איז אין דרויסען אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער בעסער, ווי אויסצושטעהן דעם הו-הא, מיט'ן גיהנום, מיט'ן גלות-שטיפמאמע אינווענינ אין שטוב. דאס זיצען ביי'ם טויער אויפ'ן בענקעלע איז גאר קיין ארבייט ניט. דאס איז א שפיעלכעל, א פארגעניגען. ווער שמועסט זומער, אז די בעלי-עגלות פליהען מיט א הוק און מיט א פייף און מיט א קנאק. דאס פאהרען זיי פונ'ם פאראחאד מיט פארשוינדלעך, ווילען איבעריאגען איינס דאס אנדערע, הויבען זיי אויף אזא שטויב, אז מע זעהט ניט ארוים די פאסאזשירען, וואס פאר א פנים זיי האבען. נאר אז אין וואגען געפינען זיך פאסאזשירען — דאס זעהט מען. און אלע יונגלעך מיט אלע משרתים פון די איינפאהר-הייזער מהוען זיך א לאז אקעגען דעם בעל-עגלה מיט א פרייליכען געפילדער: „אהער, פעטער! אהער פארפאהרט!“ און דער בעל-עגלה ענטפערט זיי אפ מיט דער בייטש, פליהט-דורך פארביי און ווערט פארשוואונדען אינ'ם געדיכטען שטויב, לאזט-איבער די יונגלעך און די משרתים מיט א נאז.

דאס איז אבער נאר זומער-צייט, בעת נאוויגאציע, ווען דער דניעפער געהט. ווינטער, אז דער דניעפער שטעלט זיך אוועק, לעבט דער איינפאהר פון איין אנדער סארט אורחים. ווינטער פאהרען אריין גרויסע בוכטעס, אדער בוידען, געפאקט מיט א מין סחורה, וואס איז איינגעוויקעלט אין ציגאווקעס און שטינקט מיט טאראן. דאס זענען שוין ניט קיין אורחים אויף צו עסען שבתים און פארנעמען בעטלעך. זיי זענען ניט קליין צו ליגען אלע אינ-איינעם אויף דער ערד, אדער אין הויף ביי די וועגען, און זיי געבען צו לייזען נאר פאר היי און האבער. פון אזעלכע פארשוינען האט מען ווינציג נחת, און פרנסה נאך ווינציגער. הייגט דאס זיצען אליין אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער אויפ'ן פראסט איז אויך עפים ניט אזוי זים. דער העלד פון די דאזיגע באשרייבונגען געדענקט

גאַנץ גוט יענע צייט, ווען ער איז געזעסען אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער. זומער אין דער גרעסטער היץ געבראָטען זיך אויף דער זון, און ווינטער אויף דער קעלט געפרוירען ווי אַ הונט, איינגעהילט אין אַ צעריסען פעלצעל מיט אַזעלכע שטיוועלעך, וואָס האָבען זיך געבעטען צום שוסטער, און ער האָט געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס און אַרויסגעקוקט, טאָמער וועט זיך באַווייזען אַ בעל=עגלה, אָדער אַ בוכטע מיט אורחים, וועט ער אויפשטעהן, זיך לאָזען אַקעגען: „אַהער פאָהרט! פאַרפאָהרט אַהער!“ זענען אָבער בעלי=עגלות, ווי אויף צו=להכעים, דורכגעפלויגען פאַרביי און זענען גאָר פאַרפאָהרען אין אַ צווייטען, אַ רייכערען איינפאָהר, טאַקי אַקעגען, צו ראובן יאַסנעגראַדסקי. דאָרט זענען, זאָגט מען, פאַרהאַן חדרים גרויסע, מיט ווייכע בענקלעך, מיט שפּיעגלען, מיט נאָך און נאָך זאַכען, וואָס די ראַבינאָוויטשעס פאַרמעגען דאָס ניט. דערפאַר איז דאָרט תמיד פול געפּאַקט מיט פעטע אורחים, און ביי זיי, ביי די ראַבינאָוויטשעס אין איינפאָהר, איז פוסט, האָטש הינט צו פאַרטרייבען. און דאָס פאַרדריסט שלומ'ען זעהר שטאַרק— אויף וועמען? אויף גאָט! פאַר וואָס האָט גאָט ניט געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל בעסער געבוירען ווערען ביי ראובן יאַסנעגראַדסקי, איידער ביי נחום ראַבינאָוויטשען פאַר אַ זוהן?...

און ראובן יאַסנעגראַדסקי ווערט ביי איהם אַ סימבאָל פון מזל, פון עשירות און פון אַלדאָס גוטס. און אַ סך פעטע אורחים ווערט ביי איהם אַ אידעאַל, אַ צווייטער „אוצר“, פון וועלכען ער חלומ'ט אַצינד, ווי ער האָט געחלומ'ט אַמאָל, אין שמואליק'ס צייטען. און עס שטעלט זיך איהם פאָר אין יעדען פוהרעל, וואָס פאָהרט=דורך פאַרביי, אַז דאָס פאָהרט אַ בעל=עגלה מיט בכבוד'ע פאַרשויגען, פעטע אורחים אין בערענע פעלצען. עס פאָהרט=דורך דער בעל=עגלה אַקוראַט נעבען זייער איינפאָהר, און איידער שלום באַווייזט אַרויסצורעדען דאָס וואָרט: „אַהער!“ האָט דער בעל=עגלה שוין אַליין אָפּגעשטעלט די פערדלעך: „טפּררררו!“ — און עס קריכען=אַרויס פון דאָרטען איינס נאָך דאָס אַנדערע די בכבוד'ע

פאַרשווינגען אין זייערע בערענע פעלצען. און מע טראָגט-אַראָפּ נאָך זיי געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, אָנגעפּאַקט מיט כל טוב, יעדער טשעמאָדאַן וועגט אַ פּוד! און זיי מאַרשירען-אַריין אין שטוב אַריין, און זיי הייסען זיך געבען איטליכען באַזונדער אַ נומער, און בעטען, מע זאָל זיי דערלאַנגען סאַמאָווארען, און הייסען קאָכען ווארעמעס און וועטשערע. און עס קומט-אַריין צו זיי דער טאַטע אין דער יאַרמעלקע, מיט אַ שמייכלענדיג פּנים, און שטעקט זיי אָפּ אַ ברייטען שלום-עליכם און פרעגט זיי, צי רעכענען זיי דאָ שבת האַלטען? צעלאַכען זיי זיך און זאָגען: „וואָס עפּיס איין שבת? פאַר וואָס ניט דריי שבתים?“ אין לאָזען לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זענען גאָר סוחרים, וואָס זענען געקומען קויפען ווייץ, און ביי קויפען ווייץ וועט דער טאַטע קאָנען האַפּען אַ שען פּאַרדיענסטעל קאָמיס'ע, און מאַקי פאַר וואָס ניט אָפּלעקען אַ בייגדעל?... אין דעם קומט-אָן די שטיפמאַמע, אַרויפגעחאַפּט אויף זיך די שבת'דיגע זיידענע פעטשיילע; דאָס פּנים פלאַקערט איהר פאַר פרייד, און זי קוקט מיט איין אויג אויף די פעטע אורחים און טהוט אַ פרעג שטילערהייט: „ווער האָט דאָס זיי געבראַכט צו פיהרען?“ „ס'איך האָב זיי פאַררופען, איך!“ — ענטפערט איהר שלום מיט גדלות, און איז גליקליך מיט'ן ליגען, וואָס ער האָט דאָ נאָר-וואָס אָפּגעטאָקט. גליקליך, וואָס אויך ביי זיי וועט אַמאָל זיין אַ גוטער טאָג, האַטש איין טאָג אַ גוטער. און אַ שבת אַ גוטער — אַך! וואָס פאַר אַ פרייליכער שבת ביי זיי וועט זיין! און פאַר וואָס עפּיס נאָר איין שבת? פאַר וואָס ניט אַלע דריי שבתים?..

דאָס אַלסדינג וואָלט געווען זעהר גוט, ווען ס'זאָל ניט זיין קיין דמיון, קיין חלום. די דאָזיגע פעטע אורחים אין די בערענע פעלצען מיט די געלע טשעמאָדאַנעס זענען מאַקי צוגעפאָהרען און מאַקי אָפּגעשטעלט זיך, נאָר ניט ביי זייער איינפאָהר — אַקוראַט אַקעגען האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט, ביי ראובן יאַסנעגראַדסקי'ס איינפאָהר... „אַך! וואָסערע שלעכטע, שלעכטע אורחים! וואָס

וואָלט זיי געהערט, זיי זאָלען בעסער געווען פאַרפאָהרען צו אונז?" — טראַכט זיך דער שטענדיגער בעל-דמיון און קומט-אַריין אין שטוב אַ דורכגעפרוירענער דורך און דורך, און טרעפט דעם טאַטען אינ'ם קעצענעם חאַלאַטעל, איינגעבויגען אין דרייען איבער אַ ספר, און די שטיפמאַמע גליהט ווי אויף פּאָקען: „ניט געקומען קיינער? וואָס וועט זי טהון מיט'ן ברויט, וואָס זי האָט אָנגעבאַקען, און מיט די פיש, וואָס זי האָט אָנגעקאָכט? חאָטש נעם וואַרף זיי אַרויס פאַר די הינט! צי איהר מיינט אפשר, אַז ס'וועט זיין פון אייערטוועגען? — ווענדט זי זיך צו די שטיפקינדער — איהר זענט גאָר נעבאַך קראַנק צו עסען אַלטגעבאַקען ברויט! ס'וועט זיך אייך אודאי שטעלען פאָפעריק אין האַלז, אָדער אייער מאָגען וועט עס חלילה ניט פאַרדייען! אַ קלייניגקייט, אַזעלכע איבערגעוואַשענע קינדערלעך, אַ גאַנצע חאַליאַסטרע, קיין עין-הרע, און אַלע אַזוי איידעל געפּאַצקעט! מע האָט זיי גאָרניט געקאָנט איבערלאָזען, ווי די מיידלעך, אין באָהסלאַוו ביי'ם זיידען מיט דער באַבע, זיי זאָלען בעסער דאָרטען קרענקען, איידער נעמען זיי אַהער, נעמען זאָל אייך דער רוח, זיי זאָלען העלפען עסען, עסען זאָלען אייך ווערעם און מאַטשען אייער לייב לעבעדיגערהייט, ס'זאָל פאַלען פון אייך שטיקער, ווי סע פאַלט פון מיר, אַז עס קומט דער ווינטער, קומען זאָל אויף אייך איין אויסהאַפּעניש מיט איין איינדאַרעניש מיט איין איינשרימפּעניש"...

דאָ געהט אַוועק אַ באַקאַנטער מענה-לשון, און שלום דער בעל-החלומות פאַרגעסט, אַז ס'איז איהם קאַלט, און ער לויפט אַרויס צוריק אויף דער קעלט, צוריק צום טויער אויפ'ן בענקעלע. דאָרט איז בעסער. דאָרט קאָן מען חאָטש זיצען רוהיג און חלומ'ען וועגען דעם, טאָמער וועט גאָט פאָרט צושיקען עפּיס פעטע אורחים מיט בערענע פעלצען, מיט געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, וואָס וועלען זיך אפשר פאָרט אָפּשטעלען ביי זיי אין איינפאָהר, ניט אַקעגען ביי ראובן יאַסנאָגראָדסקי?... גאָט, אַז ער וויל, קאָן ער!

47

דער קאָלעקטאָר

זשקסישע און בערדיטשעווער לאָטעריי-צעטלען. — גרויסע האָפֿע-נונגען, נישטיגע געווינסען. — ער שרייבט אַ ראָמאַן אויף׳ן שניט פון מאַפּו׳ס „אהבת ציון״.

צו באַוואונדערען, וואָס פאַר אַ שטאַרקער מענטש אָט דער שוואַכער איד, דער שטילער און פאַרטראַכטער נחום ראַבינאָוויטש, האָט באַדאַרפט צו זיין, אַז ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגען דעם גלות פון דער שטיפמאַמע, אויסהערען איהר מענה-לשון מיט איהרע ברכות, צוזעהען, ווי זי פייניגט זיינע קינדער, און נישט אַרויסטרעטען מיט אַ וואָרט אפילו! וואָס דער מענטש האָט איבער-געטראָגען אינווענינ ביי זיך אין האַרצען — קאָן מען ניט וויסען. אַרויסבאַוויזען האָט ער עס אָבער קיינמאָל ניט און אַרויסגעזאָגט האָט ער עס קיינעם ניט. און דערפאַר, אַפּנים, האָט זי געלעגט אויף איהם כבוד, געעהרט, רעספּעקטירט, נישט באַגאַנגען זיך קענען איהם אַזוי גראָב, ווי צו זיינע קינדער, למשל, און געשעצט איהם אַזוי הויך, ווי ס׳איז נאָר מעגליך געוועזן פאַר אַזאַ אידינע, וואָס האָט אַליין אויך קיין האָניג ניט געלעקט, נעבאַך, גוט אויס-געריסען געוואָרען, געהאָרעוועט ווי איין אָקס אויף אַזאַ גרויסער שטוב מיט אַ חאַליאַסטרע קינדער, אייגענע און פרעמדע.

און אפשר האָט זיך איהר רעספּעקט גענומען דערפון, וואָס

זי האָט געזעהען, מיט וואָס פאַר אַ כבוד מע האַלט איהר מאַן אין שטאָדט, האָטש אַלע ווייסען, אַז ער איז ווייט פון אַ נגיד, פאַרדיענט קוים דאָס שטיקעל ברויט. קיין נאַרישע אידינע, ווי געזאָגט, איז זי ניט געווען, נאָר אַ פאַרביטערטע נשמה, נישט קיין איינגעהאַלטענע בשעת כעס און בטבע איין אָפּענטליכער מענטש: וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. דערפאַר, וואָס דער טאַטע האָט איהר קיינמאָל נישט געשטעהרט אין איהר מענה־לשון האָט זי איהם ניט געשטעהרט אין זיינע זאַכען — אַריינקוקען אין אַ בוך, שפּיעלען אַ שאָך אָדער אַזוי פאַרברענגען מיט אַ מענטשען. און די מענטשען, מיט וועלכע דער טאַטע האָט פאַרבראַכט, זענען געווען לויטער משכילים, אויפגעקלערטע יונגע־לייט און גלאַט „קאַפּמענטשען“. מע קאַן זאָגען, די סמעטענע פון דער דעמאָלטיגער שטאָדט־אינטעליגענץ. דאָס איז געווען אַ גאַנץ בינטעל משכילים, וואָס פאַרדיענען אויסגערעכענט צו ווערען ביי די געמען און אָפּגעמאָהלט צו ווערען, ווי זיי שטעהען און געהען, מיט זייער גאַנצער פיגור.

דער ערשטער באַדאַרף באַשריבען ווערען „דער קאָלעקטאָר“, אַ איד אַ בעל־בשר, אַ שווערער איד, נאָר אַ „קאָפּמענטש“ און — ווי מע האָט אונטערגעשמועסט — אַ שטיקעל אַפּיקורס, האָטש ער האָט געטראָגען אַ לאַנגע קאַפּאָטע און גערדיכטע פּאות. נחום ראַבינאָוויטש האָט געזאָגט אויף איהם, אַז דער איד איז „עמוק“ און אַז ער „ווייסט אַ שלל“. גאַנצע טעג האָבען זיי געקאָנט אַוועק־זיצען איינצווייען און רעדען און רעדען אָהן אַ שיעור. פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי זיי אַזוי פיעל רעד? אָפטמאָל פלעגט דער קאָלעקטאָר קומען מיט אַ ביכעל, אָפטמאָל נעמען אַ ביכעל. ביי דער שטיפמאַמע האָט ער געהאַט אַ צונעמעניש: „דער קאָלטון“— דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ קאָלטונעוואַטע באָרד. נאָר אין שטאָדט האָט ער געהייסען „דער קאָלעקטאָר“. געהאַנדעלט מיט צעטלען, זאַקסישע און בראַנשווייגער צעטלען. געטראָגען האָט ער שוואַרצע ברילען (געהאַט קאַלי אויגען), זומער און ווינטער איז

ער געגאַנגען אין טיפע קאַלאַשען. קיין שטיוועל ניט, נאָר קאַלאַשען, ווייסע זאָקען און קאַלאַשען. אַ גרויסער אביון, נאָר אַ מורא'דיגער בעל-בטחון. געווען זיכער, אַז זיינע קונדען מוזען אַמאָל אויסגעמען דאָס גרויסע געווינס, און דורך דעם וועט ער שוין אַליין אויך געהאָלפען ווערען. און געווינען, האָט ער געזאָגט, וועט ניט קיין אַנדערער, נאָר נחום ראַבינאָוויטש. ער איז איהם מבטיח, וואָרום קיינער באַדאַרף ניט אַזוי נויטיג דאָס גרויסע געווינס, האָט ער געזאָגט מיט אַ טעם, ווי רב נחום ראַבינאָוויטש... עס קאָן זיין, אַז דאָס אייגענע האָט ער מבטיח געווען אויך זיינע אַנדערע קונדען. ער האָט זיי געהאַט אַ סך, כמעט די גאַנצע שטאָדט אידען האָבען געשפּיעלט לאָטעריי. נאָר נחום ראַבינאָוויטש האָט אין איהם געגלויבט, ווי אין אַ רבין, און גלייך מיט איהם אַרויס-געקוקט אויפ'ן גרויסען געווינס, ווי אויף משיח'ען, געזיפצט און געבענקט און געוואַרט, אַז אַט-אָט קומט דער קאָלעקטאָר מיט דער גוטער בשורה: מזל-טוב, רב נחום, איהר האָט געוואונען די פינף און צוואַנציג טויזענט"...

דער העלד פון דער באַשרייבונג געדענקט, אַז אַלע מאָל, ווען ס'האָט געהאַלטען ביי דער לעצטער ציהונג פון דער לעצטער קלאַס, האָט דער טאַטע ניט געקאָנט איינזיצען אויף איין אָרט, געזיפצט מעהר ווי אַלע מאָל, שטאַרק געגעהניצט און געצויגען זיך, ווי אין אַ פיעבער. גלייך מיט'ן טאַטען האָט אויך שלום געפיעבערט און אַרויסגעקוקט אויף דעם גליקליכען טאָג, אפשר נאָך מעהר ווי דער טאַטע. ער איז געווען זיכער, אַז ניט קיינער, נאָר זיין טאַטע איז דער קאַנדידאַט אויפ'ן גרויסען געווינס. דאָ האָט זיך איבערגע'חזר'ט ווידער אַ מאָל דער אוצר פון זיין חבר שמואליק. ער האָט געטראַכט וועגען דעם גאַנצע טעג. ער האָט געקאָנט אויסוועניג די נומערען פון'ם טאַטענ'ס צעטלען. ער האָט זיי גע-זעהען אין חלום. ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז גאָט זאָל זיין אַזאַ שלעכטער. וואָס וועט איהם אַהרען, דעם רבונו-של-עולם, אַז ס'וועט אַרויס דעם טאַטענ'ס נומער? דאָס איז

דאָך שוין ביי גאָט אַזוי גרינג, וואָס גרינגער קאָן שוין גאָר ניט זיין...

שלום, זיצענדיג אין דרויסען אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער, דערזעהט פון ווייטען דעם קאָלעקטאָר, ווי ער שפּרייזט מיט די טיעפע קאַלאָשען גלייך צו זיי, — לויפט ער אָנזאָגען דעם טאַטען אַ בשורה: „ער געהט!" — „ווער?" — „דער קאָלעקטאָר". — „און אַז דער קאָלעקטאָר, איז וואָס?" — „וואָס הייסט? היינט איז דאָך דער לעצטער טאָג פון דער ציהונג!"...

אַזוי זאָגט שלום צום טאַטען, און ער באַמערקט, ווי דעם טאַטען'ס געל־געקנייטשט פּנים איז בלאַס געוואָרען. אין זיינע פאַרזאָרגטע אויגען האָט זיך באַוויזען אַ פייערעל און איז באַלד פאַרלאָשען געוואָרען.

דער קאָלעקטאָר קומט־אַריין אַ פאַרסאַפּעטער — ער האָט איין אַסטמאַ. „ביי איהם בּליבּ עס", זאָגט די שטיפמאַמע. מוז ער פריהער איבערהאַפּען דעם אָטעם און זאָגט אַ גוט־מאָרגען. דער טאַטע פרעגט נישט ביי איהם גאָרנישט. ס'זאָל עפּיס זיין, וואָלט ער דאָך אַליין געזאָגט... יענער זעצט זיך אַוועק, פאַרשאַרט דאָס היטעל, ווישט זיך מיט דער פאָלע דעם פאַרשוויצטען שטערן און דערצעהלט אַ נייעס, אַז ס'איז היים מיט סכנת־נפשות! ממש עס ברענט! עס ברענט!... אַ פּויזע. ביידע שווייגען. דערנאָך בינדט ער אויף די פעטשיילע, אַ פאַרסמאָלצעוועטע, אַ רויטע, מיט גרינע פליאַמעס און שמעקט מיט הערינג. דאָרט ליגען ביי איהם אַלע לאָטעריי־צעטלען. ער נעמט־אַרויס מיט ציטערענדיגע באַ־וואַקסענע הענט אַ גרויסען בויגען פּאַפּיער מיט אַ סך ציפערען פון אויבען ביז אַראָפּ, זוכט און זוכט מיט די שוואַרצע ברילען. שאַט! ער האָט געפונען! ער שטעלט־אָן די שוואַרצע ברילען אויפ'ן טאַטען:

— אייער נומער, רב נחום, איז, דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טעות ניט, זעכצעהן טויזענט דריי הונדערט פיער און אַכציג?

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס איהר פרעגט ביי מיר. —

אָנגעפּערט איהם דער טאַטע מיט אַ שמייכעל. — מיר דאַכט, אַז איהר האָט אַ גוטען זכרון: איהר ווייסט אַלעמענ'ס נומערען אויף אויסווענינ.

— אויף אויסווענינ — זאָגט איהר? סע קאָן זיין. הכלל, זעכצעהן טויזענט, זאָגט איהר, דריי הונדערט מיט פיער און אַכציג.

ער קוקט דורך די שוואַרצע בּרילען און טאַפּט מיט די פינגער אינ'ם ציפערדיגען פּאַפּיער. שלום פיהלט, אַז אָט-אָט שפּרינגט איהם אַרויס דאָס האַרץ. נו? לאָמיר שוין הערען!... נאָר דער קאָלעקטאָר האָט צייט. ער רעדט זיך פּאַוואָלי:

— אייער נומער, רבּ נחום, האָט געוואונען... יאָ, ער האָט געוואונען...

שלום זעהט, ווי אויפ'ן טאַטענ'ס פּנים פליהט דורך אַ געל חמאַרעלע און ווערט פאַרשוואונדען. און אַליין גלוסט זיך איהם אויסשרייען מיט אַ קוויטש: קוקוריקו! — נאָר ער האַלט זיך איין און שלינגט איטליכס וואָרט, וואָס געהט-אַרויס פונ'ם קאָלעקטאָר'ס מויל:

— געוואונען... אָבער אַ קליין געווינסעל. גאָר אַ קליין געווינסעל! עס וועט זיך אָנגעמען אַחר נכיון פעט און כל ההוצאות, אַזוי גרויס... אַזוי גרויס...

דער קליינער חלש'ט שיער!

— אַזוי גרויס, ווי אַכט רובּעל מיט זעכציג. קומט פון אייך, אַפּנים, אויבּ איך בּין מיך גיט טועה, צוועלף מיט פופציג, און פון פריהער, אויבּ איהר געדענקט, דריי מיט אַכציג. האָבּען מיר, הייסט עס, אַ קיימאַ-לן פון זעכצעהן מיט דרייסיג? נמצא, אַז איהר בּלייבּט מיר שולדיג אויף להבא אַזוי גרויס, אַפּנים, ווי זיעבּען מיט זיעבּעציג. האַ? איז דאָס אַזוי, צי ניין? אַצינד ווילט איהר דאָך מסתמא אַ ניי צעטעל? וועל איך אייך געבּען. נעמט, רבּ נחום קלויבּט אייך אויס אַ נומער. הייַנטיגס מאָל, אם ירצה השם, וועט איהר שוין געוויס געווינען. דאָס איז אַזוי זיכער, הערט איהר, ווי מיר האָבּען הייַנט יום גימל אויף דער גאַנצער וועלט!

שוין? האָט איהר שוין אויסגעקליבען? וואָס פאַר אַ נומער? אַכט טויזענד זעקס הונדערט דרייצעהן? לאָז גאָט געבען מיט גליק, אין אַ גוטער שעה זאָל זיין!... וואָס קוקסט דו זיך אַזוי איין, — זאָגט ער צו שלום'ען — דו קונדאַס איינער? (אַ קוועטש דעם „טַם"). וואו האַלסט דו אינ'ם „שירי־תפארת", דו שייגאַץ איינער? (אַ קוועטש דעם „אַץ").

דער „שירי־תפארת" פון נפתלי הערץ וויזעל — דאָס איז אַ ביכעל, וואָס דער קאָלעקטאָר האָט געהאַט געבראַכט צו טראָגען דעם „שייגאַץ", ער זאָל לייענען, מיט נאָך ביכלער פון אָדם הכהן לעבענזאָהן און פון קלמן שולמאַן און פון רב יצחק בער לעווינזאָהן. און דער שייגאַץ (שלום) האָט זיי געשלונגען, זיצענדיג אין דרויסען אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער. און דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלען, וואָס זיין זוהן לייענט שוין אַזעלכע ביכלער, און געפרעגט ביי איהם, צי פאַרשטעהט ער חאָטש וואָס ער לייענט? שעמט זיך שלום זאָגען, אַז ער פאַרשטעהט, וואָרום ווי אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ טאַטען? ענטפערט פאַר איהם דער קאָלעקטאָר, אַז ער פאַרשטעהט זעהר גוט, דער „שייגאַץ", פאַר וואָט זאָל ער ניט פאַרשטעהן? זעהט איהר, מאַפו און סמאָלענסקין איז פאַר איהם נאָך אַ ביסעל פריה, פאַר אַזאַ וועווריק, נאָך צו פריה! — אַזוי לאָזט אויס דער קאָלעקטאָר, און מהאי טעמא, ווייל דער קאָלעקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאָך צו פריה, האָט דער וועווריק באַקומען ערשט רעכט חשק צו אָט די דאָזיגע ביכלער, און ער האָט בגנבה זיך צוגעהאַפּט צו מאַפּון און צו סמאָלענסקינען און אַ נאַש געגעבען בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זעהען, אַ ביסעל מאַפּו און אַ ביסעל סמאָלענסקין.

דאָס ערשטע, וואָס איז איהם געקומען צו דער האַנט, איז געווען דער ערשטער אידישער ראָמאַן „אהבת ציון" פון אַברהם מאַפּו. מאַפּו'ס „אהבת ציון" האָט ער איינגעשלונגען אין איין שבת, פון אָנהויב ביז'ן סוף, ליגענדיג אויפ'ן בוידעם און ברענענדיג ווי אַ שטרויענער דאַך. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערען

אויפ׳ן אומגליקליכען אַמנון, געוויינט און געחליפּעט! און האָט זיך שטערבליך פאַרליעבט אין דער שענער געטליכער תמר׳ען גלייך מיט דעם העלד פונ׳ם ראָמאַן, מיט אַמנונ׳ען, אויב ניט מעהר נאָך פון אַמנונ׳ען, געזעהען זי אין חלום און גערעדט מיט איהר אויף שיר-השירים שפּראַך, אַרומגענומען זי און געהאַלזט זי און געקושט זי...

. . . .

אויף מאָרגען איז דער פאַרליעבטער שלום אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען, מיט אַ מורא׳דיגען קאָפּוועהטיג, פאַרלוירען דעם אַפּעטיט צום עסען, אָבער טאַקי לחלוטין, — וואָס ס׳איז געווען פאַר דער שטיפמאַמע אַ רעטעניש: „גע׳פּגר׳ט אַ בער אין וואַלד! ניט אַנדערש!“ — אַזוי האָט די שטיפמאַמע געזאָגט און גענומען נאָכקוקען און נאָכפאָרשען, וואָס איז די מעשה, וואָס דער בחור האָט אויפגעהערט צו עסען?...

דער סוף פונ׳ם „אַהבת ציון“ איז געווען אָט וואָס פאַר אַ סוף. פון די אורחים, וואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי זיי אין איינפאָהר, זענען אַריינגעפאַלען איהם אָפּטמאָל עטליכע גראָשענס פאַר פאָלגען אַ גאַנג. אָט די גראָשענס האָט שלום אויסגעגעבען אויף פּאַפּיער, צונויפגענייהט דאָס פּאַפּיער אין אַ ביכעל, צעווירעט אַלע בלעטלעך פון ביידע זייטען, און האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבייט — שרייבען אַ ראָמאַן אויפ׳ן שניט פון מאַפּו׳ס „אַהבת ציון“, איין אייגענעם ראָמאַן, נאָכגעגאַנגען מאַפּו׳ן פּיס-טריט, מיט׳ן לשון און מיט׳ן סטיל און מיט׳ן גאַנצען פּלאַן, נאָר אונטער איין אַנדער נאָמען: ניט „אַהבת ציון“, נאָר „בת-ציון“, און די העלדען האָבען ניט געהייסען ניט אַמנון און ניט תמר, נאָר שלמה און שולמית. און אַזוי ווי בייטאָג איז ניט געווען קיין סך צייט צו שרייבען — אַ האַלבען טאָג דאַרף מען געהן אין חדר און אַ האַלבען טאָג העלפען אין איינפאָהר, — לכן האָט ער געמיינט אויסנוצען דערצו אויך די נאַכט. אַוועקגעזעצט זיך ביי

אַ לאַמפּ און געשריבען מיט קליינע אותיות'לעך, און געשריבען און געשריבען, ביז... ביז די שטיפמאַמע האָט דערהערט, סע סקריפּעט עפּיס, און דערזעהען, אַז עס לייכט זיך, האָט זי זיך ניט געפוילט און איז אַראָפּ פון בעט אַ באָרוויסע, זיך אונטערגע־גנב'עט און דערזעהען דעם חברה־מאַן זיצען און שרייבען, האָט זי אויפגעהויבען אַזאַ גוואַלד, אַז די גאַנצע שטוב האָט זיך אויפ־געהאַפּט אין איין שרעק, געמיינט, אַז סע ברענט. דער גאַנצער גוואַלד איז אָבער געווען נאָר איבער'ן קעראָסין, וואָס איז אויס־געברענט. „גאַז וועלען זיי ברענען, ברענגען און שרפה'נען זאָלט איהר, ליעבער גאָט! אַ מיתה משונה! אַ חלירע! אַ שרפה! אַ מגפה!“...

אַוודאי האָט דער טאַטע דעם ניט־געענדיגטען ראָמאַן „בת־ציון“ צוגענומען צו זיך, אינאיינעם מיט'ן גע'גנבה'טען „אהבת ציון“, און דער מחבר פון דער „בת־ציון“ האָט שוין געוואַרט אויף אַ רעכטען פּסק. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז דער טאַטע האָט דעם „בת־ציון“ באַוויזען, צום אַלעם ערשטען, דעם קאָלעקטאָר. האָט דער קאָלעקטאָר זיך גאָר ניט געקאָנט אָנקוקען אינ'ם כתב און אינ'ם לשון און אין דער מליצה! און ער האָט געשענקט דעם „קונדאַס“ אַזאַ קניפּ אין באַק, אַז ס'איז געבליבען שטעהן אַ בלויער סימן.

— איהר ווייסט גאָר ניט, רב נהום, וואָס פאַר אַ פּרי דאָס איז! שטראָף מיך גאָט, אויב איהר ווייסט! פון איהם וועט עפּיס אויסוואַקסען! אָט וועט איהר זעהען, וואָס פון איהם וועט אויס־וואַקסען!... קום נאָר אַהער, דו שייגאַיץ איינער, לאָם איך דיר שענקען האָטש נאָך אַ רעכטען קניפּ אין דיינע רויטע פּאַמפּעשקעס, אַ רוח אין דיין פּאָרענט און מיטען אַריין!

48

די גערעטענע איידעמס

דער „מיראָוואָי סודיאַ", אַ גוי, זאָגט מוסר די אידען. — לייזער-יאָסעל און מאַגידאָוו. - צאַצקעוואַטע איידעמס. טויזענט בלאַט גמרא אויסווענינ.

נאָכ'ן „קאָלעקטאָר" זענען אָפּטע אַריינגעהערט צו נחום ראַבינאָוויטשען געווען די „געראָטענע איידעמס", די אמת'ע זיידענע יונגעלייט, די צאַצקעס, די אינטעליגענץ פון שטאָדט.

איטליכע שטאָדט מיט איהרע השגות און מיט איהרע מאָדעס. אין פּערעיאַסלאַוו איז געווען אין יענער צייט אַ מאָדע — איידעמס. ביי די דאָרטיגע בעלי-בתים איז דאָס געווען אַ מין ספּאָרט, וואָס מע האָט זיך דערויף אויסגעבראַכט, זיך געלאָזט קאָסטען געלט, אַבי צו קריגען אַ רעכטען איידעם. באַצויגען האָט מען די סחורה, מיינסטענס, פון דער פרעמד. זעלטען ווער עס האָט אַ שידוך געטהאָן אין דער היים. סיידען אַזעלכער, וואָס האָט ניט צו באַצאָהלען. ווער אָבער עס האָט געקאָנט און געוואָלט געבען גדן, דער האָט זיך געבראַכט צו פיהרען פון דער ליטא אָדער פון פוילען איין איידעמעל אַ צאַצקע, יעדער נאָך זיין גוסט, נאָך זיין פאַסאָן, נאָך זיין השגה און נאָך זיין פאַרמעגען.

למשל, דער פעטער פיני האָט זיך געבראַכט איין איידעמעל דוקא ניט פון ווייט, פון לובען, אַ יונגערמאַן אַ בן-תורה, אַ רוחניות, וואָס האָט ניט געוואוסט קיין צורת מטבע. די מוהמע חנה פאַר

איהר שענער מאָכטער האָט אַראָפּגעבראַכט איין אײדעם פון יאַגאָטין, אַ פּאַרשוין, וואָס מע האָט געמעגט איהם אָנקוקען אויף בילעטען! ניט קיין איבעריגער חכם און נישט קיין גרויסער למדן, דערפאַר אַ פּאַרשוין! שבת נאָך דער חתונה, אַז מע האָט געפיהרט דאָס פּאָרעל אין שוהל און פון שוהל, האָבען אידען און ווייבער זיך געשטופּט קאָפּ אויף קאָפּ, איינגעקוקט זיך און באַוואונדערט און געשאַצט, ווער פון די צוויי איז שענער? און דוקא הויך אויף אַ קול. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ז י איז שענער, אַנדערע האָבען געדרונגען, אַז ע ר איז שענער. דער „ער“ מיט דער „זי“ האָבען דאָס ביידע געהערט, זיך פאַרדרויטעלט און דערפון געוואָרען נאָך שענער. מעהר האָבען די עלטערען ניט געדאַרפט, אַבי זיי האָבען אויסגענומען, זייער סחורה איז געפעלען, און די שטאָדט רעדט פון זיי. וואָס נאָך דאַרף מען האָבען צו פּאָפּולאַריטעט?... אָפּטמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מע האָט זיך געשלאָגען פאַר איידעמס. דאָס הייסט, מע מיינט ניט, חלילה, זיך געשלאָגען מיט שטעקענס. געשלאָגען הייסט — מחותנים האָבען זיך געקריעגט און געזידעלט, ווער עס האָט אַ שענערען איידעם. מחותנת'טעס האָבען זיך געשטעלט פייגען, און עס איז טאַקי דערגאַנגען אַמאָל צו פּעטש אויך, און ראָמאַנאָווסקי דער „מיראָוואָי סודיאַ“, אַ גוי אַ חריף וואָס פאַרשטעהט אידיש, האָט זיי געזאָגט מוסר... פאָרט אַ גוי! ווי קאָן אַ גוי פאַרשטעהן דעם תענוג פון פיהרען איין איידעם שבת אין שוהל אַריין, צוועקזעצען איהם אין זיינע נייע בגדים פון קאָפּ ביז פיס גאַנץ אויבענאָן אין מזרח, אויף דער אויסשטעלונג, איהם אָפּגעבען מפטיר, און ער זאָל אַרויפגעהן אויף דער בימה און אָפּקלינגען אַ הפטרה'לע, אַז ס'זאָל קנאַקען, און די ווייבער פון עזרת־נשים זאָלען זיך שטופּען דורך די פענסטער־לעך: „וואו איז ער? וואו?“... ניין, דאָס וועט אַ גוי קיינמאָל ניט פאַרשטעהן, ער מעג זיין דער גרעסטער חכם אין דער וועלט!

מעהרסטענטיילס אָבער איז דער היגער אַרטיקעל געווען אזא מיי וואָס ווערט גיך אָפּגענוצט, מהוט אַ גלאַנץ און ווערט

וואָכעדיג, ווי יעדער מין סחורה, וואָס הויבט־אָן ווערען אַלט, אָדער געהט־אַרוים פון דער מאָדע. אַ יאָהר, צוויי יאָהר — און דער געוועזענער איידעם, די צאַצקע, דער נעכטיגער פרינץ, ווערט אַ איך גלייך מיט אַלע אידען, עס הויבט זיך איהם אָן אויסשיטען אַ בערדעל, און ס'איז צו זעהען, ווי ער הויבט־אָן צו טראָגען אויף זיך דעם עול פון פרנסה. אַ רחמנות צו קוקען, ווי אַזוי דער געוועזענער איידעם, דער נעכטיגער פרינץ, וואָס איז, דאַכט זיך, ערשט פאַראַכטאָגען שבת געשטאַנען אין בית־מדרש אין מזרח אויף דער אויסשטעלונג, האָט אָפּגעטראָטען מחילה דעם אויבענאָן אַ נייעם איידעם אַ צאַצקע, אַ נייעם פרינץ, און ער קוקט אויף איהם און איז איהם מקנא, און זיין יונג ווייבעל, וואָס איז ערשט אָט דאָ ניט לאַנג געווען אַ קעניגין, שטופּט זיך מיט אַלע ווייבער גלייך פון עזרת־נשים אַהין, צום פענסטערעל: „וואו איז ער? וואו?“... אָט אַזוי איז אַלסדינג אויף דער וועלט. מיר וואָלטען דאָ באַדאַרפט זאָגען: דור הולך ודור בא, און עס וואָלט געווען אַ יושר אַריינצולאָזען זיך אַ ביסעל אין לעבענס־פילאָזאָפיע, נאָר מיר האַלטען ביי די גראָטעגע איידעמס, געהען מיר דעריבער אונזער וועג.

צוויי אַזעלכע גראָטעגע איידעמס זענען געווען, קאָן מען זאָגען, איין אויסנאַם פונ'ם כלל איידעמס, און זיי זענען דעריבער פאַרבליבען אין דער שטאָדט פערעיאַסלאַוו מיט'ן גאַנצען גלאַנץ אויף אַ לאַנגער־לאַנגער צייט נאָך זייער חתונה, ניט אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַלע אַנדערע איידעמס, און ניט אַרוים אַזוי גיך פון דער מאָדע. איינער האָט געהייסען לייזער־יאָסעל, דער אַנדערער — מאַגידאָוו. דעם ערשטען האָט אַראָפּגעבראַכט פון קאָרסון אַ גגיד אַ לעדער־הענדלער, וואָס האָט געהאַט ניט קיין איבעריג שענע טאָכטער און האָט אָבער געקאָנט רעכט באַצאָהלען. דעם אַנדערען האָט אויסגעשריבען פון דער ליטאַ ערגיץ אַ נגיד אַ ליוועראַנט, וואָס שטעלט־צו פערד אין „קאַזנאַ“, איהם געגעבעןביידע זאַכען: אי אַ שענע טאָכטער, אַ געזונטע שטיק, אי היבשליך נדן, אַ חוץ

מתנות און קעסט און וואָס איהר ווילט. און אַז מע האָט זיי אַראָפּגעבראַכט, האָט געקלונגען די שטאָדט, ממש געגאַנגען „חאָ=דאָראָם“! התונות זענען געווען אַזעלכע, וואָס ליגען עד היום אין טעם און זענען אַ לאַנגע צייט ניט פאַרגעסען געוואָרען. מע האָט גערעדט פון זיי נאָכדעם אין שטאָדט און אויסער דער שטאָט און אין אַנדערע שטעדט אַרום און אין דער גאַנצער סביבה. אַ קלייניגקייט, וואָס די צוויי חתונות האָבען אָפּגעקאָסט!... אויב די טעכטער זענען געווען גליקליך אָדער ניט — דאָס איז זיך אַ באַזונדערע זאַך. אויף וויפיעל אונז איז באַוואוסט, האָט אייגע פון זיי זיך גע'גט מיט איהר מאַן שוין דערנאָכדעם, אַז זי האָט געהאַט פון איהם אַ מתנה — עטליכע קינדערלעך, — און זי איז אַוועק קיין אַמעריקע... די אַנדערע — דער מאַן איהרער איז, דאַכט זיך, אָדער אַ מלמד, אָדער אַ שדכן, אָדער ביידע זאַכען אינאיינעם, פאַר זיכער איז שווער צו זאָגען, נאָר אַז ער איז איין אָרעמאַן — דאָס איז געווים. מיר רעדען אָבער נישט פון איצט. מיר רעדען פון דעם, וואָס איז געווען אַמאָל, מיר רעדען פון דעמאָלט! דעמאָלט זענען די פאָטער און מוטער, די שווער און שוויעגער, הייסט עס, געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל! אייגע פאַר דער אַנדערער האָבען זיך די שוויעגערס באַריהמט מיט די „מציאות“, וואָס זיי האָבען איינגעהאַנדעלט. אייגע האָט זיך אַרויסגערעדט פאַר די ווייבער, אַז זי האָט געבראַכט אַ פרוכת'על אין שוהל אַריין. האָט די אַנדערע זיך אויסגעדריקט נאָך שאַרפער, אַז זי האָט אַריינגעבראַכט אַ ספר=תורה'לע אין אָרון=קודש'על אַריין (צוליעב'ן פרוכת'על מיט'ן ספר=תורה'לע איז שוין דער אָרון=קודש ביי איהר געוואָרען איין „אָרון=קודש'על“...).

און באַריהמען זיך האָבען זיי געמעגט. זיי האָבען געהאַט מיט וואָס. לייזער=יאָסעל איז געווען אַ עלוי: אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געקענט — אַזוי האָט מען געשמועסט — טויזענט בלאַט גמרא בעל=פה; 1,000 — ניט קיין 999! פון תנ"ך שמועסט מען ניט. הייגט אַ בעל=לשון=קודש, און אַ בעל=מליץ, און אַ כתבא רבה,

און אַ בּרעז, אַ לאַ, אַ פאַרשלעפּטע קרענק... בּסוד האָט מען אפילו אונטערגעשמועסט, אַז ער איז אַ בּיסעל „געחאַפּט": פאַרקנייטשט דאָס דאַווענען, האַלט נישט פון תּעניתים, טראָגט דאָס נאָז-טיכעל אים שבּת, שרעקט זיך נישט איבּער פאַר אַ נקבה — און נאָך אַזעלכע זאַכען האָט מען געקאָנט הערען, בּיי׳ם פּעטער פּיני אין שטוב, למשל. דאָס איז אָבּער אַלסדינג עוועק בּטל אַקעגען די פּויזענט בּלאַט גמרא אויסווענינג.

דער צווייטער איידעם, מאַגידאָוו, איז אויך געווען אַ עלוי, אויך טויזענט בּלאַט גמרא אויסווענינג — 1,000 — נישט קיין 999— און אויך אַ בּעל-תּנ״ך און אַ בּעל-דקדוק און אַ בּעל-לשון-קודש און אַ שענער בּעל-דבּרן, נאָר שוין נישט קיין לאַ און נישט קיין פאַרשלעפּטע קרענק, ווי לייזער-יאָסעל. אַדרבּה, שוין אַ בּיסעל צו אַ חקרן, צו אַ טיעפער, פאַרדרעהטער מח. אַלסדינג, וואָס איהר זאָלט נישט זאָגען, איז פּונקט קאַפּויר. אַ שטיק עקשן — אַ „ליטוואַק"!

פאַרשטעהט זיך, אַז נחום ראַבּינאָוויטש האָט נישט דורכ-געלאָזט אַזאַ טייערע געלעגענהייט, אַז די דאָזיגע געראָטענע איידעמס זאָלען פאַרהערען זיין קליינעם בּעל-תּנ״ך און זעהען, ווי דער ימח-שמו׳ניק שלום שרייבּט לשון-קודש. בּיידע איידעמס האָבּען געפונען, אַז דער ימח-שמו׳ניק איז טאַקי אַ ימח-שמו׳ניק, און מע טאָר איהם נישט לאָזען געהן לאַבּוד. מע דאַרף זעהען פאַר איהם עפּיס אַ „תּכלית", מאַכען דאָס קינד פאַר אַ „מענטשען". איינער פאַר׳ן אַנדערען האָבּען זיי איהם אָפּגעלויבּט אין טאָג אַריין, געזאָגט, אַז „מע קאָן גאָר נישט וויסען, הערט איהר, וואָס פון דעם ימח-שמו׳ניק קאָן אַמאָל זיין"... און דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע בּרילען, וואָס רייבּט זיך אַרום יונגעלייט, האָט אויך צוגעבּאָמקעט, אַז ער זאָגט שוין לאַנג, אַז מע קאָן גאָר נישט וויסען, וואָס פון דעם „שייגאַץ" (אַ קוועטש אויף דער „אַץ") קאָן אַמאָל זיין... און דער ימח-שמו׳ניק, אָדער דער שייגאַץ, וואָס איז גע-שטאַנען דערבּיי, האָט דאָס אַלסדינג געהערט, און די נשמה האָט

איהם געצאפּעלט, און דאָס הארץ איז איהם געוואקסען, און דער קאָפּ האָט זיך איהם גערדעהט, ווי בּיי איינעם, וואָס קלעטערט אויף אַ גאנץ הויכען לייטער, און מענטשען שטעהען אַרום איהם און זעהען, ווי ער קלעטערט גוט, און געבּען איהם אונטער היץ און מאַכען איהם קוראַזש. אַ קלייניגקייט, אַזעלכע מענטשען לויבּען איהם, זאָגען, אַז „מע ווייסט ניט, וואָס פון איהם קאָן אַמאָל זיין!“... און דער טאַטע — שמועסט מען ניט. יענער איז געווען אויפ׳ן זיעבּעטען הימעל! יעדער זיפץ פון דעסט־וועגען האָט אויסגעריסען אַ שטיק הארץ. דאָס זיפצען האָט באַדאַרפט זאָגען: „איך וויים אַליין, אַז מע קאָן גאָר ניט וויסען, וואָס פון דעם ימח־שמו׳ניק קאָן אַמאָל זיין; נאָר גיט מיר איין עצה, אידישע קינדער, וואָס טהוט מען מיט איהם? ווי אַזוי מאַכט מען איהם פאַר אַ „מענטשען“? אַדרבּה, גיט עפּיס איין עצה?“...

און עס האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט איהם געגעבען איין עצה, אַ שאַרפע, אַ ראַדיקאַלע, נאָר אַ רעכטע עצה — און איהם האָט דער טאַטע געפאָלגט. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פערעיאַסלאַווער אינטעליגענטען מיט׳ן נאָמען „אַרנאָלד“, אַ יונגערמאַן אַ פילאָזאָף פון הינטער דער שטאָדט, פון די אַזוי־גערופענע „פידוואַרקעס“. איהם שענקען מיר אַ באַזונדער קאַפּיטעל.

49

אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס

די פאָרשטאָדט פון פּערעיאַסלאַוו. — אַרנאָלד איין אַפּיקורס. — יציאת-מצרים אַ לעגענדע. — וואָס דרעפּער זאָגט אויף רמב"ם. — ראַבינער-שול און גימנאַזיע.

כמעט יעדע שטאָדט פון דער געבענטשטער „טשערטאַ" האָט זיך איהר פאָרשטאָדט, איהר „סלאָבאָדקע", וואָס איהר באַפעל-קערונג באַשטעהט מעהר פון גויים איידער פון אידען, און די אידען, וואָס זיצען דאָרט, זענען ניט די אידען, וואָס אין שטאָדט. איין אַנדער טיפּ אידען, זיי זעהען-אויס מעהר דאָרפיש, זענען ניט אַזוי פּיפיג, ווי די שטאָדט-אידען, אַ ביסעל פאַרגרעבט, טראָגען גרויסע שטיוועל, שמעקען מיט פעלץ. אָנשטאָט „גענוג" זאָגען זיי „האָדי". לאַכען לאַכען זיי הויך און מיט אַ קמץ: חאָ-חאָ! און די רי"ש רעדען זיי אַרוים האַרט, ווי צוויי רי"שען, אָדער נאָך מעהר: „ררבי! דערר פעטערר מרדכי האָט אייך גערררופען אויפ'ן ברית"...

אין דער געגענט פון פּערעיאַסלאַוו געפינט זיך אַזאַ מין סלאָבאָדקע, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער שטאָדט מיט אַ הילצערנער בריק און מיט אַ טייכעל, און רופען רופט זיך עס מיט'ן נאָמען אויף אידיש: „די פּידוואָרקעס". דאָס איז איין ערטעל מיט איין אַנדער אויסזעהען, מיט איין אַנדער אַטמאָספערע. אַהי'ן געהט מען זיך דורך אַמאָל, אַז מע האָט צייט, חאַפּען פרישע

לופט, ווייל דאָרטען זענען דאָ סערער, דאָרט וואַקסט גראָז. אַהין גענען שפּאַציערען שבת בייטאָג יונגלעך און מיידלעך. דאָס הייסט, נישט חלילה יונגלעך מיט מיידלעך אינאיינעם — יונגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער, נאָר ס'איז שוין במילא, אַז מע באַגעגנט זיך איבער דער בריק געהענדיג, שטעלט מען זיך אָפּ, כאַפּט מען אַ קוק, וואַרפט מען זיך דורך מיט אַ וואָרט. אַמאָל טהוט מען זיך אַ שאַר אויך, אַ דיהר־אָן איינס דאָס אַנדערע מיט'ן עלענבויגען, און דער בחור מיט'ן מיידעל ווערען רויטליך, יונגע הערצלעך קלאַפּען... פון עטליכע מאָל אַזוי באַגעגענען זיך אויף די „פּידוואָרקעס" הויבט מען זיך אָן איבערשרייבען בסוד־סודות מיט בריוועלעך, און עס פּיקט זיך אויס אַמאָל אַ ראָמאַן. מיט וואָס אַט אַזאַ ראָמאַן ענדיגט זיך — דאָס וועלען מיר האָבען אַ געלעגענהייט זעהען ווייטער. דערווייל האַלטען מיר נאָך ביי „אַרנאָלדען פון די פּידוואָרקעס", און אָט מיט איהם ווילען מיר זיך דאָס באַקענען.

דאָרט, אויף די „פּידוואָרקעס", האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט אַ באַקאַנטען און אַ גוטען פריינט מיט'ן נאָמען „בנימין־קלמן פון די פּידוואָרקעס". אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, האָט בנימין־קלמן פון די פּידוואָרקעס געהאַנדעלט תבואה בשותפות מיט נחום ראַבינאָוויטש, אינאיינעם „געגרוזעט" באַרקעס און בערלינעס קיין קעניגסבערג און קיין דאַנציג. די לעצטע צייט איז ער אַ ביסעל אַראָפּ, אָנגעוואוירען דעם גלאַנץ, געהאַנדעלט קליין, געגאַנגען האַרט ביי די ווענט. נאָר די גוטפריינדשאַפט פון די געוועזענע שותפים איז פאַרבליבען די זעלבע, וואָס אַמאָל. ער איז אָפט אַריינגעקומען אַ ביסעל זיצען און שמועסען. געשמועסט האָט, איינגעטליך, בנימין־קלמן. ער האָט ליעב געהאַט רעדען. צום מייגסטען — דערצעהלען מעשיות פון זיין יונגערען ברודער אַרנאָלד. „מיין אַרנאָלד! וואו האָט איהר נאָך אַזאַ קאָפּמענטש, ווי מיין אַרנאָלד? אַזאַ קענער, ווי מיין אַרנאָלד? אַזאַ עהרליכען מאַן, ווי מיין אַרנאָלד? וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר איין אַרנאָלד

דאָס איז! שוין איין מאָל איין אַרנאָלד!"... און אַזוי ווייטער.

נישט נאָר דער ברודער בנימין-קלמן — אַלע האָבען גערעדט פון אַרנאָלדען. „אַרנאָלד פון די פידוואָרקעס" איז געווען אַ מין העלד אין שטאָדט. ערשטענס, אַ באַיאָהרטער בחור, אָדער איין אַלמן, און אפשר אַ גרוש, נאָר סאַי-ווי-סאַי — אָהן אַ ווייב. אַ איד אָהן אַ ווייב איז דאָך גלאַט אַ זעלטענהייט. אַ חוץ דעם, איז ער אַ נאָטאַריוס. אַ א י ד אַ נ אָ ט אַ ר י ו ס — דאָס איז דאָך שוין אודאי אַ זעלטענהייט! איהר האָט עפּיס אַ סך געזעהען אידישע נאָטאַריוסען ביי אונז? דאָס הייסט, ער איז נאָך דערווייל נישט קיין נאָטאַריוס, נאָר ער וועט זיין אַ נאָטאַריוס. וואָרום ער שטודירט אויף נאָטאַריוס. ער שטודירט שוין פון לאַנג. ער דאַרף נאָר אָפּגעבען „עקזאַמענט", אַזוי ווערט ער באַלד אַ נאָטאַריוס. סיידען ער וועט ניט אָפּגעבען דעם „עקזאַמענט". נאָר פאַר וואָס זאָל ער ניט אָפּגעבען? „ער וועט געוויס אָפּגעבען, — אַזוי זאָגט בנימין-קלמן — און ער וועט געוויס זיין נאָטאַריוס, ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. איהר שפּיעלט זיך מיט מיין אַרנאָלדען?"...

וואָס אַ נאָטאַריוס איז — דאָס ווייסען אַלע, און שלום אויך. פאַרהאַן אין פּערעיאַסלאַוו אַ נאָטאַריוס, איז ער אַ גוי און הייסט נאָוואָוו. נאָוואָוו דער נאָטאַריוס. נאָר וואָס הייסט „אָפּגעבען עקזאַמענט" — דאָס ווייסט ער שוין ניט. וו אָ ס דאַרף ער אָפּגעבען, און ו ו ע מ ע ן דאַרף ער אָפּגעבען, און ווי אַ ז ו י ניט מען דאָס אָפּ „עקזאַמענט"? — דאָס זענען פון די זאַכען, וואָס מע הערט פון זיי און מע רעדט זיי נאָך, נאָר מע זאָל פאַרשטעהן וואָס דאָס איז — דאָס ניט. למשל, אויף אַרנאָלדען פון די פּיד-וואָרקעס זאָגט מען, אַז ער שרייבט אין די גאַזעטען, און אַז די גאַנצע שטאָדט, סאַי אידען, סאַי קריסטען, האָבען מורא פאַר איהם, ער זאָל זיי ניט באַשרייבען אין „קיעווליאַנין". פאַרשטעהט ניט שלום, ערשטענס, וואָס האָבען זיי מורא? און צווייטענס, ווער איז געווען דער „קיעווליאַנין"? ער הערט אַלע זאָגען, זאָגט ער

נאָך, אַז אַלע ציטערען פאַר ארנאָלדען, פאַר זיין מויל און פאַר זיין פּען, ווי פאַר'ן מלאך־המות. אויסבאַהאַלטען זיך פאַר איהם איז אוממעגליך, און אונטערקויפען איהם — פאַרמאָגט קיינער ניט אַזוי פיעל געלט. „זיי ווילען זיך דערשפּיעלען! — אַזוי פלעגט בנימין־קלמן זאָגען מיט אַ שמייכעלע. — לאָז מיין אַרנאָלד נאָך ווילען זיך פּאַצקען די הענט, אַזוי באַשרייבט ער זיי אין „קיעוו־ליאַנין" פון קאָפּ ביז פיס אַלעמען, לאָזט ניט איבער איינעם ניט קיין באַשריבענעם! איהר שפּיעלט זיך מיט מיין אַרנאָלדען?"...

שענער פון אַלץ איז דאָס — און זעהר כאַראַקטעריסטיש, — וואָס אַרנאָלד איז געזעסען מיט זיין ברודער בנימין־קלמן אויף די פּידוואָרקעס אונטער איין דאַך ימים ושנים ברוגז'ע, ניט אויס־גערעדט אַ וואָרט צווישען זיך, נאָר איינער פאַר'ן אַנדערען האָבען זיי זיך געלאָזט די פינגער שניידען! „מיין אַרנאָלד"... „מיין בנימין־קלמן"... קיינער, ניט אויף די פּידוואָרקעס, ניט אין שטאָדט, האָט געזעהען אַמאָל ביידע ברידער געהן אינאיינעם, אָדער געהערט אויסרעדען זיי אַ וואָרט. אפילו ביי איין טיש ניט געזעסען. אַרנאָלד האָט זיך געהאַט ביי בנימין־קלמנ'ען אין שטוב זיין חדר'על, פול מיט ספרים און ביכער ביז דער סטעלי, און געלעבט זיך גאַנץ אַליין — אַ מין פּרוש. מאָדנע ברידער! אַ מאָדנער מענטש אָט דער אַרנאָלד! און דער איז דאָס געווען פון די אָפּטע אַריינגעהער צו נחום ראַבינאָוויטשען. זיין אַריינגעהן איז אָבער געווען ניט ווי דאָס אַריינגעהן פון די איבעריגע משכילים. ער איז אַריינגעקומען ניט גלאַט פּלאַפּלען, רעדען דברים בטלים, נאָר אָדער מיט אַ בוך, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ניט געזעהען, אָדער מיט אַ בלאַט „קיעווליאַנין", אָדער מיט אַ טענה צו דער שטאָדט און צו איהרע רעדעלפיהרער. שלום האָט פאַר איהם געהאַט מעהר רעספּעקט, ווי פאַר אַלע אַנדערע. ער איז ניט אָפּגעטראָטען פון איהם, געקוקט איהם גלייך אין מויל אַריין און איינגעהערט זיך, ווי אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס וועט אָפּגעבען דעם „עקזאַמענט" און וועט זיין

אַ נאָטאַריוס? אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס שרייבט אין „קיעוולִיאַנין“, נאָר ער וויל זיך ניט פּאַצקען די הענט? צו וואָס דאַרף מען זיך פּאַצקען די הענט, אַז מע שרייבט אין „קיעווליאַנין“?... און ער לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון אַרנאָלדען. דער אַרנאָלד איז איהם געפעלען. זעהר אַ סימפּאַטישער, איין איינגעגומענער פּאַרשוין. גישט קיין גרויסער, אַ דאַרינקער, נאָר אַ פעסטער, ווי פון שטאָל אויסגעגאָסען. אַ געל בערדעלע, און דוקא גוט אונטערגעשוירען, קיין סימן פון קיין פּאות. אַ קורץ רעקעלע, אַ דין שטעקעלע, און אַ צינגעלע — שאַרף ווי אַ גאָלמעסער! פּער און שוועבעל! רעדט על ה' ועל משיחו! לאַכט־אָפּ פון די חסידים, מאַכט אַ תל פון די „פּאַנאַטיקער“. „עהרליך דאַרף מען זיין — וואָס טויג מיר פרומקייט? מען איז אייך מוחל אייער פרומקייט, זייט בעסער עהרליך!“ — און זיין שאַרפער גיפטיגער געלעכטער הילכט־אָפּ וויט־ווייט!

וואונדערט זיך שלום, ווי אַזוי שטעלט זיך איין אַ איד אַזוי צו רעדען און אַזעלכעס צו זאָגען? אַפּנים, אַז ער מעג. אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס מעג אַלסדינג, וואָרום ער הייסט אַרנאָלד און איז אַ נאָטאַריוס, דאָס הייסט, ער וועט זיין אַ נאָטאַריוס.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער פעטער פּיני זיצט אויך דערביי און הערט, ווי אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס דרשנ'ט. קאַטשעט ער זיך פּאַר געלעכטער און זאָגט: „אַרנאָלד! אוי, אַרנאָלד, אַרנאָלד!“ דער פּשט דערפון, אַפּנים, דאַרף זיין: „ווי טראָגט אויף זיך די ערד אַזאַ רשע, ווי דו ביזט?!“... פון דעסטוועגען האַלט אפילו דער פעטער פּיני אויך פון אַרנאָלדען. איבער זיין עהרליכקייט. זיין עהרליכקייט האָט אַ שם אין שטאָדט. אַ משוגענער עהרליכער! אַ מענטש, וואָס האָט פּאַר קיינעם קיין מורא ניט, זאָגט אַלעמען דעם ריינעם אמת, און גלייך אין די אויגען, און דער עיקר, ער לאַכט זיך אויס פון די גבירים, שפּייט אויף געלט! נו, זאָגט שוין איהר אַליין, ווי אַזוי האַלט מען ניט פון אַזאַ מענטשען? האַלט אָבער אַרנאָלד ניט פון אייך, ניט פון

קיינעם, למשל, פונ'ס פעטער פיני'ן איז ער אויך ניט נתפעל. טאַקי אַ שענער איד מיט אַ שענער באָרד, נאָר אַרנאָלד האַלט ניט פונ'ס פעטער פיני'ן. ער האַלט פון זיין ברודער נחומ'ען אַ סך מעהר. דערפאַר, זאָגט ער, וואָס נחום ראַבינאָוויטש איז אַ איד אָהן אַ מאַסקע און נישט קיין פאַרנאַרישטער חסיד; איהם קאָן מען זאָגען וואָס מע וויל, רעדען נישט נאָר אויפ'ן רבי'ן, אפילו אויף משה־רבינו'ן. שלום אַליין האָט געהערט אַרנאָלדען זאָגען דעם טאַטען, אַז ער, אַרנאָלד פון די פידוואָרקעס, גלויבט ניט אין יציאת־מצרים! ס'איז אַ „לעגענדע“, האָט ער געזאָגט. די גאַנצע מעשה איז אַ „לעגענדע“. שלום האָט אָפגעשאַצט דאָס וואָרט „לעגענדע“, אַז עס נעמט זיך מסתמא פונ'ס וואָרט „ליגען“. אַ „לעגענדע“ הייסט, אַפנים, אַ קליין ליגענדעל. נאָך גוט, וואָס ניט קיין גרויסער ליגען... הערט אַ שענם: איינמאָל איז אַרנאָלד פון די פידוואָרקעס געקומען צו לויפען מיט אַ גראָבען בוך: „נאַט זעהט, וואָס דרעפער זאָגט אויף אייער רמב"ם! דער רמב"ם איז געווען הויף־דאָקטאָר ביי'ם טערקישען סולטאַן דרייצעהן יאָהר. האָט ער זיך צוליעב דעם גע'שמד'ט. דרייצעהן יאָהר געווען אַ טערק. אייער רמב"ם, אייער „מורה־נבוכים“ — וואָס וועט איהר היינט זאָגען?“...

אַ גליק, וואָס דער פעטער פיני איז דערביי ניט געווען! ווע־ווע, וואָס וואָלט געווען, אַשטייגער, ווען דער פעטער פיני זיצט דערביי?...

פאַר אָט דעם חברה־מאַן האָט זיך, אַפנים, שלומ'ס פאָטער באַריהמט מיט זיין זוהנ'ס שרייבעכצען און מיט איהם, אַפנים, זיך איין עצה געהאַלטען, וואָס טהוט מען מיט'ן קינד, ווי אַזוי מאַכט מען איהם פאַר אַ „מענטשען“? שלום איז אָנגעקומען אויף די דאָזיגע רעד פון אַרנאָלדען:

— די שרייבערייעכצען זיינע בין איך אייך מוחל. נעמט וואַרפט זיי אַרוים אויפ'ן מיסט. אַזעלכע שרייבערייעכצען זענען

ניט ווערטה דאָס פּאַפּיער. און דעם קליינעם, אויב איהר ווילט איהם מאַכען פאַר אַ מענטשען, נעמט און ניט איהם אַוועק אין דער „אויעזדנע“. פון דער „אויעזדנע“ זענען פאַר איהם דערנאָך אַלע וועגען אָפען: ווילט איהר אין ראַבּינער־שול — איז אין ראַבּינער־שול. ווילט איהר אין גימנאַזיע — איז אין גימנאַזיע...

מיט שלום'ס אַריינקומען איז דער שמועס איבערגעריסען געוואָרען. און הגם אַרנאָלד'ס קריטיק איבער זיינע „שרייבעריי־עכצען“ איז געווען פאַר'ן יונגען שריפטשטעלער עפּיס ניט אַזוי פריידיג, און איין אָרט האָט מען זיי אַוועקגעגעבען עפּיס ניט אַזאַ בכבוד'יגען (אויפ'ן מיסט), פון דעסטוועגען איז שלום געוואָרען אָט דעם אַרנאָלדען פון די פּידוואָרקעס דער גרעסטער גוטער פריינט — נאָר פאַר'ן וואָרט „גימנאַזיע“, וואָס האָט געקלונגען אין זיינע אויהערען ווי די שענסטע מוזיק און געהאַט דעם זיעבעטען חן ביי איהם אין די אויגען. ניט אַזוי נאָך דאָס וואָרט „גימנאַזיע“, וואָס ער האָט נאָך, אייגענטליך, ניט געוואוסט מיט וואָס מע עסט דאָס, ווי דאָס, וואָס ער וועט זיין אַ „גימנאַזיסט“! אַ קלייניגקייט, אַ גימנאַזיסט? אַ גימנאַזיסט האָט ער געוואוסט, געקענט, געזעהען מיט זיינע אויגען. דאָס איז געווען דער איינציגער אידישער גימנאַזיסט אין פּערעיאַסלאַוו. און ניט קיין גימנאַזיסט, נאָר אַ „גימנאַזיסטעל“, מיט ווייסע זילבערנע קנעפּלעך און מיט אַ זילבערנער צאַצקע אויפ'ן קאַשקעטעל. און געהייסען האָט ער אויך שלום, נאָר גערופען האָט מען איהם סאָלאָמאָן — אַ יונגעל גלייך מיט אַלע יונגלעך, נאָר פאָרט ניט גלייך, פאָרט אַ „גימנאַזיסטעל“, גאָר איין אַנדער מין באַשעפעניש, ווי מיר וועלען דאָס באַלד אַרויסזעהען. דערווייל האַלטען מיר נאָך ביי דער עצה, וואָס אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס האָט אויפגעגעבען. ער האָט מיט זיין אידעע אַריינגעלאָזט אַ גריל, און פון דעמאָלט אָן האָבען די ווערטער: „קלאַסען“, „עקזאַמענט“, „ראַבּינער־שול“, „גימנאַזיע“, „דאָקטאָר“ זיך באַזעצט ביי די ראַבּינאָוויטשעס אין שטוב. פון וואַס מע זאָל ניט רעדען, איז מען אַרויף אויף איינע

פון די אויבענדערמאַנטע ווערטער. איטליכער האָט געהאַט וואָס צו דערצעהלען אַ שענס: ווי אַזוי איין אָרעם־בחור פון דער ישיבה האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ באָרוויסער קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול... ווי אַזוי ז׳ מלמד'ס אַ יונגעל, אַ ליטוואַק, איז פאַר־פאַלען געוואָרען אויף עטליכע יאָהר, געמיינט, ער איז אין אַמעריקע. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט אָפּגעגעבען „עקזאַמענט" אויף אַלע אַכט קלאַסען גימנאַזיע, און איצט שטודירט ער, זאָגט מען, אויף דאָקטאָר. דאָס קאָן נאָר אַ ליטוואַק!

— שאַט! וואָס דאַרפט איהר אַ סך? אַמעהר נעמט אונזער יענקעל דעם רופא'ס זוהנדעל. וויפיעל, מיינט איהר, געהט איהם אָפּעט צו ווערען אַ דאָקטאָר...

— פאָלג מיך אַ גאַנג! עס דאַרף נאָך אַוועקגעהן אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך, ביז יענקעל דעם רופא'ס זוהנדעל וועט אַמאָל זיין אַ דאָקטאָר...

יענקעל דעם רופא'ס זוהנדעל — דאָס איז דער גימנאַזיסט, אָדער „גימנאַזיסטעל סאָלאָמאָן", וואָס איז דערמאַנט ביי אונז אויבען, און פון איהם געהען מיר דערצעהלען אין קומענדיגען קאַפּיטעל.

50

גימנאַזיסטעל סאָלאָמאָן

יענקעל דעם דאָקטאָר'ס זוהנדעל אַ גימנאַזיסטעל. — ער איז איהם שרעקליך מקנא. — דער ווייכקעלער „יוזשנאַהאַ בערעגאַ". — ווימאָראָזיג פון ראָזינקעס. — „צערקאָוונע כשר לפסח".

עס זענען געווען אין פערעיאַסלאַוו עטליכע דאָקטוירים, און יעדער מיט זיין צונעמעניש: דער גראָבער דאָקטאָר, דער האָר־באַטער דאָקטאָר, דער שוואַרצער דאָקטאָר. די אַלע דאָקטוירים זענען געווען קריסטען, און נאָר איין דאָקטאָר איז געווען אַ איד, אַ דאָס — ניט קיין גאַנצער דאָקטאָר, אַ האַלבער דאָקטאָר — יענקעל דער רופא. געהאַלטען האָט ער זיך אָבער, ווי אַ גאַנצער דאָקטאָר. געטראָגען אַ טענדעווערענדע, פאַרשריבען אַ רעצעפּט און אָנגערופען איהם דוקא הויך און דוקא אויף לאַטיין:

— איהר וועט מוחל זיין איינעמען אַלע צוויי שעה איין עסלעפעל „קאַלי בראָמאַלי", און אַלע דריי שעה אַ טיילעפעלע „נאַטרי בראָמאַטרי", וועט אייך מאָרגען ווערען בעסער. און אַז ס'וועט ניט ווערען בעסער, וועט אייך ווערען ערגער, וועט איהר מיך רופען, וועל איך קומען נאך אַ מאָל...

די שטאָדט האָט ליעב געהאַט יענקעל דעם רופא אַ סך בעסער, ווי אַלע דאָקטוירים. דערפאַר, ווייל מיט יענקעל דעם רופא קאָן מען זיך דורכשמועסען, געוואוירע ווערען, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, וואָס סע שפּאַרט אונטער'ן לעפעלע? און וואָס איז דער

שכל, אַז מע האָט אַ רעמאַטיז אין אַ פוס, זאָל מען טרינקען טראָן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ מאָגען מיט אַ פוס? — און נאָך אַזעלכע זאַכען. היינט האָט ער אייך אַ מעלה — ער דינגט זיך ניט. ער נעמט וויפיעל מע גיט איהם. קוקט גאָר אפילו נישט. ער שאַרט נאָר מיט די פינגער עטליכע מינוט און טרעפט שוין אין דער פינסטער, וואָס פאַר אַ מטבע מע האָט איהם אַריינגערוקט. אויב ס'איז איין אָפּגעריבענער דרייער, וואָס האָט ניט קיין שום ווערטה, גיט ער אייך אָפּ צוריק און זאָגט, אַז מע דאַרף גאָרניט. ווערט אייך איבער דער טבע, גיט איהר איהם שוין איין אַנדער מטבע.

און נאָך אַ מעלה האָט ער: ער לאָזט זיך רעדען און האָט אַליין אויך ליעב רעדען. רעדען, דערצעהלען מעשיות, און צום מיינסטען — פון זיינע קינדער, וואָסערע געראָטענע קינדער ער האָט. איינער, דער עלטערער, שלום הייסט ער — סאָלאָמאָן — איז ער שוין אַ גימנאַזיסט. ער וועט, אם ירצה השם, ענדיגען די גימנאַזיע און וועט אַריין אין אוניווערסיטעט און וועט אַרויס פון דאָרטען אַ דאָקטאָר, אַ פאַרטיגער דאָקטאָר. טאַקי אַ ג אַ נ צ ע ר דאָקטאָר!

— כ'וואָלט שוין געהרען, ס'זאָל שוין זיין יום־טוב! — זאָגט יענקעל דער רופא מיט אַ זיפץ. — אם ירצה השם, אויף יום־טוב קומט ער צו פאָהרען, מיין סאָלאָמאָן, וועט איהר זעהען אַ גימנאַזיסטעל!..

שלום וואָלט שוין אויך געהרען, ס'זאָל שוין זיין יום־טוב, און ער זאָל אָנקוקען דאָס גימנאַזיסטעל, וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס אַ גימנאַזיסטעל.

קוים דערלעבט יום־טוב. פסח. אט דאָ וועט ער שוין זעהען, וואָס הייסט אַ גימנאַזיסטעל".

יענקעל דער רופא איז ניט אַזאַ גרויסער דאַוונער, וואָס זאָל

גלויפען יום-טוב אין שוהל אריין. ער איז דאך עפּים א דאָקטאָר! טאַקי נאָר א האַלבער דאָקטאָר, און דאך א דאָקטאָר. פון דעסט-וועגען צוליעב'ן זוהנדעל, דעם גימנאַזיסטעל, איז ער שוין אויך געקומען אין שוהל אריין. איין אויסגעצוואָגענער, איין אָנגעפּאָ-מאַדעטער און א גליקליכער. ער זיצט אין שפּיעגעלבאַנק, אקוראַט אקעגען מזרח. נעבען איהם שטעהט זיין זוהנדעל שלום, אָדער סאָלאָמאָן, אָנגעטהאָן אין א מונדירעל מיט זילבערנע קנעפּלעך פון אויבען ביז אראָפּ, מיט א מאָדנע היטעלע אויפ'ן קאָפּ, א היטעלע מיט א צאַצקע. אין די הענט האַלט ער א קליין סידור'על און דאַווענט, ווי א געוויינליכער מענטש, און אלע בעלי-בתים און אלע קינדער לאָזען ניט אראָפּ קיין אויג פונ'ם גימנאַזיסטעל מיט די זילבערנע קנעפּלעך. דאַכט זיך, א מענטש גלייך מיט אלע מענטשען, א יונגעל גליך מיט אלע יונגלעך — און פאָרט ניט גלייך: א גימנאַזיסטעל! און עס רייסט זיך אַרוים א טיעפער זיפץ פון האַרצען.

אָפּגעדאַווענט, חאַפּט זיך יענקעל דער רופא נאָך ניט אַוועקצוגעהן פון שוהל. וועמען ער דאַרף נאָך זאָגען א גוט יום-טוב, ווער עס דאַרף איהם זאָגען א גוט יום-טוב. און דער עיקר ווערט דאָך ווערען א שמועס מסתמא פון זיין זוהנדעל דעם גימ-נאַזיסטעל. און כך הוה.

— אָט דאָס איז ער, אייער גימנאַזיסטעל, רב יענקעל? גאַ דיר אָפּ שלום.

און מע שטעקט איהם אָפּ שלום פון אלע זייטען. דאַכט זיך, א יונגעל — און אידען מיט בערד געבען איהם שלום-עליכם! אנדערע שטעלען זיך אָפּ א ביסעל שמועסען מיט יענקעל דעם רופא טאַקי פון זיין זוהנדעל: וואו לערענט ער? און וואָס לערענט ער? און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט שוין אויסלערנען? צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען?...

— צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען? — זאָגט יענקעל דער רופא מיט א געלעכטערעל. — ער וועט זיך שוין דערלערנען,

חע=חע=חע. ער וועט שוין זיין אַ דאָקטאָר. טאַקי אַ גאַנצער דאָקטאָר, חע=חע=חע.

יענקעל דעם רופא'ס זוהנדעל וועט זיין אַ דאָקטאָר? אַ גאַנצער דאָקטאָר?! — וואָס=וואָס, גאָר מיט פּרנסה וועט ער שוין זיין בעוואָהרענט... אפילו גרויסע, אַלטע אידען וואונדערען זיך, חאָטש מע פאַרשטעהט ניט, און זיי אַליין פאַרשטעהען ניט, ווער שטערט זיי, למשל, אַז ז י י ע ר ע קינדער זאָלען זיין דאָקטוירים? קיינער שטעהרט זיי ניט, נאָר אַז זייערע טאַטעס האָבען ז י י ניט געוואָלט מאַכען פאַר דאָקטוירים, ווילען זיי ניט, אַז ז י י ע ר ע קינדער זאָלען זיין דאָקטוירים. טרייסטען זיי זיך דערמיט, וואָס זייערע קינדער וועלען דערפאַר זיין א י ד ע ן. אַי וואָס — פּרנסה? עט! „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני“. דער פּשט איז: ווער עס גיט לעבען, דער וועט געבען צום לעבען, און גליק איז ביי גאָט... אָט האָט יוזי פינקעלשטיין ניט געענדיגט אויף דאָקטאָר און איז, פון דעסטוועגען, חוץ זיין שאָדען אויף אונז אַלעמען געזאָגט געוואָרען חאָטש האַלב!...

— איז וויפיעל, זאָגט איהר, רב יענקעל, דאַרף ער נאָך לערנען, אייער דאָס, אייער גימנאַזיסטעל? — פרעגען איהם די אידען, קוקענדיג פון אויבען אַראָפּ.

— מיין סאָלאָמאָן? — זאָגט יענקעל דער רופא און גלעט זיך דאָס בערדעל און טאַנצט=אונטער אויף איין פוס. — אָ! ער דאַרף נאָך לאַנג=לאַנג שטודירען! — און ער רעכענט=אויס אויף די פינגער, וויפיעל יאָהר ער דאַרף נאָך שטודירען אין גימנאַזיע, וויפיעל יאָהר אין אוניווערסיטעט, און דערנאָך אַרבייטען אין אַ שפּיטאָל, אָדער גאָר אַריין אין וואָיענע האָספּיטאַל, ווערען וואָיענע דאָקטאָר, דאָס הייסט, כמעט אַליין אָפיציר, מיט פּאַלעטען, חע=חע=חע...

און ס'איז ניטאָ קיין מעהר גליקליכער מענש אויף דער וועלט, דאַכט זיך, ווי יענקעל דער רופא, — אַ קליין אידעלע מיט איין איינגעפאַלענער נאָז, נאָר מיט געגרייזעלטע שטאַרק=אָנגעפּאָ=

מאַרעטע האָר און מיט אַ טענדעווערענדע, ווי איין אמת'ער דאָקטאָר. און ס'איז ניטאָ קיין מעהר גליקליכער אויף דער וועלט, ווי אָט דאָס גימנאַזיסטעל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיט'ן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע. ביידע געהען זיי פון שוהל, אַרומגערינגעלט פון אַ סך בעלי=בתים. אידען רייבען זיך אַרום יענקעל דעם רופא. יונגלעך רייבען זיך אַרום זיין גימנאַזיסטעל, ווילען זיין וואָס נעהענטער, וואָס נעהענטער. עס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז עפּיס גאָר איין אַנדער מין באַשעפעניש. ער שמעקט גאָר אַנדערש...

ניין, שלום האָט נאָך אויף זיין לעבען קיינעם אַזוי ניט מקנא געווען, ווי אָט דעם גליקליכען גימנאַזיסטעל. „פאַר וואָס איז ער ניט אויף זיין אָרט? פאַר וואָס איז ער בעסער ניט יענקעל דעם רופא'ס זוהן? ער הייסט דאָך אויך שלום... דאַכט זיך, וואָס וואָלט גאָט געאַהרט, אַז נחום ראַבינאָוויטש זאָל זיין יענקעל דער רופא און יענקעל דער רופא זאָל זיין נחום ראַבינאָוויטש?... ער האָט איהם געזעהען נאָכדעם אין חלום. ער האָט פון איהם גע'חלומ'ט אויף דער וואָהר. ער איז איהם ניט אַרויסגעקראָכען פון קאָפּ אויף אַ מינוט. ער איז געוואָרען ביי איהם אַ משוגעת, אַ „אידעע=פיקס", דער צווייטער היים פּרובשטיין... ער האָט איהם מקנא געווען, שטאַרק מקנא געווען! צוגעהן צו איהם און רעדען האָט ער נישט געהאַט קיין מוט. ווי אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ גימנאַזיסטעל?... ווי אַזוי טרעט מען צו צו אַ יונגעל, וואָס הייסען הייסט ער שלום און רופען רופט מען איהם סאָלאָמאָן?... נאָר פאַרגעשטעלט האָט ער זיך אין דער פאַנטאַזיע, אַז ער איז אַליין אַ גימנאַזיסטעל, און הייסט שוין אַליין אויך ניט שלום, נאָר סאָלאָמאָן, און אַז ער טראָגט אַ מונדירעל מיט זילבערנע קנעפּלעך און אַ צאַצקע אויפ'ן היטעלע, און אַלע יונגלעך זענען איהם מקנא, און אַלע אידען חידוש'ען זיך: „אָט דאָס איז נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהנדעל, דער גימנאַזיסטעל?... אָט דער האָט אַמאָל געהייסען שלום?"...

מע קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר א גדולה, וואָס פאַר א יום־טוב ס׳איז געוואָרען ביי שלומ׳ען אין האַרצען יענעם טאָג, אַז דער טאַטע האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז מאָרגען, אם ירצה השם, הויבט ער אָן געהן אין די קלאַסען. ער איז שוין געווען, זאָגט ער, ביי׳ם דרעקטער, איינגעגעבען א „פראָשעניע“, דערוויל אין „פריגאָטאָוויטעלנע“.

— אין זעקס וואָכען וועסט דו ענדיגען די „פריגאָטאָוויטעלנע“, וועסט דו אַריין, אם ירצה השם, אין דער „אויעזדנע“, און פון דאָרטען, אַז גאָט וועט וועלען, אין גימנאַזיע, און פון דאָרטען נאָך ווייטער... ביי גאָט איז אַלץ מעגליך, אַבי זאָלסט נאָר וועלען זיך צוסטאַרען א ביסעלע.

שלום האָט שיער ניט אַרויסגעלאָזט קיין קוויטש — ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר׳ן טאַטען. א שאלה, אויב ער וועט זיך צוסטאַרען! ער האָט גאָר ניט געוואוסט אַקוראַט, וואָס איז „אויעזדנע“, ווער איז דער דרעקטער און וואָס הייסט „פריגאָטאָוויטעלנע“? ער האָט גוט געדענקט, וואָס אַרנאָלד האָט געזאָגט, אַרנאָלד פון די פידוואָרקעס. און פאַר די אויגען איז איהם געקומען יענקעל דעם רופא׳ס גימנאַזיסטעל מיט די זילבערנע קנעפלעך און מיט׳ן מאָרנעם היטעלע מיט דער צאַצקע, — און דאָס האַרץ איז איהם געוואָרען פול, און דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט, און טרערען, טרערען פון פרייד האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. נאָר ער איז געבליבען שטעהן ווי א סטאַטיק, א געבאַכעל, וואָס קאָן קיין צוויי ניט צעהלען. דער סטאַטיק האָט אָבער אַרויסגעקוקט אויף דער מינוט, ווען ער וועט קאָנען בלייבען אַליין, וועט ער זיך שוין ראַסקאָשעווען: ער וועט שענקען זיך אַליין צוויי פעטש אין ביידע באַקען, אָדער אין ביידע ליטקעס, אָדער גאָר געבען זיך א וואָרף אויף דער ערד און איבערקוליען זיך דריי מאָל הין־און־צוריק, אָדער אַוועקשפּרינגען אויף איין פוס ווייטוויט און אויסרופען מיט א ניגון:

סאַלאָמאָן! סאַלאָמאָן!
גימנאַזיסטעל סאַלאָמאָן!...

— און דערווייל גער, זיי מוחל, פּאַרוויגען דאָס קינד, דער־נאָך וועסט דו זיך זעצען העלפען האַקען ראָזינקעס...

דאָס, פאַרשטעהט זיך, זאָגט די שטיפמאַמע. און בכדי דעם לעזער זאָל ניט זיין קשה, וואָס איז פאַר ראָזינקעס, וואָס מע דאַרף זיי האַקען, באַדאַרף מען איהם דאָ געבען צו וויסען, אַז ווייל פונ'ם איינפאָהר אַליין קאָן מען נישט לעבען, האָט נחום ראַבינאָוויטש געעפענט אַ קעלער, אַ וויין־קעלער, און אויפגעהאַנגען אַ שילד:

„פּראָדאַזשאַ ראַזניך ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ“.

ער אַליין טאַקי האָט געמאַכט די ווײנען פון געהאַקטע ראָזינקעס אונטער אַלערליי נעמען, פון וועלכע עס געדענקט זיך: „וימאָראָזיג“, „חערעס“, „מאַדעראַ“ און נאָך אַ סאָרט רויטער ווין מיט'ן נאָמען „צערקאָוונע כשר לפסח“. דעם סאָרט ווין האָבען די קינדער ליעב געהאַט מעהר פון אַלע ווײנען — איבער דעם, וואָס דער „צערקאָוונע כשר לפסח“ איז געווען זיס און טערפּקע. זיין זיסקייט האָט זיך גענומען פון אַזאַ מין סיראָפּ, וואָס מע האָט אין איהם אַריינגעטהאָן, און זיין טערפּקייט האָט געשטאַמט פון די קערלעך פון די ראָזינקעס. און פון וואַנען האָט זיך גענומען זיין רויטקייט — דאָס האָט דער טאַטע געהאַלטען בסוד... אַלע מאָל, ווען מע האָט די קינדער געשיקט אין קעלער נאָך אַ קוואָרט ווין, האָבען זיי זיך צוגעחאַפּט צום „צערקאָוונע כשר לפסח“ און אויסגעזשליאָקעט צוויי מאָל אַזוי פיעל — און פון דעסטוועגען האָט זיך געצויגען פונ'ם ווין דאָס שטיקעל ברויט גאָר גישקשה'דיג, מעהר פון אַלע אַנדערע פּרנסות.

51

„די פּענסיע"

דער טאַטע שטאָהל און אייזען פאַר'ן „קלאַסניק". — דער העלד באַקומט אַ סטיפּענדיע — אַ רעש אין שטאָדט. — די חלומות וועגען אוצר הויבען-אָן מקוים צו ווערען.

נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. דאָס אריינטרעטען אין דער „אויעזדנע" איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג און ניט אָפּגעלאָפען גלאַט. דער ערשטער שטיין אין וועג איז געווען דער פעטער פּיני. ער האָט געאַרבייט מעשים: סטייטש, געמען קינדער און מאַכען זיי פאַר גויים בידים! — האָט ער גע'טענה'ט, זיך שטאַרק געערגערט, און האָט זיך ניט באַרוהיגט, ביז ער האָט ניט גענומען בײ'ם ברודער דאָס וואָרט, אַז ער וועט חאָטש ניט לאָזען זיינע קינדער שרייבען אים שבת. דעם תנאי האָט טאַקי נחום ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיט'ן דירעקטאָר (סמאָטריטעל) פון דער „אויעזדנע" בפירוש, אַז שבת באַדאַרפען זיינע, ראַבינאָוויטש'עס, קינדער זיין פריי. נאָך אַ תנאי האָט ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיט'ן דירעקטאָר (דאָס איז געווען אַ צייט, וואָס אידען האָבען דיקטירט תנאים), אַז זיינע קינדער זאָלען ניט זיין אין קלאַס, ווען דער גלח גיט-אָפּ זיין שטונדע — און אויסגעפיהרט האָט ראַבינאָוויטש.

די צווייטע שוועריגקייט פאַר די קינדער איז געווען די שפּראַך. זיי האָבען בײ'ם אַריינטרעטען אין קלאַס פאַרשטאַנען

אידישע פאלקס שולע
ביבליאטעק
מאנטרעאל

אזוי ווינציג רוסיש, אז אלע האבען פון זיי געמאכט חוזק — סאי דער לעהרער, סאי די חברים. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז די בענק לאכען. און דאס האט דעם ציקאווען שלומ'ען פארדראסען. ער איז געוואוינט געווען אפצולאכען פון דער גאנצער וועלט, צום סוף לאכט מען גאר פון איהם!... און די חברים, די שקצימ'לעך, האבען אויך ניט געשוויגען. קוים האט זיך געענדיגט דאס לערנען אין קלאס און די אידישע קינדער, די „זשידעניאטיעם", האבען זיך באוויזען אין הויף, אזוי האט מען זיי, במחילת כבודם, אוועקגעלעגט אויף דער ערד, און דוקא אין גוטען מוט, צוגעהאלטען די הענט מיט די פיס, און גוט אנגעשמירט זיי די אידישע פיסקעס מיט גויישען חזיר... געקומען דערנאך אהיים מיט באטריבטע הערצער, האבען זיי מורא געהאט צו דערצעהלען דעם אמת, מע זאל זיי ניט אפנעמען פון די קלאסען. די שטיפמאמע האט אזוי אויך געקאכט און געגראבען אויף די „קלאסניקעס" (אזוי האבען געהייסען ביי איהר די קינדער נאכ'ן אריין אין דער אויעזדנע). און וויל שלום איז געווען מעהר מתמיד פון אלע, האט זי איהם גע'רודפ'ט מעהר פון אלעמען. האט זיך אבער געטראפען א מעשה און מע האט איהר אפגעהאקט די פליגעל, איז זי געווארען שטיל. וכך היה מעשה

איינמאל, אין א שענעם פריהמארגען, האט שלום געלערענט, ארומגעשפאנט איבער דער שטוב און איינגע'חזר'ט דעם „אוראק" אויף אויסווענדיג, און דער טאטע איז געשטאנען אין טלית און תפלין און האט געדאווענט. און די שטיפמאמע האט זיך געטהאן איהר ארבייט: זי האט געיאדעט דעם טאטען, אויפגעווארפען איהם די אלטע עבירה, וואס ער האט אמאל פארלייקענט פון איהר די עלטערע און די קלענערע קינדער, די מיידלעך, זיך דורכגעשמועסט וועגען דעם, וואס פאר א גוטען אפעטיט, קיין עין-הרע, זיינע קינדער האבען צום עסען און וואסערע גוטע מאגענס זיי פאר-מאגען. נישט פארגעסען אנריהרען אויך די „משפח'טערע" זיינע... דאס אלסדינג האט דעם טאטען נישט געריהרט. ער איז געשטאנען

מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט און האָט געדאַווענט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. נאָר אָט האָט זי זיך צעלאָזט מיט איהר מענה־לשון אויף שלומ׳ען, לִמאי ער גערט אַרום און לערענט:

— ער מיינט, דער שענער קלאָסניק, אַז חריין איז זיין פּעטער און אַז ער איז שוין אַ גאַנצער פּריץ און איז שוין פּטור פון אַלסדינג, אַ חוץ עסען! די סך משרתים, וואָס מע האָט דאָ, מיט די דיענסטען! נישקשה, עס מעג דיר נאָך אָנשטעהן, דו שענער קלאָסניק מיט די אויסגעדרעהטע שטיוועלער, זיך מטריח זיין אַריינטראָגען דעם אורח דעם סאַמאָוואַר, עס וועט חלילה ניט אָפּפאַלען פון דיר קיין האָר אפילו, און צום אַפּעטיט וועט דאָס דיר ניט שאַדען, און צום שידוך אַוודאי ניט...

דער „קלאָסניק“ איז שוין גרייט געווען אַוועקלעגען דעם „אוראָק“ און לאָזען זיך אין קיך אַריין נאָכ׳ן סאַמאָוואַר, אַז עס טהון זיך ניט אַ וואָרף דער טאַטע און האַפּט איהם ניט אָן פאַר אַ האַנט און צעלאָזט זיך ניט מיט אימפּעט אויף לשון־קודש (גישט געוואָלט אין דאַווגען מפסיק זיין):

— אי־אָ־נו־פע — לאַ! לאַ! בשום אופן! מע דאַרף ניט! איך היים ניט! איך וויל ניט! — האָט ער אויסגעלאָזט אויף אידיש און איז אָנגעפאַלען אויף דער שטיפמאַמע מיט אַ פייער, אפשר דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז זיין ווייב, אַז זי זאָל זיך ניט דערוועגען מעהר שאַפען מיט איהם פון דאַנען אַהין! מיט אַלע קינדער קאָן זי זיך שאַפען, נאָר ניט מיט שלומ׳ען! שלום איז ניט גלייך צו אַנדערע! שלום באַדאַרף לערנען!

— איין מאָל פאַר אַלע מאָל! אָט אַזוי וויל איך, און אָט אַזוי איז דאָס, און אָט אַזוי וועט דאָס זיין!

צי דערפאַר, וואָס יעדער דעספּאָט, יעדער שלאַק־פּורעניות, אַז ער דערהערט אַ הויך וואָרט, דערשרעקט ער זיך און ווערט אַנשוויגען, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען דעם טאַטענ׳ס

ערשטער ווידערשטאַנד זינגט זיי קענען זיך און פיהרען אזא זיס לעבען, — נאָר ס'איז געשעהן אַ נס: די שטיפמאַמע האָט צו־געביסען די צונג און איז אַנשוויגען געוואָרען, ווי אַ קעצעלע. פון דעמאָלט אָן איז זי צו שלום'ען געוואָרען גאָר איין אַנדער מענטש. דאָס הייסט, שטעכווערטלעך און קללות האָט זי ניט געזשאַלעוועט, אַלע מינוט איהם אויפגעוואָרפען די „קלאָסען", געגעבען אָנצו־הערעניש בדרך גוזמה, אַז עס געהט אַוועק אַ פוד פּאַפּיער אַ וואָך און דריי בוטעלקעס טינט אַ טאָג, און זי פלעגט פאַרגעסען מיט אַ כיון אָנצוגיסען דאָס לעמפּעל אויף ביינאַכט, אָנצוגרייטען אָנ־בייסען, און נאָך אַזעלכע זאַכען. דערפאַר אָבער שאַפען זיך האָט זי מיט איהם מעהר ניט געשאַפט. סיידען אַזוי, אין גוטען מוט, אַז ער האָט געוואָלט פאָלגען אַ גאַנג, אָדער אַ קוק טהון צום סאַמאָוואַר, אָדער פאַרוויגען דאָס קינד — מהכתיתי.

— שלום? — זאָגט צו איהם די שטיפמאַמע ווייך און מיט אַ ניגון, ווי מע רעדט אין באַרדיטשעוו. — וואָס איז דאָס, וואָס דו, אַז דו טהוסט נאָר אַ קוק צום סאַמאָוואַר, אַזוי הויבט ער אָן זידען?

אָדער:

— שלום? קום נאָר אַהער! פאַר וואָס ווערט דאָס קינד ביי דיר אַנשלאָפען מיט דער מינוט?

אָדער:

— שלום? וואָס געדויערט ביי דיר אַ שפּרונג אין מאַרק הין און צוריק? אַ האַלבע מינוט! קיין האַלבע מינוט אויך ניט!...

און דערצו האָט איהם צוגעשפּיעלט די הצלחה אויך אַ ביסעל. אַז עס הויבט אָן געהן אַ מענטשען, געהט עס. אייגמאָל אין קלאַס האָט דער „סמאָטריטעל" פון דער „אויעזדנע", אַ גאַנץ וואוילער גוי, אָנגענומען שלום'ען ביי'ם אויהער און געהייסען, אַז דער טאַטע זאָל קומען צו איהם צו געהן אין דער קאַנצעלאַריע. ער דאַרף איהם עפּיס זאָגען. דערהערט, אַז דער „אָרון דער דירעקטאָר" רופט איהם, האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש ניט געלאָזט לאַנג בעטען,

אָנגעטהאָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע, נאָך שטאַרקער אונטערגע־קאַטשעט די אונטערגעקאַטשעטע פּאות און איז אַוועק צום דירעק־טאָר הערען, וואָס וועט ער זאָגען. לאָזט זיך אויס אַזאַ געשיכטע: אַזוי ווי זיין זוהן שלום לערענט זיך אויסגעצייכענט גוט, וואָלט ער, אייגענטליך „פּאָ־זאַקאָנו", באַדאַרפט איהם צוגעמען אויף „קאַזיאָנע שטשאָט". נאָר אַזוי ווי ער איז אַ איד, קאָן ער איהם שענקען אַ פּענסיע (דאַכט זיך, אויב ניט הונדערט צוואַנציג רובעל אַ יאָהר, אָדער הונדערט צוואַנציג רובעל אַ האַלב יאָהר).

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ מאָדנעם רעש און אַ טומעל אין שטאָדט. איינער נאָכ'ן אַנדערען איז מען געקומען געוואוירע ווערען, צי ס'איז אמת?

— וואָס זשע? אַ ליגען?

— פּענסיע?

— פּענסיע.

— נאַזנאַטשעט פון קאַזנאַ?

— ניט פון קאַזנאַ, נאָר פון נאַראָדנע פּראָסוועשטשעניע.

אַ מענטש, וואָס געהער זיך אָן מיט „נאַראָדנע פּראָסוועשטשעניע" — אַ קאַטאָוועס אַ ביסעל?!... פאַרנאַכט קלויבען זיך צונויף די משפּחה — אָנקוקען וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט, דער „בעל הפּענסיע"?... אַך! ווער עס האָט ניט געזעהען דעמאָלט דעם טאַטען, ווי ער האָט געשיינט און געלויכטען, דער האָט נאָך קיין גליקליכען מענטשען אויף זיין לעבען נישט געזעהען! אפילו די שטיפמאַמע, וואָס האָט זיך משמח געווען גלייך מיט אַלע און איז דעם דאָזיגען טאָג געווען מאָדנע גוט, מכבד געווען די משפּחה מיט טיי און מיט אייגעמאַכטס, האָט באַקומען חן אין די אויגען פונ'ם בעל הפּענסיע, וואָס האָט איהר פאַרגעסען און מוחל געווען אַלסדינג. „וואָס ס'איז געווען — איז געווען"... איצט איז ער אַ העלד. אַלע קוקען אויף איהם. אַלע רעדען פון איהם. אַלע לאַכען און פרעהען זיך. דער מוהמע חנה'ס קינדער, וואָס האָבען ליעב טרייבען מיט איהם קאַטאָוועס, פרעגען איהם: „וואָס

רעכענט ער צו טהון מיט אזוי פיעל געלט?" גלייך ווי זיי ווייסען ניט, אז פונ'ם געלט וועט ער ניט זעהען א גראשען אין די אויגען. גלייך ווי זיי ווייסען ניט, אז דאס געלט וועט צוגויז קומען דעם טאטען אין געשעפט אריין, אינ'ם ווינקעלער „ווזשנאהא בערעגא"..

שאט! אט איז ער אויך דא — דער גראבער קאלעקטאר מיט די שווארצע ברילען און מיט די טיעפע קאלאשען. ער וויל נאר א קוק טהון מיט זייגע בלינדע אויגען דעם קונדאס (א קוועטש אויפ'ן אם) און געבען איהם, דעם שייגאץ (א קוועטש אויפ'ן אץ), א קניפ אין בעקעל, ארויסרייסען א שטיק פלייש! אויך די „איידעמס", לייזער-יאסעל און מאגידאוו, זענען אריינגעקומען צום טאטען אפגעבען מזל-טוב און א ביסעל זיצען און שמועסען פון השכלה און פון ליכטיגקייט, פון פראגרעס און פון ציוויליזאציע... און נאך זיי איז געקומען ארנאלד פון די פידווארקעס און האט א ביסעל פארשטעהרט שלומ'ען די שמחה. ערשטענס, האט ער באוויזען די אידען, אז זיי זענען בהמות, זיי ווייסען ניט וואס זיי רעדען. די פענסיע איז ניט קיין פענסיע, נאר א סטיפענדיע. פענסיע איז פענסיע, און סטיפענדיע איז סטיפענדיע... והשנית, איז שלום ניט דער איינציגער — ס'איז דא נאך איינער אין דער אויעזדנע, וואס האט באקומען א סטיפענדיע, אויך אויף הונדערט צוואנציג רובעל, און דאס איז געוועזען שלומ'ם נייער חבר פון דער אויעזדנע. אלי האט ער געהייסען. נאר וועגען איהם שפעטער. דערווייל איז דער העלד פון אונזער באשרייבונג געוועזען אויפ'ן זיעבעטען הימעל. ער האט ארויסגעזעהען בחוש, אז זיינע אמאליגע חלומות וועגען זיין חבר שמואליק'ס „אוצר" הויבען-אן פאוואלינקע מקוים צו ווערען... און זיין פאנטאזיע האפט איהם אויף איהרע פליגלען און פארטראגט איהם וויט-וויט, אין עולם-הדמיון אריין. און ער זעהט זיך ארומגערינגעלט מיט זיינע חברים, וואס קוקען אויף איהם מיט שטראהלענדיגע אויגען און זענען איהם מקנא. און דעם טאטען זעהט ער, נאך גאר א יונגער-מאנטשיק עפים. וואו איז אהינגעקומען דער אויסגעבויגענער

רוקען? די טיעפע קנייטשען אויפ'ן שטערן? דאָס געלע פאַרזאָרגטע פנים? גאָר איין אַנדער מענטש געוואָרען! און ער זיפצט שוין גאָר ניט מעהר. און די גאַנצע משפּחה — שטעלט זיך איהם פאָר — רינגעלט איהם אַרום, גיט איהם אָפּ גרויס כבוד, איהם און זיין זוהן שלומ'ען, דעם אויסדערוועהלטען, דעם גליקליבען, וואָס פון איהם וויסען היינט אַלע, אפילו „קאַזנאַ" און אפילו די „גאַראָדנע פּראָסוויעשטשעניע" — אַלע, אַלע, אפשר טאַקי ביז'ן קיסר — ווער ווייסט?...

52

חבר אלי

אלי דאָדי׳ס. — די ערשטע באַקאַנטשאַפט אויף אַ שרפה. — שמועסן וועגן קאָסמאָגראַפיע מיט׳ן פעטער פיני. – דער העלד איז מחלל שבת בפרהסיה. — ער ווערט געקרוינט מיט׳ן נאָמען „פיסאַטעל“.

אַ פּנים אַ ווייס, אַ קיילעכיגס, אַ ביסעלע אַ געשטופּעלטס. האָר שטעהענדיגע, האַרטע, שוואַרצע, געדיכטע, שטעכעדיגע — אַ גאַנצע גריווע. אויגען לאַכענדיגע, צייהן געזונטע, ווייסע. פינגער קורצע. אַ געלעכטער אַ הילכיגער, אַ שיסענדיגער. אַ טעמפּעראַמענט אַ פייעריגער. — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פון שלום׳ס חבר אלי, פון דער ערשטער קלאַס אויעזדנע ביז׳ן סוף

זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסען געוואָרען ביינאַכט אויף אַ שרפה.

אַ שרפה — דאָס איז אַ ספּעקטאַקל, איין אומזיסטיגע פאָרשטעלונג, אַ העכסט-אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונג פון אַלערליי טיפּען אידען און ווייבער, איין אָפּשפּיגלונג פון אַלערליי סצענעס, טרויעריגע און פרייליכע — מע דאַרף נישט קיין טעאַטער. די נאַכט איז שטיל, דער הימעל איז טיף, שטערען פינקלען. וואו-ניט-וואו לאָזט זיך הערען דאָס בילען פון אַ הונט. און דאָס שטיבעל ברענט זיך ווי אַ ליכטעל, רוהיג, פּאַמעליך. ס׳האָט צייט. פון אַלע גאַסען ציהען זיך מענטשען. פריהער שלעפעריג, דערנאָך לעבעדיגער און האַמטנער. פריהער איינציגווייז, דערנאָך מחנות-ווייז,

און אידישע קינדער — אַ גאַנצע חאַליאַסטרע. אידען מיט אַרבע־כנפות'ען וואַרפען זיך אין פייער אַריין ראַטעווען, ווייבער קווינטשען, קליינע קינדער וויינען, בחורים זאָגען ווערטלעך, אונטערגעוואַקסענע מיידלעך לאַכען. ראַבינאָוויטש'עס קינדער זענען אויך דאָ. פלוצים דערהערט שלום עמיצענ'ס קול, אַ קול פון אַ יונגעל, און גלייך צו איהם אויפ'ן אויהער:

— זיי פאָהרען!

— ווער?

— די „פאָזשאַרנע קאָמאַנדע". קום, וועלען מיר העלפען לעשען.

און ביידע יונגלעך נעמען זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפען איבער'ן גאַנצען מאַרק צו באַגעגענען די „פאָזשאַרנע קאָמאַנדע". לויפענדיג ווערט שלום געוואוירע, אַז זיין חבר רופט מען אֶלי און אַז ער איז דאָדי דעם שרייבער'ס אַ יונגעל. און אֶלי ווערט געוואוירע, אַז זיין חבר הייסט שלום און אַז ער איז נחום ראַבינאָוויטש'עס אַ יונגעל.

זייער צווייטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אַ ביסעל שפּעטער, שוין דוקא ביי טאָג, אויך אין גאַס און אויך אויף איין אומזיסטיגער פאַרשטעלונג. עפּיס אַ שוואַרצער מיט ווייסע צייהן וויזט אַ מאַלפּע, און די גאַנצע שטאָדט מיט יונגלעך לויפען איהם נאָך. דאָס איז איינס פון די חידושים, וואָס מע זעהט זעלטען אין פּערעיאַסלאַוו. אָדער מע פיהרט אַרום אַ בער מיט אויסגעבראָכענע אויגען, וואָס טאַנצט אויף אַ שטעקען. אָדער אַ וואַנקאַ רוטוטיו מיט רויטע הויזען, וואָס מאַכט אָנשטעלען. אָדער אַ ציגיינער וויזט אַ מאַלפּע. דער ציגיינער און די מאַלפּע האָבען ביידע איין פּנים, גלייך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. ביידע האָבען אַלץ איינע געקנייטשטע באַוואַקסענע פּנים'ער, אַלץ איינע אויסגעקראָכענע קעפּ, און קוקען ביידע מיט אַלץ איינע רחמנות'דיגע אויגען און ציהען־אויס די באַוואַקסענע ברודיגע דאַרע הענט, מע זאָל זיי עפּיס געבען. און רעדען רעדט דער ציגיינער מיט אַזאַ מאָדנע קול

און אויף אַזאַ מאָדנע שפּראַך, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מאַכט אַזאַ מאָדנע גרימאַסע דערביי, אַז מע מוז לאַכען: „דאַ, באַרין! האַראָש אָבעזשיאַן! אַמעריקאַנסקו!“... און חברה שיסען־אויס אַ געלעכטער. די דאָזיגע צוויי באַגעגענישען זענען שוין גאַנץ גענוג, אַז אַזעלכע צוויי יונגלעך, שקצים, ווי שלום נחום ראַבינאָוויטש'עם און אלי דאָדי דעם שרייבער'ס, זאָלען ווערען חברים. דאַרף נאָך גאָט פיהרען אַזוי, אַז זיי טרעפען זיך ביידע אין איין קלאַס אין דער אויעזדנע, אַ באַנק נעבען אַ באַנק, און אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער לעהרער האַלט־אָפּ זיין ערשטע לעקציע פאַר'ן גאַנצען קלאַס, דערזעהט שלום זיין נייעם חבר אלי, ווי ער ציהט־אויס די האַנט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, מאַכט דעם ציגיינער'ס גרימאַסע: „דאַ, באַרין! האַראָש אָבעזשיאַן! אַמעריקאַנסקו!“ — זייט אַ בריה, האַלט זיך איין און צעלאַכט זיך ניט. אַודאי באַקומען ביידע חברים אַ מאוס'ען פּסק, בלייבען ביידע איבער „אָהן וואַרעמעס“, און זייער פריינטשאַפט ווערט געשלאָסען אויף שטענדיג, אויף אייביג

פון דעמאָלט־אָן ווערען זיי נפש אחת, איין זעל, איין נשמה. וואו איינער, דאָרט איז דער צווייטער. ביידע אינאיינעם לערנען, און לערנען גוט. מע האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען, אַז מע זאָל איבערשטייגען אַלע גויים, מע זאָל זיין די ערשטע, די בעסטע תלמידים אין קלאַס. און מע האָט אויסגעפיהרט. מע האָט ווייט־ווייט איבערגעשטיגען אַלע גויים און מע איז געגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס די ערשטע בעסטע תלמידים, אָבער אויך די ערשטע און די גרעסטע שקצים אין שטאָדט. וואָס די צוויי האָבען זיך דערלויבט אָפּצוטהון אין שטאָדט האָבען דאָס אַנדערע יונגלעך נישט געוואַגט. די בעסטע יונגלעך, פענסיאָנערען, סטיפּענדיאַנטען — אַ קלייניגקייט? היינט זייער קענען רוסישע גראַמאַטיקע! וואָס פאַר אַ וואָרט מע זאָל ניט אַרויסרעדען, איז באַלד צו דער גראַמאַטיקע. למשל, אַ טיש איז סטאָל. און סטאָל איז: סטאָל, סטאָלאַ, סטאָלו, סטאָל, סטאָלאָם, אָ סטאָליע. אַ מעסער איז נאָזש. און

נאָזש איז: נאָזש, נאָזשאַ, נאָזשו, נאָזש, נאָזשאָם, אָ נאָזשיע. הײנט געאָגראַפּיע! װער נאָך װײסט אַזױ װי זײ, פאַר װאָס איז די ערד קײלעכיג? װער דרעהט זיך אַרום װעמען — די ערד אַרום דער זון, צי די זון אַרום דער ערד? און פון װאַנען נעמט זיך אַ װינט? און װאָס איז פריהער — דער דונער אָדער דער בליץ? און פון װאַנען נעמט זיך אַ רעגען?

פון אַלע לערנעכצען, װאָס מע לערענט אין די קלאַסען, געפעלט שלום׳ם טאַטען נאָר געאָגראַפּיע. מחמת פון געאָגראַפּיע װערט מען געבילדעט, אױפגעקלערט. השבון׳ען איז אױך אַ גוטע זאַך. מאַטעמאַטיקע שאַרפט־אױס דעם מוח. אָבער נישט מעהר. אַט איז יאָסי פּרוכשטײן אַ פּראָסטער איד, גיט געלערענט אין ערגיץ, פון דעסטװעגען גיט איהם די שװערסטע „זאַדאַטשע“, װעט ער זי אײך מאַכען אױפ׳ן קאָפּ. צי אַ שטײגער, נעמט דעם קאָלעקטאָר. װאו האָט ער שטודיערט? ערגיץ אין דער ישיבה. נו, קען ער נישט, מײנט איהר, קײן אַלגעברע? פון לײזער־יאָסלען שמועסט מען גיט, און אַרנאָלד פון די פּידװאָרקעם — פון יענעם איז אָפּגערעדט. אַרנאָלד איז דאָך גרײט אָפּגעבען „עקזאַמענט“. גײן, זאָגט אײך װאָס איהר װילט, געאָגראַפּיע איז גיט מאַטעמאַטיקע. געאָגראַפּיע דאַרף מען לערנען. געאָגראַפּיע דאַרף מען קענען. און שלום קען געאָגראַפּיע. זײן פאָטער האָט ליעב מיט איהם צו פאַרברענגען נאָר װעגען געאָגראַפּיע. און איז צופריעדען, און איז גליקליך, אַז עס זיצט דערבײ אַ דריטער.

אַ קאָמעדיע איז, אַז דער פעטער פּיני זיצט דערבײ. דער פעטער פּיני גלעט די באָרד, שמײכעלט, מאַכט חוזק פון דעם קלײנעם פילאָזאָף, װי ער צעשפּרײט זיך דאָס אַ ביסעל מיט זײן געאָגראַפּיע. אַ יונגעל אַ שנעק האָט אַ העזה צו זאָגען פאַר אײן עלטערען אידען, פאַר אַ פעטער, אַז די ערד דרעהט זיך, גיט די זון. אַי, עס שטעהט בפירוש: „שמש בגבעון דום“? — דו, זון, אין גבעון, בלײב שטעהן? בלײבט אַ קשיא... „צי, אַשטײגער, דו זאָגסט, אַז דער דונער קומט פריהער פאַר׳ן בליץ. אַי, מיר זעהען

פריהער דעם בליץ און ערשט נאָכדעם קומט דער דונער?“ — פרעגט ביי איהם דער פעטער פיני אויף אַ מזשיקאַוועסט און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. „צי דו זאָגסט, אַז די ערד איז אַ כדור, קיילעכיג, הייסט דאָס, ווי איין עפּעל. מיט וואָס וועסט דו דאָס מיר באַווייזען?“ ענטפערט איהם שלום: „אויב איהר ווילט זיך מטריח זיין, פעטער, שטעהט-אויף, זייט מוחל, מאָרגען גאַנץ פריה און טהוט אַ קוק אויפ'ן שפּיץ מאָנאַסטיר, בעת די זון געהט-אויף, וועט איהר זעהען, ווי דער שפּיץ קלויסטער ווערט באַלייכט פריהער פון אַלסדינג“... „אַודאי האָב איך מעהר ניט וואָס צו טהון, נאָר אויפשטעהן דיר כאור און קוקען אויפ'ן שפּיץ קלויסטער צוליעב דיין געאָגראַפיע — חאַ-חאַ-חאַ!“...

ניין, דער פעטער פיני איז ניט צופריעדען ניט מיט דער געאָגראַפיע, ניט מיט די קלאַסען און ניט מיט דעם, וואָס זיין נחומ'ס זוהן איז אַ חבר מיט דאָדי דעם שרייבער'ס יונגעל. ער וועט איהם אַרויספיהרען ווער ווייסט אויף וואָסערע דרכים... דער פעטער פיני האָט געהערט אויף זיי עפּיס ניט אַזעלכע שענע זאַכען. ער האָט געהערט, אַז די יונגלעך געהען שבת שפּאַציערען אויף די פּידוואָרקעס, און אַז זיי טראָגען טיכלעך אים שבת, און אַז זיי רעדען — רעדען זיי צווישען זיך אויף רוסיש, ניט אויף אידיש.

אוי-ווְעה — ס'איז נעבאַך אַלסדינג געווען אמת, קודש קדשים! נאָך מעהר: זיי געהען אַלע שבת אויף די פּידוואָרקעס, אָבער ניט שפּאַציערען, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען... זיי טראָגען ניט נאָר טיכלעך אים שבת, נאָר קליינגעלט אויף צו קויפען בערלעך, און רעדען אַזעלכע זאַכען — אַך! ווען דער פעטער פיני זאָל נאָך וויסען, פון וואָס מע רעדט, און ווי אַזוי מע רעדט!... דער פעטער פיני זאָל נאָך וויסען, ווי אַזוי די צוויי בחורים'לעך שיפען זיך אויף אַ שיפעל, פאַרקלויבען זיך אינצווייען העט-ווייט אויף יענער זייט טייך. דאָרט, אויפ'ן גרינעם גראָז, לייעגט מען ביכלעך (רוסישע) און מע זינגט ליעדלעך (גויישע) און מע

חלומ'ט אויף דער וואָהר, מע בויעט אינאיינעם לופטשלעסער, וואָס וועט זיין אַמאָל. אַז מע וועט ענדיגען די אוי־עזדנע? וואוהין וועט מען פאָהרען? אויף וואָס וועט מען שטודירען? וואָס וועט מען זיין? און דער אמת מוז דאָ געזאָגט ווערען, עס האָט געהערשט, אַזוי צו זאָגען, אַ גויישע שטימונג, און קיין אידישער אינהאַלט איז אין די דאָזיגע זיסע חלומות ניט געוועזען, וואָרום דער חבר אלי איז געוואַקסען אין אַ שטוב, וואָס איז געווען ווייט פון אידישקייט, האָטש — איינס צום אַנדערען געהערט זיך ניט — פעטש פאַר ניט וועלען דאַוונען האָט אָלי געהאַפּט פון זיין טאַטען גישט ווינציגער ווי אַלע אַנדערע יונגלעך פון זייערע טאַטעס. איך האָב מורא, אַז אַלע טאַטעס זענען אַזוי. איהר קאָנט נאָך היינט אויך באַגעגענען טאַטעס, וואָס אַליין טהוען זיי כל דבר אָסור און ווילען, אַז זייערע קינדער זאָלען זיין גוט און פרום, ניט אין זיי געראָטען...

ניט וועלען דאַוונען — דאָס איז געווען ביי חברה יונגוואַרג איין אַלטע קרענק נאָך פון חדר. היפּערען אין דאַוונען איז געווען אַ וואָכעדיגער גאַנג. און פון זינט זיי זענען אַריין אין די „קלאַסען“, האָבען זיי דאָס דאַוונען גאָר אינגאַנצען פאַרבויגען. דער טאַטע האָט דאָס געוואוסט, נאָר געמאַכט זיך כלא־ידע. האָבען זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען נאָכגעקוקט און געעפענט דעם טאַטען די אויגען, ער זאָל זעהען, ווי זיינע קינדער געהען ביסלעכווייז אַראָפּ פון דרך־הישר — און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז די קינדער זאָלען נאָך מעהר ניט וועלען דאַוונען און זאָלען אין דעם ניט וועלען דאַוונען פיהלען אַ מין עונג רוחני. ניט אומזיסט האָט דער רבי געגעבען צו פאַרשטעהן זיינע תלמידים, די קליינע בעלי־עבירה'ניקעס, דעם שכל פון איין עבירה, אַז די עבירה אַליין איז ניט אַזוי מורא'דיג, ווי די תאוה פון טהון איין עבירה... שלום געדענקט נאָך עד היום דעם טעם פון דער ערשטער עבירה פון „חילול־שבת“. אַזוי איז געווען די מעשה:

שבת ביי טאָג. אידען האָבען אָפּגעגעסען וואַרעמעס און געהאַלטען אין רעכטען שלאָף. אין גאַס איז גאָר ניטאָ קיין משוגענער הונט. שטיל און רוהיג, כאָטש ציה זיך אויס. די זון באַקט, ווי אין דער מדבר. די ווענט פון די געפּאַרבטע הייזער און די הילצערנע פּאַרקאַנעס פון די הויפען בעטען זיך, מע זאָל עפּיס אויף זיי אָנצייכענען, אָנשרייבען. שלום האַלט די הענט אין די קעשענעס. דאָרט ליגט ביי איהם אַ קריידעל פון די קריידלעך, וואָס ווערען באַנוצט אין קלאַס צו דער מאַטעמאַטיקע. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען — נישטאָ קיין מענטש. די לאָדען זענען פאַרהאַקט. און דער יצר־הרע רעדט איהם אָן: „מאָהל!“... וואָס זאָל ער מאָהלען? נעמט ער אויף דער גיך און טהוט אַ מאָהל־ אויס דאָס באַוואוסטע ליעדעל, וואָס אַלע קינדער זינגען און מאָהלען בעת מעשה:

טאָטשקאַ, טאָטשקאַ, זאַפּיאַטאַיאַ,
מינוס, ראָזשיצאַ קריוואַיאַ,
רוטשקאַ, רוטשקאַ, אי קרוזשאָק,
נאָזשקאַ, נאָזשקאַ, אי פּופּאָק...*

פאַרטיג אַ מענטשעל מיט אַ קיילעכיג פּנים, מיט הענטלעך און מיט פיסלעך און מיט אַ מויל, וואָס לאַכט... דער מאָהלער איז צופריעדען מיט'ן בילד. עס פעהלט נאָר איין אויפשריפט. שלום קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען — נישטאָ קיין מענטש. די לאָדען זענען פאַרהאַקט. און דער יצר־הרע רעדט איהם אָן: „שרייב!“... וואָס זאָל ער שרייבען? נעמט ער און שטעלט אַוועק פון אונטען, אונטער'ן בילד, מיט שענע קיילעכיגע אותיות אויף רוסיש, צום גראַם:

---

*אַ פּונקט, אַ פּונקט, און אַ קאָמאַ,
אַ פּאַסיקעל אַ גלייכס, אַ פּנימעל אַ קרומס,
אַ הענטעל, אַ הענטעל, און אַ קיילכעל,
אַ פיסעל, אַ פיסעל און אַ בייכעל.

קטאָ פּיסאַל — ניע זנאַיו,
אַ יאַ, דוראַק, טשיטאַיו...*

און איידער ער באַווייזט איבערצוליִיענען, וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבען, דערפיהלט ער, ווי עמיצענ'ס צוויי פינגער האַלטען איהם ביי'ם לינקען אויהער, אָבער שטאַרק!...

איך מיין, אַז קיינעם פון די לעזער וועט ניט איינפאַלען צו טרעפען, ווער האָט דאָס געקאָנט זיין אָט דער, וואָס האָט געפּאַקט דעם העלד פון דער ביאָגראַפיע מיט דער דאָזיגער מיאוס'ער עבירה פון חילול שבת בפרהסיה? פאַרשטעהט זיך, אַז ניט קיין אַנדערער, נאָר דער פעטער פיני! גראָד ער באַדאַרף הײנט פריהער פון אַלעמען אויפשטעהן פון שלאָף און פריהער פון אַלעמען געהן מיט אַ וויזיט גוט־שבת זאָגען! וואָס ווייטער איז געווען — איז איבעריג צו דערצעהלען. יעדער קאָן זיך פאָרשטעלען, אַז עס האָט ניט געהאָלפען קיין זאַך, קיין בעטען זיך, קיין טרערען — דער פעטער פיני האָט דעם בחור, איין אויסגעשמירטען אין קרייד, אָפּגעפיהרט גלייך אַהיים און איבערגעגעבען איהם אויפ'ן טאַטענ'ס הענט. נאָר דאָס איז געווען גאָרניט אַקעגען דעם, וואָס איז געשעהען נאָכדעם, אַז די גאַנצע שטאָדט איז געוואָירע געוואָרען פון דער מעשה און ס'איז דערגאַנגען צו דער גאַטשאַלסטווע פון דער אוּיעזדנע. עס האט געהאַלטען דערביי. אַז מען זאָל דאָס בחור'על „אויסשליסען". דער טאַטע האָט געוויינט מיט טרערען און האָט געבאָר געמוזט געהן צום אָדון צום דירעקטאָר (סמאָטריטעל), בעטען פאַר זיין זוהן רחמים, און נאָר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים אין קלאַס, אַ סטי־פּענדיאַנט, האָט מען אויף איהם געלעגט כבוד, רחמנות געהאַט אויפ'ן טאַטען און ניט „אויסגעשלאָסען". דערפאַר האָבען די לעהרערס געבענטשט דעם תלמיד מיט אַ נייעם נאָמען. אַז זיי

---

* ווער ס'האָט געשריבען — ווייס איך ניט,
נאָר איך, שוטה, לייען דאָס.

האָבען איהם באַדאַרפט אַרויסרופען אין קלאַס צו דעם ברעט, האָבען זיי ניט געזאָגט, ווי ביז אַהער: ראַבינאָוויטש! זיי האָבען איהם אַרויסגערופען אָדער „חוראָזשניק“ (מאָהלער), אָדער „פּיסאַטעל“ (שריפטשטעלער). און צעצויגען האָט מען דאָס וואָרט אויף זיידי קלאַפּטער די לענג:

— פּי-סאַ-טעל!...

אַט דער נאָמען איז איהם פאַרבליבען אויף לאַנג, שויןָ ביז'ן סוף.

53

צווישען חזנים און כלי־זמרים

א מעשה מיט א אידיש ביכעל, וואס רופט ארויס געלעכטער. חזנים מיט א „קאלאוראטור“. — יהושע־העשעל דער כלי־זמר מיט זיין חאליאסטרע. — דער יצר־הרע פון פידעל.

צו „שרייבעריי“ האט דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע געהאט א נייגונג פון תמיד אן. זיין אידעאל איז געווען צו זיין א מחבר, א שרייבער, ניט נאר מיט'ן קריידעל אויף די ווענט, נאר טאקי באמת א שרייבער, א פארפאסער פון א בוך. אויף איהם האט נביאות געזאגט נאך זיין אלטער פריינט דער קאלעקטאר, אז ער וועט אמאל זיין א שריפטשטעלער און וועט שרייבען העברעאיש, אזוי ווי צעדערבוים, גאטלויבער, יהל"ל און נאך א סך אנדערע „גדולים“. האט אבער ארנאלד פון די פידוואַרקעס געדרונגען פארקעהרט: אז אויב אט דער חברה־מאן וועט אמאל שרייבען, וועט ער שוין זיין בעסער א רוסישער שרייבער, ניט קיין העברעאישער. אין „המליץ“, האט ער געזאגט, זענען פאראן אהן איהם גענוג דילעטאנטען, איגנאראנטען, מלמדים און בטלנים! ניט צעדערבוים, ניט גאטלויבער, ניט יהל"ל, נאר טורגעניעוו און גאגאל, פושקין און לערמאנטאוו — אט ווער עס באדארף איהם שטעהן פאר די אויגען!...

מיט איינעם ווארט, אדער העברעאיש, אדער רוסיש. אז דער

„חברה=מאַן“ וועט אַמאָל שרייבען אידיש — דאָס איז קיינעם אויף די געדאַנקען ניט געקומען, וואָרום אידיש איז דען אויך אַ שפּראַך? דאָס הייסט, רעדען האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט גערעדט אויסער אידיש, נאָר אַז מע קאָן שרייבען אויף אידיש — ווער האָט דאָס געוואוסט? „זשאַרגאָן“, „עברי=טייטש“ — דאָס איז אַ מאכל פאַר ווייבער. אַ איד האָט זיך געשעמט צו האַלטען אַ אידיש ביכעל אין די הענט — מע וועט זאָגען: אַ גראָבער יונג!...

פון דעסטוועגען געדענקט זיך אַ מעשה נאָך פון קינדערוייז. נאָך אין יענעם פאַרוואָרפענעם קלינעם שטעדטעלע, אין וואָראָנקאָ, האָט אַ אידיש ביכעל, און דוקא אויף „זשאַרגאָן“ געשריבען, גע=האַט דעם גרעסטען ערפאָלג. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכעל — קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאַנען. ער גע=דענקט נאָר, אַז ס'איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע, פאַרסמאָלצעוועטע, צעפאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָהן טעוועלער, און אפילו אָהן אַ פאָדערבלעטעל. שבת=צו=נאַכטס, אַלע בעלי=בתים פון שטאָדט האָבען זיך צונויפגעקליבען ביי רב נחום וועוויק'ס אויף „מלוה=מלכה“. די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיט'ן „וואָלכישען באָרשט“, און דער עולם האַלט זיך אונטער דערווייל. רב נחום לייענט אַ מעשה=ביכעל. דער טאַטע לייענט, און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסען און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך ביי די זייטען פאַר געלעכטער, און מע אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאָרלעזער און מע דריקט=אויס די גרויסע התפעלות הויך אויף אַ קול, און עס שיטען זיך קללות אויפ'ן בעל=מחבר'ס אַדרעס: „אָט אַ ימח=שמו'ניק! אַ כל=בו'ניק! אַ ממזר! אַ רוח אין זיין טאַטענ'ס טאַטען אַריין!“... אפילו דער פאָרלעזער אַליין קאָן זיך ניט איינהאַלטען, ווערט שיער דערשטיקט פאַר געלעכטער! די קינדער ווילען ניט געהן שלאָפען, און שלום אַוודאי ניט. פאַרשטעהן וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטעהט ער ניט, נאָר ס'איז איהם גלאַט געפעלען צו זעהען,

ווי אידען מיט בערד קאטשען זיך, האלטען זיך ביי די זייטען און שיסען־אויס אלע מאל מיט א געלעכטער. און ער זיצט פון דער־ווייטענס און קוקט אין אלעמענ'ס פנים'ער, ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם אידען, וואס האט געמאכט אט דאס ביכעלע, און זיין טיעפסטער וואונש איז, אז גאט וועט העלפען, ער וועט אויס־וואקסען און ווערען א גרויסער, וועט ער אויך אנשרייבען אזא מין ביכעלע, וואס אידען וועלען דאס לייענען און וועלען לאכען און וועלען איהם שעלטען אין גוטען מוט, גלאט אזוי זיך, אין טאטענ'ס טאטען אריין...

גאר ווי די מעשה איז — אויב ער וועט זיין א שרייבער אדער ניט, אויב ער וועט זיין א העברעאישער שרייבער אדער א רוסישער — א „קענער" וועט ער שוין זיין געוויס. ס'איז גאר ניטא וואס צו רעדען. זיין א „קענער" — דאס האט ער געמוזט און דאס האט ער געוואלט. ער האט געוואלט קענען אלסדינג. אפילו אזא זאך, ווי פיעדעל־שפיעלען. דאכט זיך, וואס פאר א שייכות האט שפיעלען אויפ'ן פיעדעל צו השכלה? ניין, עס האט א שייכות, שפיעלען אויפ'ן פיעדעל איז אין יענער צייט געשטאנען אין פראגראם פון קענטעניש גלייך מיט אנדערע זאכען און האט זיך אנגעקעהרט מיט לערנען, ווי, א שטייגער, א טאטענ'ס א קינד האט געלערענט דייטש, אדער פראנצויז. קיין פראקטישע נוצען האט דערפון קיינער ניט געווארט, נאר א טאטענ'ס א קינד, וואס וויל זיין א מושלם, באדארף אלסדינג קענען. כמעט אלע פיינסטע בעל־הבתישע בהורימ'לעך אין שטאדט האבען דעריבער זיך געלע־רענט שפיעלען פיעדעל. חיים פרוכשטיינ'ס האט געשפיעלט פיעדעל, צאלי מערפערט'ס האט געשפיעלט פיעדעל, מאטעל סריב־נער'ס האט געשפיעלט פיעדעל. נאך א סך יונגלעך האבען גע־שפיעלט פיעדעל. מיט וואס איז שלום ראבינאוויטש ערגער פון זיי? האט אבער דער טאטע ניט געוואלט. ער האלט ניט דערפון. עס איז איין איבעריגע זאך, האט ער געזאגט, איין עבירה די צייט, און עס קומט אויס ביי איהם מעשה כלי־זמר. מאטעמאטיקע, גע־

אָגראַפיע, מליצה — דאָס איז אַ זאַך. אָבער רימפּלען אוים'ן פּיעדעל — וואָס איז פאַר איין עובדה?...

אַזוי טענה'ט נחום ראַבינאָוויטש און איז פון זיין שטאַנד־פּונקט אפשר גערעכט. הערט זשע אָבער, וואָס זאָגט דערויף יהושע־העשעל דער כלי־זמר? יהושע־העשעל דער כלי־זמר איז אַ איד איין ערליכער, איין איידעלער איד, מיט צוויי גראָבע געדיכטע פּאות. זאָגט ער בפירוש: „וואָס געהער זיך אָן דאָס מיט דעם? ער האָט, זאָגט ער, אויך קינדער, ניט ערגער פון אַלע אַנדערע אידישע קינדער, און שקצים אויך גוטע, דער רוח האָט זיי ניט גענומען! אלא דעריבער איז וואָס? האָט איהר מורא, אַז זיי שפּיעלען ניט ביי איהם אויף אַלע אינסטרומענטען?... און בנציון דער כלי־זמר וואָס זאָגט? אָט דער בנציון, וואָס האָט אויסגעלערענט די אַלע אויסגערעכענטע בחורים'לעך פּיעדעל שפּיעלען, איז אַליין אַ איד מיט איין איינגעפאַלענער נאָז, און דעריבער פאַנפעט ער אַביסעל אונטער. האָט ער אויסגעפּרובט נחום ראַבינאָוויטש'עס יונגעל, געגעבען איהם די ערשטע פאַר לעקציעס פון ערשטען חלק „בעריאָט", האָט ער אַליין געזאָגט פאַר אַלע יונגלעך, אַז אָט דאָס בחור'על איז אַ „פאַלאַנף". אויף בנציונ'ס פאַנפעוואַטע לשון האָט דאָס באַדאַרפט הייסען אַ „טאַלאַנט"... צי ער האָט טאַקי געהאַט אַ טאַלאַנט אָדער ניט — דאָס ווייסט ניט שלום. ער ווייסט נאָר, אַז פון קינדווייז־אָן געהט ער אוים שפּיעלען און איז די כפּרה נאָך אַ פּיעדעל, און ווי אויף צו־להכעים, גלייך ווי מע וואָלט זיך וועלען רייצען מיט איהם, האָט ער זיך שטענדיג געפונען אין אַ וועלט פון געזאַנג און מוזיק, צווישען חזנים און כלי־זמר.

חזנים און משוררים זענען כמעט קיינמאָל ניט אַרוים פון זייער שטוב, ווייל נחום ראַבינאָוויטש איז אַליין געווען אַ בעל־תפלה און אַ יודע־נגן, און דערצו איז זייער איינפאָהר געווען, קאָן מען זאָגען, די איינציגע סטאַנציע פאַר חזנים. עס איז ניט

אַוועק קיין שבת=מברכים, ס'זאָל ניט קומען צו פאָהרען אַ בויד, אָנגעפּאַקט מיט מאָדנע פאַרשוינען, לעבעדיגע, ריהרעוודיגע, אַלע הונגעריגע. געגאַנגען זענען זיי, מעהרסטענטייל, אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען, כמעט נאַקעט און באָרוועס, נאָר די העלזער אַרומגעוויקעלט מיט שאַרפעס, וואָלענע, וואַרעמע שאַרפעס. אַזוי ווי די היישעריקען האָבען זיי באַפאַלען די אַכסניה, געגעסען אַלסדינג, וואָס מע האָט זיי געגעבען. דאָס איז שוין געווען אַ כלל, אַז וויבאַלד הונגעריגע — זענען זאָס געווען משוררים מיט אַ וועלטבאַריהמטען חזן. גאַנצע טעג האָט זיך דער וועלט=באַריהמטער חזן געקאַטשעט. אויפ'ן האַלז, אויסגעפּרובט זיין „קאָלאָראַטור“ און געשלונגען רויהע אייער, און די זינגערלעך האָבען זיך געריסען אויף די גלייכע ווענט, מעהרסטענטייל געהאַט שוואַכע קולות, גאָר שטאַרקע אַפּעטיטען צום עסען, האָבען זיי דעריבער מיט זייער דאַוונען עפּיס ניט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, נאָר אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען זיך און אַוועקגעפאָהרען אומבאַצאָהלטערהייט. דאָס האָט דער שטימאַמע, פאַרשטעהט זיך, שטאַרק ניט געשמעקט. האָט זי בּיסלעכווייז אָטלענטשעט די וועלט=באַריהמטע חזנים, געבעטען, זיי זאָלען שוין מוחל זיין פאַרפאָהרען בעסער צו ראובן יאַסנעגראַדסקי, מחמת עסערס האָט זי, קיין עין=הרע, אַליין גענוג, און שרייערס איז ביי איהר אויך דאָ אַ היבש ביסעל, ניט צו פאַרזינדיגען... דער פּועל=יוצא איז געווען, וואָס ראַבינאָוויטש'עס קינדער האָבען זיך אָנגעהערט אַזוי פיעל נגינה, אַז זיי זענען געווען קלאָר אויף אויסוועניג, ווען געהער אָט די און די קדושה, און ווען געהער דער און דער „תכנת=שבת“: צי פּיצי דעם חזן, אָדער מיצי דעם חזן, אָדער דעם קאַשטאַגער חזן, אָדער דעם שעדליצער, אָדער דעם קאַלוואַריער חזן, אָדער גאָר ניסי בעלזער? עס זענען געווען צייטען, וואָס גענאַנגען האָבען זיך, אַזוי צו זאָגען, געטראָגען אַליין פון זיך אין דער לופטען, און אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטען אַ געדאַנק, און אין האַלז האָט זיך געקייקעלט און געקייקעלט עפּיס אַ ניגונ'דעל און ניט געלאָזט שלאָפען.

דאָס איז געווען מיט נגינה. און וואָס אָנבאַלאַנגט מוזיק, האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע געהאַט די זעלבע געלעגנהייט צו הערען כלי=זמר נאָך מעהר ווי הזנים, וואָרום סאַי יהושע=העשעל דער כלי=זמר מיט די גראָבע פאות, סאַי בנציון מיט דער איינגעפאַלענער נאָז האָבען געוואוינט ניט ווייט פון חדר, אַזוי, אַז מע איז געגאַנגען אין חדר אַריין, האָט מען באַדאַרפט דורכגעהן פאַרביי יהושע=העשלען און פאַרביי בנציוגען. דאָס הייסט, קיין מוז איז דערביי ניט געווען: מע האָט זעהר שעז געקאָנט אויסמיידען, און ווען מע מיידט זיי אויס, וואָלט געווען אַ סך נעהענטער. האָט אָבער שלום ליעב געהאַט דוקא געהן פאַרביי זיי און דוקא בלייבען שטעהן אונטער'ן פענכטער און הערען, ווי בנציון דער כלי=זמר לעהרענט די יונגלעך פידעל שפּילען, אָדער ווי יהושע=העשעל דער כלי=זמר מאַכט רעפּעטיציע מיט זיינע בנים, וואָס שפּילען אויף אַלערליי אינסטרומענטען. און דעמאָלט איז געווען איהם ניט אָפּצודרייסען און ניט אָפּצוטרייבען. יהושע=העשעל'ס בנים האָבען דאָס באַמערקט, האָט דער עלטערער, העמעלע, איהם מכבד געווען איין מאָל מיט'ן סמיטשיק, דאָס אַנדערע מאָל מיט אַ קוואָרט וואַסער — עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. דורך איין ציגאַר טיטון איז מען מיט העמעלען געוואָרען חבר, און שלום איז געוואָרען אַ בן=בית ביי יהושע=העשעל דעם כלי=זמר, גישט דורכגעלאָזט קיין איין רעפּעטיציע — און רעפּעטיציעס זענען געווען דאָרט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, — און דורך זיי האָט ער זיך באַקענט מיט'ן גאַנצען בינטעל מוזיקאַנטען, מיט דער גאַנצער כלי=זמר'שער משפּחה, מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט אַלע זייערע זיטען און מנהגים, מיט זייער אַרטיסטיש ציגיינער=לעבען, און אפילו מיט זייער שפּראַך, „כלי=זמר=לשון“, וועלכעס ער האָט דערנאָכדעם, שוין אַלס ש ל ו ם = ע ל י כ ם, טיילווייז אויסגענוצט אין זיינע ווערק: „אויפ'ן פידעל“, „סטעמפּעניו“, „בלאָנזענדע שטערען“ און אַנדערע.

טלזאַ, ווי איהר זעהט, איז אין לערנען פּיעדעל שפּיעלען נים געווען קיין מניעה. געהערט האָט ער געהאַט געגוג. אַ שאַלאַנט, זאָגט בנציון דער כלי־זמר, האָט ער אויך געהאַט. וואָס זשע נאָך פעהלט? איין אינסטרומענט, אַ פיעדעל. און אַ פיעדעל קאָסט געלט, און קיין געלט איז נישטאָ! וואָס טהוט מען? — דאַרף מען, הייסט דאָס, קריגען געלט... אָט דאָ, ביי דעם געלט קריגען, האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, אַ קאָמישע, נאָר אַ טרויעריגע. אַ טין טראַגי־קאָמעדיע.

54

לאָ תגנוב!

דעם אורח'ס בייטעלע מיט קליינגעלט. — ער באַגעהט אַ גנבה און האָט חרטה. — ווי אַזוי ווערט מען פּטור פונ'ם בייטעלע

צווישען די אורחים, וואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי די ראַבּינאָוויטשעס אין „איינפאָהר“, איז געווען איינער אַ באַשטענדיגער אורח, אַ איד אַ ליטוואַק, אַ תבואה-הענדלער פון פּינסק, מיט'ן נאָמען וואָלפסאָהן. דער וואָלפסאָהן פלעגט איינשטעהן חדשים-לאַנג און האָט זיך געהאַט זיין שטענדיגען חדר, וואָס מע האָט איהם גערופען „וואָלפסאָהנ'ס חדר“ (אפילו דעמאָלט, ווען וואָלפסאָהן אַליין איז גאָר געווען אין פּינסק). און אויך אַ סאַמאָוואַר אַ באַזונדערען האָט ער געהאַט — „וואָלפסאָהנ'ס סאַמאָוואַרעל“. און געווען איז דער וואָלפסאָהן ביי די ראַבּינאָוויטשעס אַ מענטש אַ היימישער, געגעסען דאָס, וואָס אַלע עסען, און אַז די בעל-הבית'טע (די שטיפמאַמע) איז געווען עפּים ניט אַזוי אויפגעלעגט, האָט ער געהאַפּט פון איהר אַ פּסק גלייך מיט אַלעמען, ווי איין איינגענער... געטראָגען האָט ער אין שטוב אַ קורץ האַלאַטעל, און אַמאָל איז ער געגאַנגען גאָר אָהן אַ חאַלאַט, און גערויכערט האָט ער מורא'דיג גראָבּע געבלעטערטע ציגאַרען, און ליעב געהאַט צו רעדען, האַלטענדיג די געבלעטערטע ציגאַרען אין מויל, די הענט אין די הויזען, און גערעדט — נייען מאָס רייד! דער חדר איז געווען אָפען, דאָס סאַמאָוואַרעל ביי'ם טיש,

דאָס טישקעסטעל צוגעשלאָסען, נאָר די שליסעלער הענגען דערביי — אַ דרעה מיט'ן שליסעל, און דאָס טישקעסטעל איז אָפען. וואָס אין טישקעסטעל טהוט זיך — ווייסען אַלע. דאָרט געפינען זיך ביכער, בריעף, השבונות און געלט. איין טייסטער אַ גרויסער, אַ גראָבער, אָנגעשטאָפּט מיט אַסיגנאַציעס — ווער ווייסט, וויפיעל דאָרט איז! און אַ חוץ דעם טייסטער — אַ לעדערן ביימעלע, איין אַלטס, איין אָפּגעקראָכענס, נאָר שטענדיג פול מיט קליינגעלט, זילבערנע און קופּערנע מטבעות, אויך היבשליך — הלואי פאַרמאָגט דאָס אַזאַ יונגעל, ווי שלום, האָטש האַלב, וואָלט איהם אויך גענוג געווען אויף צו קויפען די בעסטע פיעדעל אין דער וועלט...

ניט איין מאָל האָט וואָלפסאָהן געהאַט געעפענט דאָס טישקעסטעל אַפּער איטליכען אין די אויגען, און, ניט ווילענדיג, האָט שלום געהאַפּט אַ קוק אויפ'ן אָנגעפּאַקטען טייסטער מיט אַסיגנאַציעס, און דערהויפּט — אויפ'ן לעדערן ביימעלע מיט מינץ, און זיין גרעסטער וואונש איז געווען, אַז וואָלפסאָהן זאָל אַמאָל פאַרלירען אָט דאָס ביימעלע און ער, שלום, זאָל דאָס געפינען. דאָס וואָלט געווען, ווי מע זאָגט, אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל... „השבת אבידה" איז טאַקי איינע פון די גרויסע מצוות. נאָר פאַרמאָגען אָט אַזאַ ביימעלע מיט קליינגעלט איז נאָך מעהר מצוה... וויל ער אָבער ניט פאַרלירען, דער ליטוואַק!... פּועל'ט ביי זיך שלום און איז זיך מתיר נדר, אַז ווען וואָלפסאָהן גיט איהם, למשל, די הויזען אויספּוצען און פאַרגעסט דאָרטען דאָס ביימעלע, וואָלט ער עם איהם אַ מכה אָפּגעגעבען צוריק! ס'האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון קעשענע בשעת רייניגען — וואָס איז ער שולדיג?... איז אָבער וואָלפסאָהן אויך ניט קיין נאַר. אַלע מאָל, ווען ער גיט די קינדער פּוצען די מלבושים, לעדיגט ער פריהער אויס אַלע קעשענעס — אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק! פאַרדריסט דאָס שוין שלום'ען, איז ער זיך מיישב איינמאָל, אַז ס'איז יאָ אַזוי, אַז פאַרלירען ניט און פאַרגעסען אויך ניט, באַדאַרף מען געבען אַ קוק

אַריין אין בּייטעלע, האַטש וויסען, וויפיעל קלינגעלט דאָרט געפינט
זיך... און מיט דער דעה, ניט חלילה אויף צו בּאַגעהן אַ גנבה,
נאָר גלאַט אַזוי אוים נייגיעריגקייט, האָט שלום איינמאָל אין
אַ פריהמאָרגען אַריינגעחאַפּט זיך צו וואָלפּסאָהנען אין חדר'על
אַריין, זיך אַרומגעדרעהט אַ ווײלע, כלומרשט אויפגערוימט ביי'ם
טיש, בּשעת דער ליטוואַק איז געשטאַנען אין זאַל מיט דער גראָבּער
בּלעטערנער ציגאַר אין מויל און געגראַגערט. פון'ם דאָזיגען
אַרומדרעהען זיך איז אָבּער נישט אַרויסגעקומען גאָרנישט. ביי'ם
אָנגריהרען מיט דער האַנט די קאַלטע שליסעלעך, האָט זיך איהם
אויסגעוויזען, אַז דאָס בּינטעל שליסעלעך האָט אויפגעהויבען
אַ גוואַלד עד לב השמים, און עס האָבּען איהם אָנגעהויבען ציטערען
הענט און פים. האָט ער זיך נעגעבען אַ דרעה=אוים און אַוועק פון
וואָלפּסאָהנ'ס חדר'על מיט לעדיגע הענט.

דער ערשטער סעאַנס איז איהם ניט געראָטען, האָט ער גע-
ווארט אויף אַ צווייטען מאָל, זיך אַליין אויסגעוואָרפען, אַז ער
איז אַ גנב. „בּיזט אַ גנב, שלום! האָסט דו נאָר געהאַט איין
מחשבה אַ שלעכטע, בּיזט דו שוין אַ גנב... אַ גנב! אַ גנב!“...

דער צווייטער סעאַנס האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען.
וואָלפּסאָהן האָט פיינט געהאַט זיצען איינער אַליין ביי זיך מיט
די פיער ווענט. אין זאַל זענען געווען נאָך אורחים. האָט ער בּעסער
פאַרבּראַכט אין זאַל, גערויכערט און גערעדט, ווי אַלע מאָל. שלום
האָט זיך ווידער אַ מאָל אַריינגעחאַפּט אין וואָלפּסאָהנ'ס חדר'על.
איצטיגם מאָל שוין מיט דער דעה ניט אַ קוק צו טהון, נאָר טאַקי-
עפּים גענימען אויך. סאַי=ווי=סאַי אַ גנב... אַריינגעחאַפּט זיך, האָט
ער זיך איבּערגעבּויגען מיט'ן גאַנצען גוף איבּער'ן טיש, גלייך ווי
ער וואָלט וועלען עפּים דערלאַנגען פון'ם אַנדערען בּרעג טיש,
מיט דער לינקער האַנט געגעבּען אַ נעם דעם קאַלטען שליסעל,
אַ דרעה רעכטס — דער שלאָס האָט זיך געעפענט מיט אַ שטילען
קלאַנג — דזין! — און אַנשוויגען געוואָרען. ער האָט געגעבּען
אַ קוק אַריין אינווענינ און איז געבּליבּען אַ פאַרציטערטער. צו-

ערשט האָט ער דערזעהן פאַר זיך דעם גראָבען טייסטער איין
אָפּענעם, פול און פול געפּאַקט מיט פּאַפּיער=געלט: צעהנערלעך
רויטע, פינפערלעך בלויע, דרייערלעך גרינע, און איינערלעך געלע—
ווער ווייסט, וואָס דאָס האָט געקאָנט באַטרעפען?! איין פּאַפּיערעל
אַ רויטינקס ווען ער טהוט נאָר אַ שלעפּ=אַרוים פון דאָרטען —
איז ער דאָך שוין אַ געהאָלפענער! ווער וועט זיך אַרומקוקען?
נעם זשע, שוטה, און שלעפּ=אַרוים — ניין! קאָן ער נישט! עס
טרייסלען זיך איהם די הענט, עס קלאָפּט איהם אַ צאָהן אויף
אַ צאָהן און עס פאַרציהט איהם דער אָטעם. ער חאַפּט בעסער
אַ קוק אויפ׳ן לעדערנעם ביטעלע — ס׳איז געפּאַקט! ער וויל דאָס
אַ נעם טהון — פאָלגט איהם ניט די רעכטע האַנט. עפּענען דאָס
ביטעלע און אַרויסנעמען פון דאָרט עטליכע זילבערנע מטבעות
וואָלט אויך געווען נישקשה — איז צופיעל אַרבייט. נעמען דאָס
ביטעלע און אַריינרוקען דאָס אין קעשענע — וועט מען זיך באַלד
אַרומקוקען. דערווייל די צייט שטעהט ניט און די מינוטען ציהען
זיך. אַ מינוט אַ יאָהר... און דאָ דערהערט זיך אַ שאָראָך —
אַהאַ, ער שקראַבעט שוין, דער ליטוואַק, מיט די אויסגעטראָטענע
שטעק=שיך... אַ דרעה דעם שלאָס מיט דער רעכטער האַנט צוריק—
און לאָזט זיך געהן פון חדר ווידער מיט לעדיגע הענט, רעכענט
באַגעגענען זיך מיט עמיצען, צום סוף — ווער? וואָס? ניטאָ
קיינער! געהן נאָך אַמאָל צוריק — שוין צו שפּעט. באַדאַרפט
פריהער! דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגענהייט!... „ביזט אַ אידיאָט,
שלום! דו ביזט ביידע זאַכען — אי אַ גנב, אי אַ אידיאָט!“...

דער דריטער סעאַנס, אין אַ צייט אַרום, איז שוין גאָר אָפּ=
געלאָפּען גלאַט. ער האָט אויסגעמידען די פריהעריגע הכנות, ניט
געמאַכט קיין שיהות, נאָר גלייך צום טיש, אויפגעעפענט דעם
שלאָס, אַריינגעשטעקט די האַנט אין שיפלאָד, געגעבען אַ נעם
דאָס ביטעלע, געגעבען דאָס אַ לאָז אין קעשענע, צוגעמאַכט צוריק
דעם שיפלאָד און אַוועק מיט די ביכלעך אין קלאַס אַריין, דוקא
ניט געהאַפּט זיך, דוקא פּאַוואָלי, און, דאַכט זיך, אַזוי קאַלט=

בלוטיג, כמעט שלעפעריג. נאָר אַרויסגעהענדיג פון שטוב האָט ער דערפיהלט, אַז דאָס ביימעלע בריהט איהם דורך דער קעשענע דאָס לייב, און אַז ער דאַרף עס ביי זיך ניט האַלטען בשום אופן ואופן! ווער שמועסט דעם ערשטען טאָג — אַודאי און אַודאי ניט! און אָנשטאָט דעם, ער זאָל געהן אין קלאַס, חאַפּט ער זיך אַריין אין שטאַל אַריין, דאָרט, וואו מען האַלט האָלץ, אָנגעהאַקט האָלץ, בויגט זיך אָן און טהוט אַ רוק אַריין דאָס ביימעלע אין ווייטען, פינסטערען ווינקעל אַריין, צווישען האָלץ און צווישען דער וואַגט, מאַכט אַ סימן מיט'ן אויג, ער זאָל געדענקען דעם אָרט אַקוראַט — און מאַרש אין קלאַס אַריין.

האָט זיך אייך געטראָפען ווען באַגעגענען אייגעם מיט אַ פלאַמענדיג פנים, מיט ברענענדיגע אויגען, וואָס איז הינדנע אויפגערוימט און איז גרייט פאַר אייך אין פייער און אין וואַסער, נאָר ער איז עפּיס צעטראָגען, אַריינגעטהאָן אין זיך — זאָלט איהר ויסען, אַז דער הברה-מאַן ווייסט עפּיס אַ זאַך, וואָס נאָר ער ווייסט און גאָט, און ווייטער קיינער ניט. אָט אַזוי האָט אויסגעזעהען יענעם פריהמאָרגען דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע. ער האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגען אַריין, ווי אַ זינדיגער מענטש. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז אַלע זעהען, אַז ער ווייסט עפּיס זעהר-זעהר אַ הייליגען סוד... זיין חבר אלי, וואָס האָט איהם געקענט מעהר ווי אַלע, האָט איהם אַ פרעג געגעבען: „שלומאָנטשיק! וואָס איז מיט דיר? האָסט שוין ווידער עפּיס אויסגעמאָהלט אַ צאַצקע מיט אַ קריידעל אויפ'ן פאַרקאַן?“...

„האַלט'ס מויל, אליק, וואָרום אָט מאָהל איך דיר אויס אַ צאַצקע אויף דער פיזיאָגנאָמיע, וועסט דו פאַרגעסען, ווי מען רופט דיך!“

„טאַקי? אַנו, פרוב, לאָמיר זעהען, ווער וועמען!“ — און אלי האָט שוין פאַרקאַטשעט די אַרבעל, גרייט געווען צו געבען אויסגאָב, ווי ער קאָן. זיין חבר איז אָבער ניט געלעגען אין זינען שלאָגען זיך. זיין קאָפּ און אַלע זיינע געדאַנקען און אַלע זיינע חושים זענען געווען דאָרטען, אין שטאַל פון געהאַקטען האָלץ,

ביי'ם ביימעלע... פאַר גרויס איטפּעט האָט ער אפילו פאַרגעסען געבען אַ קוק אַריין, וואָס אין ביימעלע טהוט זיך... ער האָט קוים דערלעבט, די לעקציעס זאָלען זיך ענדיגען און ער זאָל שוין קומען אַהיים, וועט ער זיך אַריינכאַפּען אויף אַ רגע'לע אין שטאַל, אַ קוק טהון האָטש פון אויבען=אויף — וויפיעל? וואָס פאַרמאָגט ער איצטער?...

געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפען אַ חורבן, איין איבערקערעניש! דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט איז צעוואָרפען, די קיך — מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. די שיקסע וויינט, שווערט, האַפּט די ערד, אַז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. דער טאַטע איז אויס מענטש, שוואַרץ ווי די ערד. אַזש איינגעבויגען אין דרייען. די שטיפמאַמע פייערט, שעלט, לעגט די תוכחה — אויף וועמען? שווער צו וויסען. וואָרום די קללות געהען ביי איהר מיט אַ לשון=רבים, אין אַ מעהרצאָל: „פון אונטער דער נאָז זאָל מען צונעמען — נעמען זאָל א י י ך דער שוואַרצער יאָהר!" „אַריין אַ ביימעל מיט געלט אין דער ערד אַריין — אין דער ערד זאָלט א י ה ר אַריין!" „קיינער האָט ניט געזעהען דאָס ביימעלע — ניט זעהען זאָלט א י ה ר די וועלט!" „וואָסער אורח וועט דאָ וועלען שטעהן — שטעהן זאָלט א י ה ר פּראַוועצעם!"... און דער אורח אַליין, וואָלפסאָהן מיט'ן האַלצטעל, שטעהט מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל, האַלט די הענט אין די קעשענעס, קוקט אויף די קינדער, שמייכעלט און רעדט צו זיך אַליין: „ערשט הייַנט אין דער פריה געהאַלטען די ביימעלע, פון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען"...

— האָט איהר ניט געזעהען דאָס ביימעלע? — פרעגט דער טאַטע ביי די קינדער, און שלום שטעלט זיך אַרויס פאַר אַלע:

— וואָסער ביימעלע?...

זעלטען=ווען דער טאַטע איז אין כעס. איצט קאָן ער שוין ניט איינהאַלטען זיך און פאַלט־אַן אויף זיין ליעבלינג און קרימט איהם איבער:

— „וואָסער בייטעלע?“ וואָס זאָגט איהר אויף דעם תּם? אַ גאַנץ פריהמאָרגען הערט ער „בייטעלע־בייטעלע! בייטעלע־בייטעלע!“ — פרעגט ער נאָר: וואָסער בייטעלע!...

און צום אורח זאָגט דער טאַטע:

— וויפיעל פאָרט איז דאָרט געווען געלט ביי אייך אין בייטעלע?

— עס האַנדעלט זיך ניט אום געלט, — ענטפערט וואָלף־סאָהן אויף זיין ליטוויש לשון — דאָ האַנדעלט זיך אום די בייטעלע! ערשט היינט אין דער פריה געהאַלטען די בייטעלע, ניט אַרויס־געגאַנגען פון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען!...

ניין, איצט איז ניט די צייט געוואוירע צו ווערען, וויפיעל געלט עס געפינט זיך אין בייטעלע. שלום איז ניט אַזאַ אידיאָט, ער זאָל איצטער, אויף דער הייסער שעה, געהן אין שטאַל אַריין פרויבערען דאָס בייטעלע. ער קאָן באַשטעהן אָפלעגען די אַרבייט אויף מאָרגען, אָדער אויף איבערמאָרגען. דערווייל דאַרף מען זיך נעמען צו די ביכלעך, חזר'ען די געאָגראַפיע מיט דער היסטאָריע אויף אויסווענינ, מאַכען אַ פאָר טעאָרעמעס פון געאָמעטריע... נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג. און דאָ אין שטוב קאָכט זיך! די שיקסע האָט מען שוין אָפגעשאַפט. די שטיפ־מאַמע פייערט. דאָס גאַנצע הויז איז אויף רעדלעך. אַלע זוכען דאָס בייטעלע, און שלום זוכט גלייך מיט אַלעמען, טהוט אַ קוק אויפ'ן טאַטענ'ס פנים, און עס פאַרגעהט איהם דאָס הארץ, קאָן ניט זעהען, ווי ער געהט איינגעבויגען, קאָן ניט הערען, ווי ער זיפצט און ווי ער קרעכצט. און ערשט דאָ דערפיהלט דער גנב, וואָס פאַר אַ מיאוס'ע זאַך ער האָט אָפגעטהאָן, און ער האָט הרטה אויף דער מעשה, איז אויפגעטראָגען אויפ'ן יצר־הרע, וואָס האָט איהם אָנגערעדט אויף אַזאַ עבירה, אַרויפגעפיהרט אויף אַ גליטש...

ווי אַ יאָהר האָט זיך געצויגען יעדע שעה, ווי איין אייבי־קייט האָט אויסגעוויזען דער טאָג. קוים דערלעבט דעם פאַרנאַכט

ווען דער רעש מיט׳ן טאַרעראַם האָבּן זיך אַ ביסעל איינגעשטילט און די שטוב־צרות מיט די דאגות־פּרנסה האָבּן אַרויסגעשטויסען אויף אַ ווײַלע דעם האַרמידער פון דער גנבה, האָט זיך דער קליינער גנב אַרײַנגעחאַפּט אין הויף, אַרײַנגעחאַפּט זיך אין שטאַל פון האָלץ, פּאַוואָלי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אַרויסגעצויגען פון צווישען וואַנט דאָס ביימעלע, אויפגעעפענט דאָס, געגעבּען אַ קוק אַרײַן — און... דאָרטען איז געלעגען איין אַלטע, אָפּגע־ריבּענע מטבע פון פאַרצײַטען, וואָס האָט אַמאָל געדאַרפט באַטרעפען צעהן קאָפּיקעס, נאָר היינט איז זי ניט ווערטה גאָרניט, וואָרום קיינער נעהמט זי ניט!... און דאָס ביימעלע אַליין איז אויך ניט ווערטה גאָרניט. אַ ביימעלע אַ פאַרזשעהעניש, אַ שלעסעל דער רוח ווייסט וואָסערס, דאָס לעדער אָפּגעבּאַרעט און פעט־פאַר־סמאָלצעוועט, בּיי די בּרעגעס איינגעקאָרטשעט און פאַרגעלט, ווי בּיי איין אַלטער באַבּיצע די הויט פון פּנים — אַזאַ בּייטעלע האַלטען אין די הענט איז מוקצה מחמת מיאוס!... טאַקי כּדאי געווען צוליעב אַזאַ פּאַסקודסטווע אָפּטהון אַזאַ מיאוס׳ע זאַך, עובר זיין אויף אַ לאו פון די עשרת הדבּרות: „לא תגנוב“!...

אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, איז איהם די שטיפמאַמע מכבּד מיט אַרײַנטראָגען דעם אורח דעם סאַמאָוואַר. דער אורח (וואָלבּסאָהן) האָט אַ טבע איטליכם מאָל, ווען מע טראָגט איהם אַרײַן דעם סאַמאָוואַר, רייבּט ער אַ האַנט אָן אַ האַנט און טהוט אַ זאָג מיט אַ ניגון און מיט אַ גראַם: „אָט אַזוי! אַצינד וועלען מיר טרינקען טיי!“... איצטיגם מאָל האָט ער צוגעלעגט אויך די ווערטער: „וואָס זשע הערט זיך — ניטאָ די בּייטעלע?“... און האָט געגעבּען בעת מעשה אַ קוק אַרײַן דעם בּחור׳על אין די אויגען אַרײַן, און עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ פאַרבּאָרגענע איראָניע סאַי אין די ווערטער, סיי אין׳ם קוק... און אפשר האָט זיך עס נאָר אויסגעוויזען אַזוי? ווי זאָגט מען דאָס: „עס ווייסט די קאַץ וועמענ׳ס פלייש זי האָט אויפגעגעסען“... אָדער: „אויפ׳ן גנב בּרענט דאָס היטעל“... יעדענפאַלס, האָט דער גנב אין דער

מינוט פיינט געהאַט דעם אורח וואָלפּסאָהן מיט סכּנות, נישט געקאָנט אָנקוקען זיין ליטוויש פּנים מיט זיין ליטווישען לשון: „די ביטעלע“, און ער האָט זיי ביידען ביי זיך אין האַרצען געשאָלטען מיט קללות נמרצות!... וואָס טהוט מען מיט׳ן פאַרשאָלטענעם ביטעלע? ס׳איז ניט קיין תּכלית, טאָמער געפינט מען דאָס אין שטאַל צווישען האָלץ! וואָלט מען זיך ניט צוגעאײַלט אַזוי אָפּצושאַפען די שיקסע, וואָלט געווען דער בעסטער פּלאַן אונטערוואַרפען דאָס ביטעלע איצט. אָבער, אַז די שיקסע האָט מען שוין לאַנג דורכגעטריבען, קאָן דאָך ערשט פאַלען דער חשד אויף די קינדער — שלעכט!...

ביינאַכט האָט ער לאַנג ניט געקאָנט אַנשלאָפען ווערען. ער האָט ביי זיך אַליין ניט געקאָנט פּועל׳ען, אַז דאָס איז ניט קיין חלום, קיין בייזער חלום. ניט שוין זשע איז דאָס אמת? ניט שוין זשע איז ער אַ גנב? אַ פּשוט׳ער גנב?!... און עס באַשלאָגט איהם אַזש אַ שוויס, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן פאַלען!... און וואָס וועט זיין ווייטער?... ווייטער ווערט ער אַנשלאָפען און עס פּלאָנטען זיך איהם ביטעלער, און די ביטעלעך זענען ניט קיין ביטעלעך, נאָר לעבעדיגע מיאוס׳ע באַשעפענישען, אָפּגעקראָכענע, געלע און איינגעקנייטשטע, און קאַלטע און נאַסע, אַזוי ווי שרצים, ושאַפּעם... און זיי ריהרען זיך און זיי קריכען איהם איבער׳ן לייב, פאַרקריכען אונטער׳ן קאָלנער, אונטער די פאַכוועס — ברררר!... ער האַפּט זיך אויף, קוקט אונטער דער קאָלדרע, טאַפּט זיך דאָס לייב — דאַנקען און לויבען גאָט, ס׳איז נאָר אַ חלום... יאָ, אָבער ווי אַזוי ווערט מען פּאָרט פּטור פונ׳ם ביטעלע? ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, סיידען פאַרוואַרפען דאָס ערגיץ אין אַזאַ אָרט, אַז קיין פויגעל זאָל ניט וויסען. פרעגט זיך: וואוהין? צום גויישען שכן אין גאָרטען אַריין? ערגיץ וויים אויפ׳ן הייליגען אָרט? אין דער וויבערשער שוהל? ניין. דאָס בעסטע וועט זיין — פון דער בריק אין טייך אַריין. און די בעסטע צייט דערויף איז שבת. און אַזוי איז דאָס געבליבען.

שבת בייטאָג. סוף זומער. אין דרויסען איז נאָך וואַרעם. אידישע קינדער שפּאַציערען נאָך אָהן אויבערשטע מלבושים. מיידלעך געהען נאָך מיט זאָנטיקלעך. צווישען די, וואָס האָבען שפּאַציערט, האָבען זיך געפונען אויך דער העלד מיט׳ן בייטעלע. ס׳איז געלעגען פאַרבאָרגען ביי איהם וויט אין אַ קעשענע, אָנגעפילט מיט שטיינדלעך, בכדי אַז ער וועט דאָס אַראָפּלאָזען פון בריק אין טייך אַריין, זאָל עס מיט זיכערקייט אַראָפּ טיעף אויפ׳ן אָפּגרונט פונ׳ם וואַסער. איז אָבער די צרה, וואָס די בריק איז פאַרפלייצט מיט מענטשען — און ער דאַרף, אַז קיינער זאָל ניט זעהען, ווי אַזוי ער וועט מאַכען די אָפּעראַציע. דרעהט ער זיך אַרום הין און צוריק, פאַרקוקט איטליכען אין די אויגען, און ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז אַלע קוקען אויף איהם עפּיס מאָדנע... און אפשר ווייזט זיך איהם נאָר אויס אַזוי? אַלץ די איינענע מעשה: „אויפ׳ן גנב ברענט דאָס היטעל“... נאָר אָט האָט איהם גאָט געהאָלפען — ער האָט זיך פאַרשלאָגען אין אַ ווינקעל אונטער אַ גרויסען סלופ פון די סוואַיעס, אויף וועלכע עס האַלט זיך די בריק, אַריבערגעבויגען זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער איבער דער פאַרענטשע, איינגעקוקט זיך כלומרשט אין וואַסער אַריין, גלייך ווי דאָרטען וואָלט ער דערזעהען גאָט ווייסט וואָס פאַר חידושים, אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט זיין קעשענע, וואו דאָס פאַרשאָלטענע בייטעלע ליגט, דערפיהלט אין האַנד אַ מיאוס׳קייט, אַ לעבעדיגע זאַך, אַ מין שרץ... אַרויסגעצויגען דאָס פּאַוואָלינקע פון קעשענע און צעעפענט די פינגער און אַרויסגעלאָזט דאָס פון דער האַנט. פליוך — אוים בייטעלע! אויפ׳ן אָרט, וואו דאָס בייטעלע איז געפאַלען, האָט זיך באַוויזען אַ רעדעל. דאָס רעדעל איז געוואַקסען ברייטער און ברייטער, און פון דעם רעדעל איז באַשאַפען געוואָרען נאָך אַ רעדעל און נאָך אַ רעדעל. ער האָט גאָר ניט געקאָנט אָפּרייסען די אויגען פון דעם אָרט, וואו זיין עבירה איז געווען

דערטרונקען און זיין סוד איז געווען באַגראָבען אויף אייביג. נאָר אַ שענע שטימע האָט איהם אויפגעוועקט פון זינע מחשבות, און אַ זיסער געלעכטער האָט איהם אָפּגעקלונגען אין די אויהערען.

— פישעלעך שווימען? האַ-האַ, וואָס דען שטעהט מען אַזוי לאַנג און מע קוקט?

ער דרעהט-אוים דעם קאָפּ און דערזעהט דעם חזנ'ס מיידעל מיט איהרער אַ חבר'טאָרין.

— איהר זענט שוין דאָ לאַנג? — טהוט ער אַ פרעג בײ'ם חזנ'ס מיידעל מיט דער חבר'טאָרין.

— די גאַנצע צייט, האַ-האַ! — ענטפערען זיי איהם ביידע מיט אַ געלעכטער. ביי זיי איז דאָס אַ געלעכטער, און איהם ווערט איינגעפאַלען איבווענינ, טאָמער האָבען זיי געזעהען וואָס ער האָט געטהאָן...

נאַרישער בחור'על! אומזיסט געווען זיין מורא. איהם האָט אָפּגעוואַרט איין אַנדער צרה, וואָס דערויף האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. איהם איז באַשערט געווען איבערצולעבען, ווי מיר וועלען דאָס באַלד זעהען, אַ נייע דראַמע מיט'ן נאָמען „דעם חזנ'ס מיידעל".

55

דעם חזנ׳ס מיידעל

צאלי דעם חזנ׳ס טאכטער. — א פלאם־פייעריג פארליעבעניש. — איין איבערשרייבעניש צווישען צוויי יונגע הערצער. — זיין בריעף פאלט־אריין אין פרעמדע הענט.

די זעלבע ראלע, וואס אין דער גרויסער שטאדט שפיעלען איצט גימנאזיסטען און סטודענטען, האבען אין דער קלענערער שטאדט אין יענער צייט געשפיעלט די תלמידים פון דער „אויעזדנע". איין זאך האט זיי נאר געפעהלט — א באזונדערע אוניפארם. ווייטער זענען דאס געווען העלדען אין פולען זין פון ווארט. זיי איז געווען דערלויבט אלסדינג, וואס פאר סתם חדר־יונגלעך איז ניט געווען דערלויבט. אשטייגער, אפצוטהון א שפיצעל דעם שמש פון שוהל, באדען זיך אין טייך אויסער דער „קופאלני", פראווען ליצנות מיט וועמען זייער הארץ געלוסט, און אפילו רעדען מיט א מיידעל, נאר אבי פון לייטישען שטאנד, פון בעל־הבתישען גראד. און מיידלעך זענען געווען נאך זיי די כפרה! איך מוז מיך אבער פערהאפען באלד אויפ׳ן ארט און מאכען א באמערקונג, אז דאס איז ניט געווען קיין „פלירט" און ניט קיין ראמאנען. דאס זענען געווען די ריינסטע און סאמע הייליגסטע באציהונגען, וועלכע זענען נאר מעגליך צווישען יונגע קינדער פוןביידע מינים. עס וועט ניט זיין איבערטריבען אויף א האר, ווען איך וועל זאגען, אז די באציהונגען צווישען מלאכים קאנען ניט זיין ריינער און אומ־

שולדיגער, ווי יענע באַציהונגען, וואָס זענען געווען צווישען דעם חזנ'ס מיידעל און צווישען דעם יונגען העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע. וואו, ווען און ביי וועלכע אומשטענדען זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען — איז שווער צו געדענקען אַקו-ראַט, און ס'איז אויך ניט אַזוי וויכטיג. קיין אַנדער צייט און קיין אַנדער פּלאַץ אויף צו באַגעגענען זיך איז אין שטאָדט ניט געווען, אויסער שבת ביינאַג אויף דער בריק, וואָס פיהרט צו די „פיד-וואַרקעס". ווער פון די צוויי האָט אָנגעהויבען פריהער צו רעדען, דער בחור אָדער דאָס מיידעל, און וואָס איז צום ערשטען מאָל גערעדט געוואָרען — איז אויך ניט מעגליך פעסטצושטעלען. אָנ-געהויבען האָט זיך עס זיכער פון אַ שאַרפען קוק. דערנאָך אַ שמייכעל. דערנאָך אָנגעריהרט זיך בלומרשט אומגעהרען מיט די עלענבויגענס. דערנאָך אַ נעם געגעבען זיך צום היטעלע: „זדראַסטי" (גוט מאָרגען). דערנאָך שוין אָהן אַ נעם-געבען זיך צום היטעלע: „קאַק פּאָזשיוואַיעטיע?" (וואָס מאַכט מען?). דערנאָך, ביי שפּעטערע באַגעגענישען, שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט אַ רעד טהון וועגען גאַנץ אומבאַדייטענדע זאַכען און מע טהוט אַ שמועס וועגען אַ צווייטער באַגעגעניש:

ער: אויף וויעדערזעהען.

זי: ווען? וויעדער שבת?

ער: ווען זשע, אַז ניט שבת?

זי: וואו? וויעדער אָט דאָ, אויף דער בריק?

ער: וואו דען זשע?

זי: אפשר איין אַנדער אָרט?

ער: דהיינו?

זי: וואו וועט איהר זיין שמחת-תורה צו הקפות?

ער: וואָס הייסט וואו? אין גרויסען בית-המדרש.

זי: פאַר וואָס ניט אין דער קאַלטער שוהל?

ער: דאָרט, וואו אייער טאַטע דאַווענט?

זי: וואָס מאַכט דאָס אויס?

ע ר: מיין מאַמע וועט זיך חאַפּען, וואו בין איך.

ז י: אויב איהר זענט אַ יונגעלע, וואָס האָט מורא פאַר'ן טאַטען...

ווייטער לאָזט ער זי נים ענדיגען, וואָרום עס דערלאַנגט איהם ביי דער זיעבעטער ריפּ. סטייטש — מע זאָגט איהם, אַז ער איז אַ יונגעלע, וואָס האָט מורא פאַר'ן טאַטען! און ווער זאָגט דאָס איהם? !... ער געפינט איין אויסרעד אויף אַרויסצודרעהען זיך אָבער קונציג, ווי אַ מזיק. ער האָט איהר וואָס צו זאָגען אַ נויטיגע זאַך. נאָר אַזוי ווי זי איז נים אַליין, זי איז מיט איהר חבר'טאָרין, קאָן ער עס איהר נים זאָגען. דעם חזנ'ס מיידעל ווערט רויט און טהוט אַ וואונק צו איהר חבר'טאָרין, זי זאָל אָפּגעהן אַ פּאָר טריט ווייטער. יענע פאָלגט, און זיי בלייבען אינצווייען. זי איז גרייט אויסצוהערען דעם סוד. ער לאָזט זיך נים לאַנג וואַרטען און, פלאַנטענדיג מיט דער צונג, גיט ער איהר איבער אָט וואָס: „ער האָט איהר שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען זעהען זיך אַמאָל מיט איהר אַליין, אָהן באַגלייטערינס, אָהן חבר'טאָרינס". „מאַלע וואָס! און זי וואָלט דען נים געוואָלט רעדען מיט איהם אונטער פיער אויגען, אָהן באַגלייטערינס און אָהן חבר'טאָרינס? — קאָן זי אָבער נים. מע לאָזט זי נים אָפּ אַליין. די מאַמע גיט אַכטונג, זי זאָל נים זיין אַליין. נאָר ער באַדאַרף נים מורא האָבען פאַר איהר חבר'טאָרין. זי איז אַ מיידעל אַ שטילע, איין עהרליכע, און האָט אַליין אויך געהרען, אַ בחור זאָל מיט איהר רעדען, און אויב ער וויל וויסען, איז אָט דאָס מיידעל אויך פאַרליעבט אין אַ בחור"... „א ו י ך פאַרליעבט? איז די משמעות, אַז זי, דעם חזנ'ס מיידעל, איז א ו ד א י פאַרליעבט? וואָלט ער וועלען וויסען, ווער איז יענער גליקליכער?"... „אַז ער וועט אַלסדינג וויסען, וועט ער גיך אַלט ווערען"...

דאַרף מען נאָך האָבען אַ ווייטערען פּירוש אויף די דאָזיגע ווערטער? פאַרשטעהט מען דען נים, אַז דער דאָזיגער גליקליכער—

דאָס איז ניט קיין אַנדערער, נאָר ער אַליין טאַקי? און טאָמער איז נאָך פאַרהאַן אַ שטיקעל ספק אין דעם, איז געגוג איין קוק אויף איהר ליכטיג־שיינענדיג פּנים און אויף איהרע מיט גליק שטראַהלענדגע אויגען. אַ באַקאַנט פּנים. באַקאַנטע אויגען. וואו האָט ער געזעהען אָט דאָס ווייסע מיידעל מיט די בלאָנדע גע־גרייזעלטע האָר? אפילו די האַנט איהרע איז איהם קענטליך. אַ ווייס הענטעל מיט דינע לאַנגע פינגער. אַ ווייס הענטעל, אַ גלאַטס און אַ וואַרעמס. דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען בכלל, אַז ער האָלט אַ מיידעל'ס האַנט...

ווי איין עהרליכער איד, וואָס קוקט־אַרויס אויף משיח'ען, אַזוי האָט ער געגנומען אַרויסקוקען אויף דעם גליקליכען יום־טוב שמחת־תורה. די צייט איז איהם אָבער געווען צו לאַנג צו וואַרטען. ווי פון פעד האָבען זיך געצויגען די טעג. ער איז שיער נישט משוגע געוואָרען. און ער האָט זיך אַנטשלאָסען אויסגיסען דאָס האַרץ אויף פּאַפּיער אין דער פאָרם פון אַ בריעף, אַליין נישט צו ווייסען, צוליעב ווען און צוליעב וואָס? אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט דאָס שרייבען צוגענומען, און געשריבען האָט זיך עס ווי אַ וואַסער, וואָס לויפט אומגעשטערט, ווי אַ פאָנטאַן, וואָס מע האָט אָפּגע־לאָזט אַלע זיינע קראַנען. דאָס שרייבען וואָלט קיינמאָל קיין עק ניט געהאַט, ווען ס'זאָל ניט געווען אויסגעהן פּאַפּיער. ווי דער פאַרפאַסער זאָל זיין ניט קיין גביר, וואָלט ער היינט אַ סך, אַ סך באַצאָהלט פאַר'ן דאָזיגען דאָקומענט!..

אַצינד איז געבליבען נאָר איין זאַך: ווי אַזוי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? ווי אַזוי וועט זי באַקומען דעם דאָזיגען בריעף? איין עצה נאָר איז פאַרהאַן: איבערשיקען איהר דעם בריעף דורך איהר חבר'טאָרין. דאָס וועט הייסען אַזוי גוט, ווי אַריינצונעמען אינ'ם סוד אַ דריטע פערזאָן, פאַרטרויען זיך פאַר אַ זייטיג מיידעל, וואָס מע קען זי ניט און מע ווייסט זי ניט. וואָלט אפשר אין דעם אויך ניט געווען קיין מניעה, איז אָבער אַ חסרון: ווי אַזוי קומט מען צו צו אָט דער דריטער פערזאָן?

איז דערצו אויך דאָ אַ רפואה: מע וועט מוזען אַריינשלעפּען נאָך אַ פערטע פּערזאָן. דאָס איז דער בחור, וואָס דעם חזנ'ס מיידעלס חבר'טאָרין איז אין איהם פאַרליעבט. אַ בחור מיט אַ בחור — איז גאָר אַנדערע ווערטער. אַ בחור מיט אַ בחור קאָנען אומגעשטעהרט זיך צונויפרעדען און אָפּהאַנדלען צווישען זיך די גרעסטע סודות. איצט איז געבליבען נאָר איין קלייניגקייט — אויפזוכען דעם בחור און פאַרבינדען מיט איהם ברודערשאַפט. דאָס איז, דאַכט זיך, גאָר אַ גרינגע זאַך. נאָר נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך.

דער בחור איז געווען אַ יונג אַ פּריקאַזשציק אין איין אייזען־געשעפט („זאַליאַז“), אַ גאַנץ שענער אויפ'ן פּנים, נאָר הענט האָט ער געהאַט אַ פּאָר — דאָס, וואָס מע רופט־אָן „ידים“. צוטרעטען צום בחור איז נישט אַזוי שווער, ווי ס'איז שווער געווען צו זאָגען איהם, אויף וואָס מע דאַרף איהם האָבען. שוין ביי'ם ערשטען אַרויסטריט איז שיער אויסגעפאַלען אַ שטיקעל סקאַנדאַל. דער בעל־הבית'טע פונ'ם אייזען־געשעפט, אַ אידינע איין אָנגעפּעלצטע, גאָרניט נאָכ'ן סעזאָן, מיט שוואַרצע הענט און מיט איין אונטערגעשוואַרצטער נאָז (פון דעם, וואָס זי וועגט שרויט און צוויעקעס מיט די הוילע הענט און שנייצט מיט די זעלבע הענט די נאָז), איז ניט געפעלען געווען די מעשה, וואָס איהר פּריקאַזשציק קען זיך מיט ראַבינאָוויטש'עס יונגעל. וואָס פאַר „דאַטשיניעניעס“ קאָן האָבען אַ בחור אַ פּריקאַזשציק מיט רב נחום ראַבינאָוויטש'עס אַ יונגעל? איז איין מאָל אַוועק. דאָס אַנדערע, אַז ס'איז געקומען צום רעכטען שפּיץ, און שלום האָט איהם אַ זאָג געגעבען, אַז ער האָט אַ בקשה צו זיין כלה, האָט זיך דער פּריקאַזשציק אויפגעבלאָזען, ווי אַ האָהן אויף אַ קאַץ, ווען זי האַפּט זיך אַריין צו זיינע היהנער: „פון וואַנען ווייסט דו, אַז איך האָב אַ כלה?“ „איך בין באַקענט מיט איהר חבר'טאָרין“. „מיט'ן חזנ'ס מיידעל? ע! דאָרט וועסט דו האָבען אַ ביינברעכער“... שלום פאַרשטעהט ניט, וואָס הייסט דאָס, אייגענטליך, אַ „ביינברעכער“.

נאָר נאָכ'ן פריקאַזשציק'ס געלעכטערעל שטויסט ער זיך, אַז דאָס דאַרף זיין ניט פון די אָנגענעהמע זאַכען. טהוט ער איהם אַ פרעג: „ווער איז דער ביינברעכער?“... „דאָס איז שוין מיין עסק... גאָר לאָמיר האָרכען, וואָס איז די בקשה?“ שלום ציהט-אַרויס דעם געפּאַקטען בריעף פון קעשענע און גיט איהם איבער דעם פּריקאַזשציק: „אָט דאָס דאַרף אייער כּלה איבערגעבען דעם חזנ'ס מיידעל און איבערשיקען מיר דורך אייך טאַקי איין ענטפער“. דער פריקאַזשציק נעמט-צו דעם בריעף, באַטראַכט דעם קאָנווערט פון אַלע זייטען: „אָט דאָס איז גאָר? קום צו געהן מאָרגען, וועסט דו מסתּמא באַקומען איין ענטפער“.

אַראָפּ אַ שטיין פונ'ם האַרצען. אויף מאָרגען אין דער אָפּגעשטעלטער צייט האָט שלום באַקומען פונ'ם פריקאַזשציק איין ענטפער, אַז ער האָט נאָך ניט קיין ענטפער. „קום צו געהן מאָרגען, וועט געווים זיין איין ענטפער“. אויף מאָרגען ווידער דאָס אייגענע — נישטאָ נאָך קיין ענטפער! דאָ האָט שלום באַמערקט — און אפשר האָט זיך איהם נאָר אויסגעוויזען אַזוי, — אַז דער פריקאַזשציק שמייכעלט עפּיס מאָדנע אונטער. צו דעם חשד איז צוגעקומען נאָך אַ חשד: דער פריקאַזשציק האָט איהם אַ זאָג געגעבען מיט אַ זיפצעל: „ווען איך זאָל קאָנען שרייבען, אַזוי ווי דו!“... „פון וואַנען ווייסט דו, ווי אַזוי איך שרייב?“ „מיין כּלה האָט מיר דערצעהלט“. „פון וואַנען ווייסט דיין כּלה?“ „זי ווייסט עס פונ'ם חזנ'ס מיידעל“.

אַ תּירוץ איז דאָס אפילו אַ נישקשה'דיגער, און ס'איז אַוודאי זעהר אָנגעלעגט צו הערען אַזאַ קאָמפּלימענט פון אַ מיידעל, וואָס מען האָט זי ליעב. נאָר פון דעסטוועגען און ניט ווילענדיג גנבה'ט זיך אַריין אַ מחשבה זרה: טאָמער האָט דער פריקאַזשציק ניט איבערגעגעבען דעם בריעף און האָט איהם בעסער אַליין געלייענט?... דער דאָזיגער געדאַנק לאָזט ניט שלאָפען. קוים דערוואַרט זיך אויף איין ענטפער! דאָס איז געווען שוין ערב יום-טוב. דער פריקאַזשציק איז איהם נעלאָפען אַקעגען און אַריינ=

גערוקט אין האַנט אַריין אַ געל שטיקל פּאַפּיער, צונויפֿגעלעגט אין פֿירען, אָהן אַ קאָנווערט, נאָר מיט טרייוואַקס פֿאַרזיגעלט און צוגעקוועטשט מיט אַ מטבע. דאָס איז געווען דאָס לאַנג־ערוואַרטעטע בריוועל פֿונ'ם חזנ'ס מיידעל, געשריבען מיט דינע לאַנגע אותיות, וואָס האָבען דערמאָנט איהרע דינע לאַנגע פֿינגער. דאָרט איז געשטאַנען, אַז זי האָט זיין בריעף מיט טרערען אין די אויגען געלייענט עטליכע מאָל, און עס טהוט איהר באַנג, וואָס זי קאָן ניט אַזוי שרייבען, ווי ער. „זי זאָל האָבען פֿליגעל, וואָלט זי צו איהם געפֿלויגען. זי זאָל קאָנען שווימען, וואָלט זי אַלע ימים איבערגעשוואומען, אַבי צו איהם צו קומען. און אויב ער מיינט, אַז זי קאָן יאָ שלאָפֿען רוהיג, האָט ער אַ טעות. און זי קוקט שוין אַרויס אויף דעם שמחת־תּורה מיט אַלע אויגען, וואָרום אַ האַרץ פֿיהלט אַ האַרץ!“... צום סוף האָט זי איהם געוואָהרענט, ער זאָל צו איהר מעהר קיין בריעף דורך אַזאַ וועג ניט שרייבען, וואָרום זי איז זיכער, אַז דעם בריעף האָבען געהאַלטען פֿרעמדע הענט... דאָ קומען איהם אַקעגען דעם פֿריקאַזשציק'ס „ידים“, און עס וואַרפֿט איהם אַריין אין אַ קעלט מיט אַ היץ, אַז ער שטעלט זיך פֿאָר, ווי אַזוי דער פֿריקאַזשציק האָט געעפֿענט דעם קאָנווערט און געלייענט זיין בריעף, וואָס ער האָט אויסגעגאָסען פֿאַר'ן חזנ'ס מיידעל!... נאָר ער עסט זיך ניט אָפּ לאַנג דאָס האַרץ, וואָרום אָט־אָט איז שמחת־תּורה און אָט באַלד וועט ער זי זעהען, שטעהן נעבען איהר, רעדען מיט איהר — מיט'ן חזנ'ס מיידעל...

56

שמחת־תורה צו הקפות

די נאַכט פון שמחת־תורה. — די פּאָעזיע וואָס פאַר הקפות. — אידען חאַפּען אַ טענצעל. — ווייבלעך און מיידלעך קושען די ריינינקייטען. — די הימלען עפענען זיך און מלאָכים זינגען שירה.

ווען איך בין געטהע — אָסור אויב איך וואָלט באַשריבען די צרות פון אַ יונגען ווערטער. איך וואָלט שוין בעסער באַשריבען די צרות פון איין אָרעם בחור'על, וואָס איז געפּעהרליך פאַרליעבט אין אַ חזנ'ס אַ מיידעל. אָדער ווען איך בין היינע — אָסור אויב איך וואָלט באַזונגען די „פלאָרענטינישע נעכט". איך וואָלט שוין בעסער באַזונגען די נאַכט פון שמחת־תורה, בעת אידען געהען צו הקפות און יונגע ווייבלעך און שענע מיידלעך קלויבען זיך צונויף אין שוהל, מישען זיך אוים מיט די מאַנסבילען — שמחת־תורה מעג מען. זיי קושען די תורה, שפּרינגען און רופען און קווישען אויף אַלערליי טענער: „דערלעבט איבער אַ יאָהר!" און באַקומען צוריק איין ענטפער: „גם אַתּם! גם אַתּם!"...

נאָך מיט אַ שעה אָדער צוויי פאַר די הקפות קומען זיך צונויף די קליינע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, קלעטערען אַרויף אויף די בענק, די פאָהנען פלאַטערען, די עפּעל זענען רויט, די ליכטלעך ברענען, און די בעקלעך זייערע זענען ניט ווינציגער רויט ווי די עפּעל, און די אויגען לויכטען ניט ערגער ווי די ליכטלעך. דאָס איז קליינוואַרג. די עלטערע בחורים'לעך, די גמרא־יונגלעך

אָדער תּלמידים פון די קלאַסען — די שפּאַציערען נאָך דערווייל אַרום אין דרויסען אויפ'ן שוהל־הויף. די לופט איז נאָך לינד און שיטער. דער הימעל איז אויסגעשטערענט. עס פיהלט זיך יום־טוב אין דער גאַנצער וועלט. אפילו די שטילקייט איז אַ יום־טוב'דיגע. קיין זאַך איז ניט אימשטאַנד צו שטעהרען די הייליגקייט פון דער דאָזיגער נאַכט פון שמחת־תּורה, ווען דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט פריהט זיך מיט זיין הימעלשער מתּנה. און טאָמער פאָהרט־דורך דערבּיי אַ גויישע פוהר און הויבּט־אויף אַ געדיכטען שטיקענדיגען שטויב; טאָמער פליהט־דורך אַ פאָטשטאָווע גלעקעל — דזין, דזין, דזין, עס פאָהרט אַ „קנע־פּעל" — ווער הערט זיי? דער שטויב וועט זיך אָפּלעגען, דאָס גלעקעל וועט פאַרלוירען געהן ערגיץ ווייט־ווייט — און די נאַכט בּלייבּט אַלץ הייליג, אַלץ יום־טוב'דיג, וואָרום ס'איז דאָך שמחת־תּורה אויף דער וועלט! אַ שוואַרצע קאַץ לויפט־דורך פאַרבּיי מיט איהרע גלאַט־סאַמעטענע טריט און שניידט־דורך דעם גאַנצען שוהל־הויף אין דער בּרייט און ווערט פאַרשוואונדען. אַ הונט רופט זיך אָפּ ערגיץ פון אַ וויטער גוי'שער גאַס מיט אַ בּילען אין אַ לאַנגען מינאָרנעם טאָן און ווערט אַנשוויגען — און די נאַכט בּלייבּט אַלץ הייליג, אַלץ יום־טוב'דיג, וואָרום ס'איז דאָך שמחת־תּורה אויף דער וועלט. און עס אָטעמט זיך אַזוי גרינג. און אויפ'ן הארצען איז אַזוי גוט, אויף דער נשמה אַזוי אויפגעלעגט. אַזוי גדול'דיג איז מען בּיי זיך. אַ קלייניגקייט — דאָס בּין איך, און דאָס איז די נאַכט פון שמחת־תּורה, און דאָס איז אַ הימעל, און דאָרט איז גאָט — מ י י ן גאָט, מ י י ן הימעל, מ י י ן יום־טוב!

— קינדער! מע געהט שוין מיט די הקפות!

מע חאַפּט זיך אַריין אינווייניג אין שוהל — ווער? וואָס? עס הויבּט זיך גאָרניט אָן. דערווייל דאַוונט מען ערשט מעריב. צאַלי דער חזן פון דער קאַלטער שוהל שטעהט בּיי'ם עמוד מיט

זיינע צוויי משוררים. איינער, אַ שוואַרצער בחור'עץ מיט גראָבע ליפּען — אַ באַס. דער אַנדערער, איין אויסגעדאַרט יונגעלע מיט אַ ווייס פּנים'על — אַ סאָפּראַנאָ. און דער חזן אַליין, רב צאַלי, מיט זיין גאָלדענעם האַלז — אַ איד אַ הויכער, אַ געלער, מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, ווי אַ שופר, מיט דינע געגרייזעלטע פּאה'לעך און מיט אַ געלער געגרייזעלטער באָרד, וואָס זעהט=אוים, ווי אַ צוגעבונדענע — ווער וועט דאָס גלויבען, אַז אַזאַ פּאַרזעהעניש וועט האָבען אַזאַ שענע צאַרטע איידעלע ליעבע טאָכטער?... „דעם חזנ'ס מיידעל" — דאָס איז זיין טאָכטער, און צאַלי דער חזן — דאָס איז איהר פאָטער, וואָס באַריהמט זיך פאַר איטליכען, אַז ער האָט אַ מיידעל — איז זי איינע ביי גאָט, די אַנדערע ביי איהם. איין חסרון נאָר — זי וויל ניט אַ כּלה ווערען. „ווען מען זאָל איהר ניט רעדען — איז איין מאָל גיין. נאָר ס'וועט איהר העלפען, ווי אַ טוידטען באַנקעס. אַז ס'וועט קומען דער רעכטער זיווג, וועט זי שוין מוזען זאָגען יאָ. אַניט, נעמט מען זי פאַר די צעפּ. און פאַר נויט איז דאָ אַ שטעקען!"... אַזוי זאָגט ער אַליין, צאַלי דער חזן, געוויינליך אין אַ שפּאַס, און באַווייזט זיין יאַמשאָווע שטעקען מיט דער אַלטער פאַרגעלטער עלפאַנט=ביינעריגער גאַלקע.

מע האָט שוין אָפּגעדאַווענט מעריב אין דער קאַלטער שוהל, און צו הקפות איז נאָך ווייט: מע האַלט ערשט ביי „אַתּה הראית לדעת" און מע טיילט=אויס צווישען די מזרח=וואַנט=בעלי=בתים די פּסוקים פון „אַתּה הראית", וועלכע יעדער זאָגט זיך אָפּ שטעהענדיג אויף זיין פּלאַץ, און איטליכער באַזונדער מיט איין אַנדער קול און מיט איין אַנדער נוסח. דאָס הייסט, דער נוסח איז איין און דערזעלבער נוסח אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר מחמת יעדער האָט זיך זיין שטימע מיט זיין טעמפּער און מע שרעקט זיך אַ ביסעל איבער פאַר דעם אייגענעם קול, קומט=אויס ביט דאָס, וואָס מע וואָלט אַליין געוואָלט, און דאָס דריידעל, וואָס מע לאָזט איבער אויפ'ן סוף פּסוק, געהט אינגאַנצען פאַרלוירען...

די קאַלטע שוהל איז געווען גרויס און ברייט און הויך און אָהן אַ סטעלי, נאָר מיט אַ דאַך — און דערפאַר רופט מען זי די „קאַלטע“ שוהל. דער דאַך איז צעמאָהלט ווי אַ הימעל — בלוי, שוין אַ ביסעל צו בלוי, אַזש גרין. דער פאַרבער האָט אַריבער־געהאַפּט די מאָס. און די גלאַנצענדיגע שטערען זענען אַ ביסעל צו גרויס. יעדער שטערען איז אַ ביסעלע קלענער פון איין עפּעל און האַפּט דעם אָפּבליק פון אַ קאַרטאָפעל, אַרום און אַרום באַגילט מיט גאָלד. אויסגעלעגט זענען די קאַרטאָפעל, דאָס הייסט די שטערען, ניט אַזוי, ווי די שטערען אין הימעל, אָהן אַ שום אָרדענונג — ניין! נאָר אויסגעלעגט שורות־ווייז, גאָהענט און געדיכט איינס געבען דאָס אַנדערע. פון אין מיטען צענטער, אויף לאַנגע מעשענע שטריק, הענגען־אַראָפּ אַלטע פאַרצייטיגע הענג־לייכטער פון אַלטען געלען פאַרגרינטען מעש. פון דעם זעלבען אַלטען פאַרגרינטען מעש זענען אויך די העסעס, וואָס אויף די ווענט — און אַלץ איז אָנגעפּאַקט מיט ליכט. אַלע ליכט ברענען. ס׳איז אַזוי ליכטיג, אַז עס דאַכט זיך, אַז ליכטיגער קאָן שוין גאָר ניט זיין.

פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַזוי פיעל אידען, קיין עין־הרע, און ווייבער, און ווייבלעך, און בחורים, און מיידלעך, און קליינע קינדער? שלום איז דאָס דעם ערשטען מאָל אין דער קאַלטער שוהל, און נישט ווילענדיג קומט איהם אויפ׳ן זינען דער פסוק: מה טובו אוהליך יעקב — ווי שען זענען דיינע געצעלטען, יעקב!... עס קומט איהם אָן ניט גרינג צו באַקומען איין אָרט אויף צו זיצען. אַ גליק, וואָס דער שמש האָט איהם דערקענט — ס׳איז דאָך רב נחום ראַבינאָוויטש׳עס אַ זוהנדעל, דאַרף מען איהם מאַכען איין אָרט, און דוקא אין שפּיעגעלבאַנק, צווישען בעלי־בתים.

וואו האַלט מען? דער רעש מיט׳ן טומעל זענען אַזוי גרויס, אַז מע הערט נישט דעם חזן, נישט זיינע משוררים. אומזיסט איז דעם עולמ׳ס שרייען „שאַ!“ אומזיסט איז דעם שמש׳ס קלאַפּען

אין טיש. ווייבלעך גראַגערען, מיידלעך לאַכען, קינדער פּישטשען. אָט שטעהט אַ יונגעלע מיט ביטערע טרעהרען. „וואָס וויינסט דו, יונגעלע?" — מע האָט איהם אָראָפּגעוואָרפען דעם עפּעל פון דער פּאָהן אומגעהרען און צעטראָטען מיט די פיס. וואָס וועט ער איצטער טהון אָהן איין עפּעל?... און נעבען יונגעלע זיצט אַ בחור און שטשירעט די צייהן, לאַכט פון'ם יונגעלע'ס טראַגעדיע. פּאַרדריסט דאָס שלומ'ען, לאָזט ער זיך אַריין מיט'ן בחור אין אַ דיסקוסיע: „וואָס איז דער געלעכטער?" — ענטפערט איהם אָפּ דער בחור און הערט ניט אויף צו באַווייזען די צייהן: „אַ יונגעלע אַ שוטה!" פּאַרדריסט דאָס שלומ'ען נאָך מעהר: „נו, און דו אין זיינע יאָהרען האָסט געהאַט מעהר שכל?" דאָ הערט דער בחור אויף צו לאַכען און ענטפערט-אָפּ שוין ווי אַ שייגעץ: „וויפיעל שכל איך האָב געהאַט אין זיינע יאָהרען געדענק איך ניט, נאָר אַז איצט האָב איך מעהר שכל אין פּיאַטע, וויפיעל דו אין קאָפּ — דאָס איז זיכער, חאָטש דו געהסט אין די קלאַסען און חאָטש דו ביזט נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהן"... וואָלט דאָס ניט געווען אין דער קאַלטער שוהל צווישען פּרעמדע, וואָלט נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהן זיך אַנדערש אָפּגערעכענט מיט איהם. דאָ האָט ער אָבער געמוזט חאַפּען אַ שוויג, וואָרום צווישען יאָ און ניין וואָלט ער געקענט זיין אַ געפּאַטשטער פון'ם דאָזיגען בחור דעם עזות-פּנים. און אגב האָט ער שוין דערהערט אינ'ם גרויסען טומעל מיט'ן גרויסען רעש די ליעבע ווערטער: „התורני רב שמשון-זאב ברב חיים-צבי הכהן, תן כבוד לתורה!" „התורני רב משה-יעקב ברב נחמן-דוב הלוי, תן כבוד לתורה!".. די משמעות, אַז די הקפות האָבען זיך שוין אָנגעהויבען. וואו זשע איז דעם חזנ'ם מיידעל?...

„אָנא ה' הושיעה נא!" — דער ערשטער טור האָט זיך גע-ענדיגט מיט אַ ניגון, מיט'ן גראָבען ניגון „היידא", און מיט אַ טענצעל. און עד כאן הקפה א'! און דער שמש רופט שוין ווידער אויס מיט זיין הייזעריגען קול און מיט'ן זעלבען נוסח: „התורני

דער און דער, תּן כּבוד לתּורה!״ „התּורני דער און דער, תּן כּבוד לתּורה!״ און אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט די צווייטע הקפה, די דריטע, די פערטע. נאָך יעדער הקפה דער זעלבער גראַבער ניגון מיט׳ן זעלביגען טענצעל — און דעם הזנ׳ס מיידעל זעהט מען ניט.

שלום רוהט ניט, קוקט אויף אַלע זייטען, טאָמער וועט ער זי פאָרט אַמאָל דערזעהען — נישטאָ זי! ניט זי, ניט איהר חבר׳טאָרין! ניט שוין זשע האָט זי איהם אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט?... אָדער אפשר האָט זי ניט געקאָנט קומען? אפשר האָט זיך מיט איהר עפּיס געטראָפען? אפשר איז מען זיך דערגאַנגגען פון זייער אָפּ־רעדען און מע האָט זי איבערגעלאָזט אין שטוב אונטער׳ן שלאָס? אויף צאַלי דעם חזן איז צו גלויבען! אַ מענטש, וואָס שלעפּט פאַר די צעפּ און ניט מיט אַ שטעקען!... און די שוואַרצע געדאַנ־קען און פינסטערע מחשבות האָבען גאָר קיין גרעניץ...

אפנים, דעם שמש האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס, וואָס נחום ראַבּינאָוויטש׳עס בּחור׳על דרעהט זיך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, זיצט ניט איין אויף איין אָרט, איז אַ סימן, אַז ער גאַהרט, ער געהט־אוים נאָך אַ הקפה. און אפשר האָט איהם איינער פון די גבאים אַ וואונק געגעבען, ער זאָל ראַבּינאָוויטש׳עס זוהנדעל אויך מכבד זיין מיט אַ הקפה? יעדענפאַלס, האָט זיך צווישען אַנדערע נעמען פלוצים דערהערט אויך זיין נאָמען: „הבחור שלום ברב מנחם־נחום, תּן כּבוד לתּורה!״... דאָס גאַנצע בּלוט איז איהם אַריין אין פּנים, נישט געקאָנט אַריבערטראָגען די בעל־הבּתּישע אויגען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט. ער האָט זיך געפיהלט, ווי עס פיהלט זיך יעדער בּחור, אַז מע רופט איהם אויף מפטיר. און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, וואו ער איז אין דער וועלט, האָט איהם שוין דער שמש אונטערגעטראָגען אַ רייניגקייט, און ער שטעהט שוין אין דער רייהע מיט אַ בּינטעל אידען און מיט אַ גרויסער ספר־תּורה אין די הענט, און די פּראָצעסיע געהט

שוין אָן: דער חזן צאַלי גערט אויף צו פריהער און זינגט: „עוזר דלים, הושיעה נא!" ווייבלעך און מיידלעך רייסען זיך, קושען די ספר־תורה און ווינטשען איהם: „דערלעבט איבער אַ יאָהר!" ער פיהלט זיך מאָדנע, וואָס מע זאָגט איהם „איהר", און איז צעטומעלט פונ'ם אומגעריכטען כבוד, און איז גרויס ביי זיך, וואָס ער געהט אין דער רייהע, איין בחור צווישען אַזוי פיעל אידען — און נאָר דערפאַר, וואָס ער איז ניט קיין אַבי־ווער, רב נחום ראַבינאָוויטש'עס אַ זוהנדעל, פאַרט אַ „טאַטענ'ס אַ קינד"!... נאָר סאַמע אין רעכטען טומעל דערפיהלט ער אַ קוש אין האַנט אַריין: „דערלעבט איבער אַ יאָהר!" ער הויבט־אויף די אויגען, דערזעהט ער — ס'איז זי, דעם חזנ'ס מיידעל, און איהר חבר'טאָרין, פאַרשטעהט זיך, נעבען איהר.

. . . .

אַלע הימלען עפענען זיך און מלאָכים נידערען־אַראָפּ און זינגען שירה. זיי באַזינגען די וועלט, וואָס גאָט האָט באַהערשט — אַזאַ גוטע, זיסע, שענע, ליעבע וועלט! זיי באַזינגען די מענטשען, וואָס גאָט האָט באַשאַפען — אַזעלכע גוטע, זיסע, שענע, ליעבע מענטשען! ס'איז אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך וויינען פאַר גוטס־קייט. און אין הארצען זינגט זיך איהם צו די מלאָכים: „שלום עליכם, מלאכי השרת!"...

אמת, די ערשטע מינוט איז איהם געווען פריקרע און וואונ־דערליך. אַנשטאָט דעם זי זאָל קושען די ספר־תורה, האָט זי אַ קוש געגעבען זיין האַנט! איז דאָס אפשר געווען אומגעריכט? ניין, נישט אומגעריכט. ער האָט דאָס אַרויסגעזעהען פון איהרע שמייכלענדיגע אויגען. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ס'איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, ער זאָל אַרויסלאָזען די רייניגקייט פון די הענט. ער האָט חשק געהאַט זיך אָפּשטעלען, נאָך אַ מאָל אַ קוק טהון איהר אין די שענע אויגען אַריין, אויב ניט זאָגען אַ צוויי ווערטער — לאָזט מען איהם אָבער ניט. די אידען, וואָס געהען

איהם נאָך פון הינטען, לאָזען איהם ניט. מע דאַרף געהן ווייטער.
מע דאַרף איבערגעבען די רייניגקייטען צו אַנדערע. די הקפות
האָבען זיך נאָך ניט געענדיגט. ערשט דאָ, ביי׳ם אָרון=קודש,
איבערגעגעבען דעם שמש די ספר=תורה, קוקט ער זיך אום צוריק,
טאָמער וועט ער זי דערזעהען נאָך אַ מאָל, האָטש פון דער ווייטען.
מע זעהט זי ניט. לאָזט ער זיך מיט דער וויטעריגער הקפה, געהט=
נאָך נאָך די אידען גלאַט אַזוי, מאַכט אַ טור, זוכט זי מיט די אויגען—
ניטאָ דעם חזנ׳ס מיידעל, נעלם געוואָרען! לויפט ער אַרויס אין
דרויסען, זוכט זי אויפ׳ן שוהל=הויף — ניטאָ זי אין ערגיץ ניט!...
אפשר איז דאָס געווען אַ חלום? אפשר איז דאָס געווען אַ דמיון?
ניין. ס׳איז נישט קיין חלום, ס׳איז נישט געווען קיין דמיון. ער
פיהלט נאָך איצט אויך דעם קוש פון איהרע ליפען אויף זיינע
הענט. ער געהט ווייטער און ער פיהלט ניט די ערד אונטער זיך.
עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז ער האָט פליגלען און אַז ער פליהט,
ער שוועבט, און די מלאָכים שוועבען מיט איהם, טראָגען זיך אין
דער לופטען, באַגלייטען איהם גלייך ביז׳ן גרויסען בית=המדרש.

דאָרט האַלט מען נאָך אין מיטען די הקפות. דער טאַטע
איז מאָדנע אויפגעלעגט, יום=טוב׳דיג געשטימט און זעהט=אויס
אין דער אַלטער צעהאַקטער זיידענער קאַפּאָטע, פון וועלכער עס
קוקט=אַרויס ערטערווייז דער געלער אונטערשלאַק, אַזוי שען, אַזוי
גרויסאַרטיג, ווי קיינמאָל ניט. נעבען איהם שטעהען ביידע גע=
ראָטענע איידעמס, פון איין זייט לייזער=יאָסעל, פון דער אַנדערער
זייט מאַגידאָוו. ביידע וויצלען זיך, און דער טאַטע הערט זיך איין,
ווי זיין שטייגער איז, און לאַכט. „וואו ביזט דו געווען אַזוי
שפּעט?“ — טהוט דער טאַטע אַ פרעג, חלילה ניט אויף צו באַ=
שטראָפען, נאָר גלאַט אַזוי, אויס נייגיעריגקייט. „אין דער קאַל=
טער שוהל“ — ענטפערט איהם שלום און באַריהמט זיך, אַז מע
האָט איהם מכבד געווען דאָרט מיט אַ הקפה. איז דאָס דעם טאַ=
טען געפעלען און ער זאָגט: „ס׳איז זעהר שען פון זיי“. און די
גערָאטענע איידעמס וויצלען זיך איבער ראַבינאָוויטש׳עס בהור׳על.

איינער פרעגט איהם: צי האט ער זיך באקענט אין דער קאלטעה שוהל מיט'ן „עוזר־דלים"? און דער אנדערער באמערקט: ווי קומט אהין דער „עוזר־דלים"? ווארט איז דאך יאך דעם „עוזר־דלים'ס" איין איניקעל! און אזוי [illegible] לאכען זיי פון דער חכמה, און שלום העלפט זיי לאכען. עס גיט זיך אויס א לאכט! אזא נאכט קאן געמאהלט זיין נאך שמחת־תורה צו הקפות.

57

דער קריזיס

זיך ביאוס אפגענארט אין די הייליגסטע געפיהלען.—ווערט קראנק אויף טיפוס.— שטעהט-אויף איין אנדער מענטש.—געזעגענט זיך מיט זיינע קינדערשע יאהרען.

אלע מאל, ווען דער פארפאסער פון די דאזיגע באשרייבונגען לאזט זיך אראפ אין די טיפע קאטאקאמבען פון זיין ווייטער קינדהייט, טראגט-ארויס אויף גאט'ס וועלט און לופטערט-דורך זיינע זכרונות פון די אויף אייביג פארגאנגענע יונגעלשע יאהרען, פארטיעפט זיך אין זיינע שפעטערדיגע ערפאהרונגען פונ'ם גרויסען וועלט-יאריד, וואס מע רופט דאס „לעבען", און באטראכט דאס אלסדינג מיט א קלארען קאפ און מיט א קאלטען מח, באוואונדערט ער, ווי ער האט געקאנט אריבערטראגען אזעלכע אומדערבארעמיגע קלעפ, מ'אוסע אפנארעכטסען און ביטערע אנטוישונגען, און בלייבען גאנץ אויף צו חאפען פרישע קלעפ מיט נייע אפנארעכטסען מיט נאך גרעסערע אנטוישונגען? די קלעפ אליין זענען נאך ניט אזוי מסוכן, ווי די אנטוישונגען, ווי דאס, וואס מע בלייבט אפגענארט. א קלאפ פארהיילט זיך, אבער איין אנטוישונג לאזט איבער נאך זיך א קרעל אין דער נשמה אויף אייביג.

דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע האט שוין געפרובט געשלאגען ווערען מאראליש און באנומען ווערען מאטעריעל פון

קאָפּ בּיז פיס. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם, ווי דער לעזער וועט דאָס זעהען פון די ווייטעריגע קאַפּיטלעך, פון צו פאַרלירען אַ ריעזיגען קאַפּיטאַל אין אַ קורצער צייט דורך פאַרשיידענע ספּעקולאַציעס, וואָס אַלערליי מנחם-מענדעלס האָבּען איהם אין זיי אַריינגעפיהרט, און ער קאָן זאָגען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַז איהם האָט ניט אַזוי געגומען דער פאַרלוסט פון געלט, ווי דאָס, וואָס מענטשען האָבּען איהם אָפּגענאַרט און וואָס ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין מענטשען. די אַנטוישונג — אָט וואָס איהם האָט מקצר-ימים געווען אַלע מאָל, אָט וואָס איהם האָט געטריבּען אין דער ערד אַריין.

שוין אין יענער עפּאָכע, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ שנעק און האָט זיך נאַריש פאַרליעבּט אינ'ם חזנ'ס מיידעל, האָט ער שוין געהאַפּט דעם ערשטען קלאַפּ פון שרעקליכער אַנטוישונג — אַזאַ קלאַפּ, וואָס ניט ער, ניט קיינער האָט זיך געקאָנט דערויף ריכטען. מע האָט געקאָנט ערוואַרטען, למשל, אַז די עלטערען זאָלען געוואוירע ווערען פון דעם אומגעלומפּערטען ראָמאַן און צעשטעהרען דעם נאַרישען שידוך. מע האָט געקאָנט ערוואַרטען, אַז צאַלי דער חזן זאָל נעמען די טאָכטער פאַר די צעפּ, אָדער דערלאַנגען איהר מיט'ן שטעקען ניט אויף קאַטאָוועס, נאָר טאַקי אויף דער רעכטער אמת. נאָר ווער וואָלט דאָס געקאָנט צולאָזען, אַז דעם חזנ'ס מיידעל זאָל אין דער זעלבּער צייט, וואָס זי האָט געשפּיעלט אַ ראָמאַן מיט נחום ראַבּינאָוויטש'עס בּחור'על, גאָר זיין פאַרליעבּט אין אַ גוי, אַ פריקאַזשציק בּיי קאָטיעלניקאָווען אינ'ם גרויסען אייזען-געשעפט, און זאָל מיט איהם איינמאָל אין אַ שבת-צו-נאַכטס, ניט ווייט פון יענעם שמחת-תורה, וואָס איז בּאַשריבּען אויבּען, אַנטלויפען, אַריינגעבּען זיך אין אַ פּרויען-מאָנאַסטיר, צווישען מאָנאַשקעס, זיך דערנאָכדעם אָפּ'שמד'ען און חתונה האָבּען טאַקי פאַר דעם זעלבּען קאָטיעלניקאָוו'ס פריקאַזשציק?!...

קיין פאַנטאַזיע פון אַ שרייבּער וועט ניט צוטראַכטען דאָס, וואָס דאָס לעבּען אַליין קאָן צוטראַכטען. אַודאי איז נעבּאַך צאַלי-

דער חזן אַרומגעלאָפֿען, געזוכט זכות־אָבות, פּראָטעקציעס צום אַרכימאַנדריט, צו דער איהומענשע פונ'ם מאָנאַסטיר און אַליין צום גובערנאַטאָר — עס האָט ניט געהאָלפֿען קיין שמע־ישראל. די שטאָדט האָט געקאָכט, ווי אַ קעסעל. די „גאַנצע וועלט" האָט געוויעגט זיך. וואָלט דאָס חאָטש געווען גלאַט אַ מיידעל, אַ אי־דישע טאָכטער — עס מאַכט זיך איין אומגליק, וואָס זאָל מען טהון? איז ניין. דאַרף זיך עס טרעפֿען מיט אַ חזן, אַ כּלי־קודש! ווער וועט איצט איהם צולאָזען צום עמוד? פֿרעגט זיך אַ קשיא: פֿון וואַנען וועט ער לעבען? היינט דער בזיון פֿאַר די בעלי־בתּים פֿון דער קאַלטער שוהל איז אויך עפּיס ווערטה. וואָרום פֿאַר וואָס האָט זיך עס געטראָפֿען גראָד מיט זייער חזן פֿון זייער שוהל?....

וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָבען אָבער געהאַט די אַלע אוים־געררעכענטע צרות, בזיונות און יסורים קעגען דעם גיהנם, וואָס האָט זיך אָפּגעטהאָן אין דער נשמה פֿון יענעם בחור'על, וואָס איז געווען מיט סכנות פֿאַרליעבט אינ'ם חזנ'ס מיידעל און וועלכען דאָס מיידעל האָט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, פֿאַרביטען איהם, אַ טאַטענ'ס אַ קינד, אויף אַ גוי אַ פּריקאַזשציק ביי קאָמיעלניקאָווען?! צוליעב וואָס האָט זי באַדאַרפֿט נאַרען איין אומשולדיגען בחור'על, שרייבען איהם אַזעלכע בריוועלעך? קושען אין דער האַנט שמחת־תּורה צו הקפות? שווערען איהם אייביגע ליעבע און נאָך אַזעלכע זאַכען? דאָס אַנטלויפֿען מיט'ן פּריקאַזשציק איז דאָך ניט געווען קיין פּלוצלינגע, אומגעריכטע פֿאַרליעבעניש. דאָס איז געווען איין אָפּגערעדטע זאַך שוין פֿון לאַנג. און ער דערמאַנט זיך, וואָס איהר חבר'טאָרינ'ס חתן, דער פּריקאַזשציק מיט די „ידים", האָט איהם געהאַט אַ זאָג געגעבען, אַז ביי'ם חזנ'ס מיידעל וועט ער זיך באַ־געגענען מיט אַ ביינברעכער. איצט ווייסט ער שוין, ווער דער ביינברעכער איז... און דאָס וואַרפֿט איהם אַריין אין אַזאַ פֿייער, אַז ער פֿאַרשעלט זיך זיין געביין. ער שעלט דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט'ן חזנ'ס מיידעל. ער שעלט דעם בחור,

דעם פּריקאַזשציק פון דער „זאַליאַזנע“ קראָם, און קאָטיעלניקאָוו'ס פּריקאַזשציק, און אַלע פּריקאַזשציקעס פון דער גאַנצער וועלט. אַך! ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען אַ פייער ברעכט-אויס און פאַרברענט אַלע „זאַליאַזנע“ קראָמען פון שטאָדט, אָדער ווען אַ שטורעם-ווינט הויבט זיך אויף און טראָגט-אַראָפּ אַלע קראָמען מיט אַלע הייזער פון שטאָדט, אָדער די ערד עפענט זיך אויף און די גאַנצע שטאָדט פערי-אַסלאַוו מיט דער בריק און מיט די פידוואָרקעס ווערען איינגעזוקען, אַזוי ווי קורח! נישטאָ ביי איהם קיין טראָפּען רחמנות אויף אייגענע, אויף פרעמדע, אויף אַלטע לייט, אויף קליינע קינדער, עופה'לעך — אַלע און אַלץ זאָל געהן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!... און ער פאַרשעלט די וועלט, וואָס גאָט האָט באַהערשט — אַזאַ פאַלשע, אַזאַ מיאוס'ע, פאַסקודנע וועלט! און ער פאַרשעלט די מענטשען, וואָס גאָט האָט באַשאַפען — אַזעלכע פאַלשע, מיאוס'ע, פאַסקודנע מענטשען!....

פאַרטיעפט אין אַזעלכע מיזאַנטראָפּישע געדאַנקען, קומט ער איינמאָל פון קלאַס אַהיים און פיהלט, אַז דער קאָפּ איז איהם עפּיס ווי אָנגעגאָסען מיט בליי. פאַר די אויגען שוועבען איהם רעדלעך מיט עפּיס מאָדנע פיגורען. די רעדלעך ברייטלען זיך, די פיגורען ווערען צעגאַנגען, אַזוי ווי שניי אויף דער זון, און אויף זייער אָרט קומען-אָן אַנדערע פיגורען. קיין וואַרעמעס עסען וויל ער נישט. די שטיפמאַמע חידוש'ט זיך: „נע'פגר'ט אַ בער אין וואַלד“ — זאָגט זי מיט איהר געוויינליכען גיפט. ער קאָן זיך נישט האַלטען אויף די פיס. ער לעגט זיך אויף דער קאַנאַפּע. דער טאַטע געהט-צו, טאַפּט איהם ביי'ם קאָפּ. עפּיס פרעגט ביי איהם דער טאַטע, און ער ענטפערט, נאָר וואָס מע האָט איהם געפרעגט און וואָס ער האָט געענטפערט — ווייסט ער נישט. ער געדענקט נישט. דאַכט זיך, עפּיס האָט מען גערעדט וועגען „מאָגען“... „דאָקטאָר“... „אַפּטייק“... און עפּיס ביטערס פיהלט ער, ווי מע גיט איהם איין דורך אַ טיי-לעפעל, און סע שמעקט מיט מאַנדלען... און דער קאָפּ, אוי דער קאָפּ!... און עס וויקלען זיך קנוילען פאַר די אויגען, און

אידישע פאלקס שולע
ביבליאטעק
מאנטרעאל

זיי שפּאַרען זיך דורך די אויהערען אַרויס און געהען־אַוועק מיט אַ לאַנגען־לאַנגען פייף. און ווי קליינע מורעשקעס גראַבלען זיי זיך אינוועניג אונטער דער הויט, אין די אָדערן, קיצלען, זירען, בולבען זיך אינוועניג אין ליב, און ביימעלעך, ביימעלעך קאַטשען זיך אַראָפּ אַ באַרג, אַהן אַ שיעור ביימעלעך... און מענטשען ווילען האַפּען די ביימעלעך — און קאָנען ניט.... דער אַנטיק איז אָבער דאָס, וואָס ער האַלט, דאַכט זיך, צוגעמאַכט די אויגען, און זעהט פון דעסטוועגען אַלץ, וואָס סע טהוט זיך! ער הערט ניט — איבער'ן פּייפען, וואָס פייפט איהם אין די אויהערען, קאָן ער ניט הערען, נאָר זעהען זעהט ער אַלעמען. אַלע זענען דאָ. אַ מיש־מאַש פון אַמאָליגע און הייגטיגע חברים און גלאַט מענטשען. זיין חבר שמואליק, פינעלע שימעלע'ס, אלי דאָדי'ס, איצעל דעם פעטער פיני'ס, דער אורח וואָלפּסאָהן... שענער פון אַלץ איז דאָס, וואָס קאַטיעלניקאָוו'ס פריקאַזשציק דאַוועגט פאַר'ן עמוד, זינגט „אתה־הראית“, און דעם חזנ'ס מיידעל שלאָגט זיך „על חטא“... און עפּיס אַ קול, אַ פאַרדומפּענע שטימע, הערט זיך פון דער קאַלטער שוהל אַרויס — מאָדנע וויינענדיגע שטימען מיט אַ חליפען. דאָס דאַוועגען די מתים. מתים דאַוועגען אַלע שבת־צו־נאַכטס אין דער קאַלטער שוהל. מיט אַ מנין דאַוועגען זיי. ווער ווייסט עס ניט? און ס'איז איהם קיין זאַך ניט קשה, אפילו דאָס, וואָס קאַטיעלניקאָוו'ס פריקאַזשציק, אַ גוי, זינגט „אתה הראית לדעת“ מיט'ן אידישען ניגון... איין זאַך נאָר איז איהם יאָ קשה: ווי קומט דאָס, וואָס אָט איז דאָ נאָר־וואָס געוועזען זיין חבר שמואליק, שמואליק דער יתום, — פאַרוואָס האָט ער איהם ניט געפרעגט, וואָס הערט זיך מיט'ן „אוצר“? ווי קומט דאָס, ער זאָל פאַרגעסען אַזאַ וואַזשנע זאַך? ער עפענט־אויף די אויגען און זוכט שמואליקען, און קאָן איהם נישט געפינען. נישטאָ קיין שמואליק, ניט קיינער פון די, וואָס זענען דאָ נאָר־וואָס געשטאַנען. וואו האָבען זיי געקאָנט אַהינקומען אַלע? און ער מאַכט־צו צוריק די אויגען, און ער הערט זיך צו צום האַרצען, ווי עס קלאַפּט, און צו

די שלייפֿען, ווי זיי שלאָגען. און ער פֿיהלט, אַז ער איז אָפּ־געגאָסען מיט שווייס, ער שווימט אין אַ טייך פֿון שווייס. די שפּיץ־פֿינגער זענען אויפֿגעבלעזעלט, ווי נאָך אַ שוויץ־באָד, און די האָר פֿון קאָפּ זענען נאַס און קלעפּען זיך צום שטערן. און ער פֿיהלט אַ קאַלטע האַנט אויף זיך. און ער דערהערט אַ באַ־קאַנטען זיפֿץ. עפֿענט ער אויף די אויגען — ס'איז דער טאַטע! און געבען איהם דער אורח וואָלפּסאָהן, און דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען, און נאָך און נאָך מענטשען. און ער זעהט, אַז אַלע קוקען אויף איהם מיט רחמנות. און ער הערט און פֿאַר־שטעהט, אַז מע רעדט פֿון איהם. „קריזיס“, הערט ער, זאָגט מען. און ער פֿאַרשטעהט נאָך ניט, וואָס פֿאַר אַ „קריזיס“? און ער איז גאַנץ צופֿריעדען, וואָס ער איז מיט איין מאָל געוואָרען אַזאַ מיוחס ביי אַלעמען, וואָס אַלע אינטערעסירען זיך מיט איהם אַזוי. מעהר פֿון אַלע אינטערעסירט זיך דער טאַטע. ער בויגט זיך אָן איבער איהם און פֿרעגט איהם: וואָס וואָלט ער געוואָלט? ער ענטפֿערט נישט באַלד. ער וויל זיך פֿריהער גוט באַטראַכטען, וואו ער איז אין דער וועלט און וואָס טהוט זיך דאָ מיט איהם? עס נעמט היבשע עטליכע מינוט, ביז ער קומט צו זיך און פֿאַר־שטעהט, וואָס מיט איהם איז, — אַז ער איז קראַנק געווען, אַפֿנים, זעהר קראַנק, און אַז איצט איז איהם בעסער. בעסער? אויס־געצייכענט גוט. ערשט דעמאָלט, אַז ער האָט שוין כמעט אַלץ באַגריפֿען, באַנעצט ער מיט דער צונג די פֿאַרטריקענטע ליפּען און לאָזט־אַרויס אַ וואָרט, מעהר ניט אַז איין וואָרט:

— אַגרעסען!....

קוקט זיך דער טאַטע איבער מיט די איבעריגע מענטשען, וואָס שטעהען אַרום קראַנקען, און טהוט איהם אַ פֿרעג־איבער:

— אַגרעסען? וואָסערע אַגרעסען?

— איינגעמאַכטס! — ענטפֿערט דער קראַנקער מיט אַ מאָדנער גראָבער שטימע, וואָס הויבען הויבט זי זיך אָן דיין, מאָפּראַנעדיג, און לאָזט זיך אויס גראָב, מיט אַ באַס. דער קראַנ־

קער האָט זיך אַזש אַליין איבערגעשראָקען, ניט דערקענט זיין קול. אין דער צייט, וואָס ער איז קראַנק געווען, האָט ער זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז ווען ער איז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום אַראָפּ פון בעט, קוים דערשלעפּט זיך אין זאַל אַריין, אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיגעל, האָט ער זיך קוים דערקענט. פאַר איהם איז איצט געשטאַנען שוין גאָר איין אַנדער מענטשעל. פריהער איז דאָס געוועזן אַ ציקאַווע יונגעל מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, אַ ריהרעוודיגס, אַ לעבעדיגס, מיט שמייכלענדיגע אויגעלעך, קיילעכיג אונטערגעשערן, מיט אַ געגרייזעלט טשובעקעל פון בלאָנדע האָר פון פאַרענט אויפ'ן שטערן. איצט האָט זיך דאָס פּנים אויסגעבלייכט, די בעקלעך זענען אָפּגעפאַלען, די אויגען זענען גרעסער געוואָרען, דער קוק פאַרטראַכט, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגען אין דער לענג. די בלאָנדע געגרייזעלטע האָר האָט מען איהם אָפּגעשווירען ביז דער הויט, ווי אַ טאָטער. גאָר איין אַנדער בחור'על איז דאָס געווען אַצינד.

אָבער ניט נאָר אין זיין אויסזעהען אַליין האָט ער זיך פאַרענדערט. ער האָט זיך אינגאַנצען איבערגעאַנדערשט. ער האָט דערפיהלט, אינוועניג ביי זיך, אין דער נשמה, איז פאָרגעקומען אַ קריזיס. און עס טהוט איהם באַנג, האַרצעדיג באַנג, זיין נאַרישע נאַאיווע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע וועט זיך שוין ניט אומקעהרען און נישט איבער'חזר'ען קיינמאָל, קיינמאָל!... און אויך איצט, איבערלעבענדיג אין דעם זכּרון נאָך אַ מאָל יענע גליקליכע יאָהרען און אַריבערגעהענדיג צו די ווייטעריגע באַשרייבונגען, קוקט ער זיך אום צוריק מיט אַ שטילער בענקשאַפט און געזעגנט זיך אָפּ שוין אויף אייביג מיט זיינע גוטע יונגעלשע יאָהרען:

— זייַ געזעגנט, קינדהייט!

דריטע טייל

58

ער גיט שטונדען

דער פשט פון „געבען שטונדען". — יונגע און אַלטע לעהרערס. — דער כח פון „גראַמאַטיקע". — מע געהט צו איהם מיט פּראָטעק־ציעס. — אין פּערעיאַסלאַווער שטאָדט־גאָרטען און ביי דער שטיפ־מאַמע אין דער היים. — דעם קאָלעקטאָר'ס פשרה. — ער באַקומט אַ שטעלע און פּאַקט זיינע ביכער.

איצט איז שווער צו זאָגען, צו וועמען האָט געהערט די אי־ניציאַטיווע, דאָס הייסט, וועמען איז דאָס איינגעפאַלען צום ערשטען, אַז אַ בחור'על, נאָך קיין פולע זיעבעצעהן יאָהר ניט אַלט, נאָך קיין סימן פון וואָנסילעד אויף דער אויבערשטער ליפּ, נאָך נישט געענדיגט דעם גאַנצען קורס פון דער „אויעזדנע", — זאָל ער שוין נעמען דאָס שטעקעלע אין האַנט, אַרויפוואַרפען דאָס אויבעררעקעל אויף די פּלייצעס אָהן די אַרבעל און שוין מאַרשי־רען פון שטוב צו שטוב „געבען שטונדען"? „געבען שטונדען" האָט געהייסען — לעהרנען מיט יונגלעך און מיט מיידלעך אַלץ, וואָס מע לערענט אין די קלאַסען, אונטערנעמען זיך דורכגעהן מיט זיי אַ געוויסען קורס און צוגרייטען זיי צו אַ געוויסער צייט, זיי זאָלען קאָנען אַריין אין די קלאַסען, אָדער אָפּגעבען עקזאַמען.

אָפּגעבען עקזאַמען איז געוואָרען אַ גאַנג, ס'איז אַריין אין דער מאָדע. אַלע און אַלץ האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען. יונגלעך און מיידלעך, חתנים און יונגעלייט, בעל־הבית'לעך, אידען מיט בערד שוין — האָבען זיך אַ נעם געגעבען צו גאָוואָראָוו'ס

גראַמאַטיקע, צו יעווטושעווסקי'ס אַריפמעטיקע, צו סמירנאָוו'ס געאָגראַפיע, צו דיסטערוועג'ס געאָמעטריע, און גענומען לערנען אויף אויסווייניג „באַסני קרילאָווא", שטודירן דאָס ווערטער-בוך. ס'איז געוואָרען אַ מין עפּידעמיע — עקזאַמענס! פאַרשטעהט זיך, אַז ביי אַזאַ עפּידעמיע איז ניט געווען גענוג לעהרערס אין שטאָדט. פּראָפעסיאָנעלע אידישע לעהרערס זענען געווען איינגאַנ-צען צוויי: דער אַלטער מאָניסאָוו — איז ער געווען אָהן צייהן, געשפּיגען ניט גערעדט, און דערצו, נאָך טויב, ווי די וואַנט; און דער יונגערער, נח בוסעל — דער האָט געלעהרענט פראַנצויז, גע-טראָגען אַ בלויען מונדיר, גלאַנצענדיגע שטיוועל, און איז געווען אַ יקרן, גענומען צו-טייער. און ווייטער איז געווען איצי דער שרייבער און זיין ברודער, אברהם דער שרייבער — ביידע אויס-געפּוצטע אידלעך מיט רויטע בעקלעך-פּאַמפּעשקעס. די האָבען שוין גענומען צו-וואָלוועל, זענען זיי אָבער געווען צעקריגט מיט דער רוסישער גראַמאַטיקע אויף מעסערשטעך און האָבען ניט געוואוסט, ווי אַזוי עס לעגט זיך אוים דאָס וואָרט „פּעטשעניעגי". דאָס הייסט, זיי האָבען געוואוסט, אַז אינ'ם וואָרט „פּעטשעניעגי" באַדאַרף ערגיץ זיין אַ „יאַט", נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט טרעפען, וואו אַוועקצושטעלען די „יאַט": נאָך דער פּע? נאָך דער טשע? נאָך דער ניע? אָדער גאָר נאָך דער גי? דאָס אייגענע איז געווען מיט אַ „עס" און מיט אַ „שאַ". אַז ס'איז געקומען, למשל, צו סושאַ (טריקעניש) אָדער סאַשאַ (אַלכסנדר), איז רעכט געווען ביי זיי צו שרייבען: סושאַ, שוסאַ, אָדער שושאַ; סאַשאַ, שאַסאַ, אָדער שאַשאַ. אין שטאָדט, צווישען יונגוואַרג, איז געגאַנגען איין אַנעקדאָט, אַז מע האָט פאַרגעלעגט די ברידער, זיי זאָלען מוחל זיין איבערזעצען אויף רוסיש די ווערטער: „סאַשאַ האָט זיך גע-טריקענט אויף דער טריקעניש", — האָט איינער אָנגעשריבען: „שאַסאַ שוסילסאַ נאַ שוסיע", און דער אַנדערער האָט אַוועקגע-שטעלט: „שאַשאַ שושילשאַ נאַ שושיע".

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז נאָר געווען איין אַנעקדאָט.

נאָר ווי אַזוי האָט דאָס געבאַך זיי געקרענקט, אַז דער אַנעקדאָט איז דערגאַנגען צו זיי! און ס'איז טאַקע געווען אַ פאַרדראָסיגע זאַך: סטייטש, זיי האָבען אויסגעלעהרענט שרייבען אַ גאַנצע שטאָדט, מיט קינדער און קינדס־קינדער, — קומען צו געהן יונגע צוציקעס, וואָס די מילך איז זיי נאָך ניט אָפּגעטריקענט אויף די ליפּען, און דערצעהלען אַנעקדאָטען!... עס האָבען אָבער ניט געהאָלפען קיין חכמות — גראַמאַטיקע איז געוואָרען אַ גאַנגבאַרער אַרטיקעל. אָהן גראַמאַטיקע האָט מען זיך ניט געקאָנט געבען אַ ריהר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו דער פעטער פיני, וואָס האָט, ווי איהר ווייסט, פיינט געהאַט די קלאַסען, ווי אַ כשר'ער איד האָט פיינט חזיר, האָט אויך מודה געווען, אַז גראַ־מאַטיקע איז אַ גוטע זאַך. ער איז אַ איד, וואָס קאַטאָרגע ער פאָהרט אויף יאַרידים, האַנדעלט מיט מאָסקווע, איז אַ חשוב ביי פּאָנין און רעדט רוסיש אויסגעצייכענט, נאָר ער פיהלט, אַז עס פעהלט איהם גראַמאַטיקע (דאָס וואָרט „גראַמאַטיקע" האָט ער באַוויזען מיט צונויפגעלעגטע פינף פינגער).

פון דעסטוועגען, זיין פלימעניק שלום זאָל זיך ניט אַזוי שטאַרק איבערנעמען, האָט דער פעטער פיני געפונען פאַר נויטיג צוזעצען, אַז ער פאַרשטעהט ניט, צו וואָס מען דאַרף נאָך דערצו געהן אָהן אַ היטעל, עסען אומגעוואַשען און שרייבען אים שבת? איהם דאַכט זיך אויס, אַז מהכתיתי — מע קאָן קענען גראַמאַטיקע און דוקא געהן אין אַ היטעל, און דוקא וואַשען זיך צום עסען, און דוקא ניט שרייבען אים שבת! דער פעטער פיני איז, אַפּנים, געווען אַ נוקם ונוטר, ווי איין אמת'ער תלמיד־חכם. ער וויל ניט פאַרגעסען יענע אַלטע עבירה פון שרייבען אים שבת אויפ'ן פאַר־קאַן... נאָר ווער רעכענט זיך מיט איהם? אַ בחור'על, וואָס געמט סטיפּענדיעס, גיט שטונדען, פאַרדיענט געלד — מע צערייסט איהם אויף שטיקער, מע שלאָגט זיך גאָר פאַר איהם: אַלע ווילען, אַז דוקא ער זאָל גרייטען זייערע קינדער אין די קלאַסען, ניט קיין אַנדערער — ווי אַזוי זאָל ער זיך ניט איבערנעמען? אידען

געהען צו איהם מיט אַ פּראָטעקציע דורכ'ן קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען, וואָס איז אַ גוטער ברודער מיט רב נחום ראַבינאָוויטש, אַז ער זאָל זיין אַזוי גוט און זאָל פּועל'ען ביי דעם פאָטער, אַז דער פאָטער זאָל פּועל'ען ביי זיין זוהן חאָטש איין האַלבע שעה אין טאָג: „מע זאָגט, אַז זיין שלום האָט אַ גרינגע האַנט, און אַז דורך איהם גיט מען אָפּ עקזאָמען בעסער, ווי דורך אַלע אַנדערע"... און דעם טאַטענ'ס האַרץ וואַכסט, די נשמה קוועלט — אַ קלייניגקייט, אַזאַ כבוד דערלעבט זיך, חאָטש נחת ווינציג, זעהר ווינציג! וואָס פאַר אַ נחת, איך בעט אייך, אַז מע קוקט נישט אָן קיין קינד אין די אויגען? דעם ערשטען האַלבען טאָג איז ער אין קלאַס, דעם אַנדערען האַלבען טאָג ביז אין דער נאַכט — פאַרנומען מיט די שטונדען. און קומט פאַר-נאַכט, שפּאַציערט מען אַרום מיט חברים אין שטאָדט-גאָרטען. זומער איז דער פּערעיאַסלעווער שטאָדט-גאָרטען אַ גן-עדן. דאָרט שפּיעלט מוזיק — די מיליטערישע מוזיק — מיט'ן פּאָלקאָוואָי קאַפּעל-מייסטער, אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אויגען, ווי די קאַרשען, און מיט גראָבע ליפּען. אַלע מיידלעך זע-נען פאַרליעבט אין זיין שטעקעלע, און ער האָט זיי ליעב אַלע גלייך, שמייכעלט צו זיי פון דער וויטען מיט זיינע שוואַרצע קאַר-שען-אויגען און מיט זיינע גראָבע ליפּען און מאַכט מיט'ן שטע-קעלע נאָך שטאַרקער. און די טרובעס טרובען, און דער קעסעל-פּויק באַראַבאַנעט, און דער שטויב פון די שפּאַציערענדיגע פאַר-לעך צווישען די אַלעען קאָנקורירט מיט'ן שמעקענדיגען ריח פון דער נאָר-וואָס אָפּגעצוויטעטער בוזינע, וואָס פילט-אָן די לופט מיט אַ געדיכטער זיסקייט. דאָס איז דער ריח און דאָס איז די זיסקייט, וואָס נאָר דער דאָרטיגער, פון יענע מקומות, פון מאַלאָראָסיע, — דער ווייסט עס, דער געדענקט עס און דער קאָן אָפּשאַצען, וואָס הייסט אַ זומער-אָוועגט און אַ שפּאַציערגאַנג אין שטאָדט-גאָרטען. באַלייכט איז דער גאָרטען זעהר געמיין. אינגאַנצען געפינען זיך דאָרט אַ דריי-פיער לאַנטערנעס מיט גאַז-לעמפּלעך, אי דאָס פאַר-

רויכערטע, פאַר׳חושכ׳טע, מיט צעבראָכענע גלעזלעך, אַזוי אַז עס הויבט זיך אויף צו אַ שטאַרק ווינטעל, בלאָזען זיך די לעמפלעך אָן און ווערען גאָר פאַרלאָשען. גאָר ווער קוקט דערויף? אדרבה, אויב איהר ווילט, איז נאָך גלייכער, וואָס ס׳איז פינסטער. קאָן מען דעמאָלט אָפּשטעלען זיך, בחורים׳לעך און מיידלעך, און אַ שמועס טהון, אַ לאַך טהון און געבען אַ רעד=אָפּ אויף מאָרגען אין דער צייט נאָך אַ מאָל זיך באַגעגענען אָט דאָ, אין דער אַלעע, אונטער דער גאָר=וואָס אָפּגעצוויטעטער שמעקענדי׳גער בוזינע...

און מע קומט אַהיים אַ פאַרפאַליוועטער, אַ צעהיצטער און אַ הונגעריגער און מע עסט וואָס גאָט גיט — אַ שטיקעל הערינג, אַ טאַראַנקע, אַ גרינע אוגערקע, אַ ציבעלקע מיט ברויט. איין אַפּעטיט איז, קיין עין=הרע, דאָ אַ פיינער. ווער וואַשען זיך? וואָס בענטשען? דער טאַטע פרעגט שוין אפילו ניט וועגען מעריב דאַווענען... קרענקען קרענקט דאָס איהם, נאָר ער מאַכט זיך ניט ווּיסענדיג. רעדען מיט די קינדער אַ וואָרט — איז קיין צייט ניטאָ. אָפּגעגעסען, דאַרף מען זיך זעצען לערנען, צוגרייטען די אוראָקען אויף מאָרגען. זעצט זיך אַוועק שלום ביי אַ לאָמפּ לערנען, ברענט קעראָסין — ווייל די שטיפמאַמע ניט ליידען, בורטשעט זי. פאַרדריסט עס דעם טאַטען. זאָגט שלום, אַז ער וועט זיך קויפען קעראָסין פאַר זיין געלט, און אַ לאָמפּ איין אייגענע וועט ער זיך איינפיהרען. זאָגט דער טאַטע, ער זאָל זיך ניט דערוועגען טהון אַזאַ זאַך און זאָל איהם ניט מקצר=ימים זיין. דערהערט דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען און זאָגט, אַז ער האָט פיינט מחלוקת. מישט ער זיך אַריין און מאַכט אַ פשרה. באשר בכן, אַזוי ווי דאָס בחור׳על איז שוין אַ מענטש פאַר זיך, פאַרדיענט שוין, קיין עין=הרע, אַ קערבעל, און לערנען דאַרף ער אויך, עס שטעהט איהם פאַר אָפּגעבען דעם לעצטען עקזאַמען, איז אַ יושר, מע זאָל דעם קונדס (שוין אוים „קונדאַס“, נאָר „קונדעס“) לאָזען צו=רוה. און ער לאָזט=אוים: „עצתי, אַז ער זאָל ערגיץ אָנדינגען אַ קוואַרטיר מיט קעסט ביז איבער די עק-

זאַמענס, און לאָז ער זיך לערנען געזונטערהייט". און מאַמער איז איהם שווער צו געפינען, נעמט ער, דער קאָלעקטאָר, אויף זיך די דאָזיגע טרחה.

פאַרשטעהט זיך, אַז תחילת האָט דער טאַטע ניט געוואָלט הערען, ניט זעהען פון אַזאַ משוגענעם פּלאַן. דער קאָלעקטאָר האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ כּח, אַז ער האָט געקאָנט איבעררעדען אַ וואַנט. און דערצו האָט ער פיינט געהאַט רעדען. ער האָט ליעב געהאַט טהון. איז ער אַוועק און איז געקומען מיט אַ גדולה — ס'איז איהם אָפּגעראָטען על צד היותר טוב! ער האָט געקראָגען איינעם אַ בעלן, וואָס גיט-אָפּ אַ הדר מיט קעסט מיט אַלעם גרייטען אומזיסט, נאָר מיט דעם תנאי, אַז דער קונדס זאָל לעהרנען סך-הכּל איין האַלבע שעה אין טאָג אין דער פריה און איין האַלבע שעה ביי-טאָג מיט די עלטערע קינדער, און אַמאָל נאָך אַ האַלבע שעה אָדער אַ שעה פאַרנאַכט מיט די קלענערע קינדער.

— וויפיעל-זשע זענען פאַרהאַן קינדער אַרום און אַרום? — פרעגט דער טאַטע.

— וואָס מאַכט אייך אוים וויפיעל? ער דאַרף זיי דען גע-בען עסען? ער דאַרף דאָך נאָר לעהרנען. וואָס זשע איז איהם די נפקא-מינה, צי דריי קינדער, צי פינף קינדער, צי זיעבען קינ-דער? דאַכט זיך, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין אייך אַ גוטער פריינט און וועל אייך ניט פאַרפיהרען — וואָס איז שייך? עצתי, אַז דער קונדס זאָל זיך צונויפפּאַקען און זאָל זיך אַריבער-פּעקלען גלייך מיט מיר, און טאַקי באַלד, און טאַקי שוין, וואָרום בעלנים אויף אַזאַ שטעלע וועלען זיך געפינען אַ סך. היידאַ!

דער קונדס נעמט זיך פּאַקען. קיין סך צייט דאַרף עס ביי איהם ניט נעמען. זיין גאַנצער גאַרדעראָב באַשטעהט פון אַ פּאָר העמדער, איין פּאָר זאָקען, אַ תפלין-זעקעל, אַ סידור'על און ביכער, ביכער, ביכער. פּאַקענדיג, האַפּט ער אַ קוק אויפ'ן טאַטען — זיין פּנים איז געל, אַזוי ווי וואַכס. ער דרעהט דאָס שיטערע בערדעל און קייעט עס מיט די צייהן. ער האָט נישט קיין ווערטער, נאָר

יעדער זיפֿץ רייסט-אַרויס אַ שטיק האַרץ. דערפֿאַר האָט זיך אָבער די שטיפֿמאַמע צערעדט. געגומען באַהויערען, זאָגען, אַז עס געפֿעלט איהר ניט דער פּלאַן. ערשטענס, וואָס וועט די וועלט זאָגען? די וועלט וועט זאָגען, געזאָגט זאָל זיי ווערען פּרעה'ס מכות, אַז שולדיג איז די שטיפֿמאַמע. איז איין מאָל אַוועק. און ווידער — ווענען מאַכט קאַלי אַ קינד, אַז ער איז ביי זיין טאַטען? מעהר מיט אַ מויל, ווינציגער מיט אַ מויל — מע וועט שוין דערמיט די יויך ניט פֿעט מאַכען... און אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי געלאָזט אַ טרער.

אַרויסבאַגלייט דעם קונדס, האָט דער טאַטע געגומען ביי איהם תקיעת-כּף, אַז שבת איז ער אַ היימישער. מילא, אַ גאַנצע וואָך — ווי די מעשה איז. אָבער שבת — אין גאָטעס ווילען, שבת!... דאָס שטיקעל נחת פֿאַר וואָס זאָל ער איהם ניט צוטיילען? ובפֿרט, אַז ס'איז פֿאַר איהם אַליין אַ געגום און אַ פֿאַרגעניגען. וואָרום וואו ריכט מען אָפּ אַזאַ שבת, ווי ביי זיין טאַטען? ווער זאָגט אַזוי די „שלום-עליכם“, ווי זיין טאַטע? ביי ווענען קלינגט אַזוי שען דער „אשת-חיל-מי-ימצא“, ווי ביי איהם? ווער קאָן אַזוי זינגען זמירות, ווי זיין טאַטע? און דער קידוש? אַלע אידען מאַכען קידוש. נאָר ניט אויף אַלע אידען רוהט די שכינה. אין אַלע אידישע הייזער פּראַוועט מען שבת. אָבער ניט אין אַלע אידישע הייזער גידערען-אַראָפּ די מלאכי-השלום, מלאכי-עליון, שוועבען, טראָגען זיך אין דער לופֿטען און פֿילען-אָן די שטוב מיט אַ שטילער הייליגקייט, אָדער מיט אַ הייליגער שטילקייט פֿונ'ם הייליגען גרויסען ליעבען טאָג שבת...

59

אַ אידיליע

אורחים אויף שבת. — אַ העברעאישער משורר בנימינזאָהן. — דאַנטע'ס גיהנם און בנימינזאָהנ'ס „עמק יהושפט או החלירע". — ווי אַזוי אַ דיכטער בראָט אַ שטיקעל הערינג אויף קויהלען. — שבת ביי'ם טיש. — „פייגה-לאה די גבאי'טע" קוקט אַרויס אויף שבת.

האָבען איין אורח אויף שבת איז געווען ניט נאָר אַ מצוה — עס איז אַריין אין דער טבע, עס איז געוואָרען אַ מין רגילות. אַזוי איז דאָס געווען ביי בעל-הבתישע אידען אין יענער צייט, אַזאַ איד אַ בעל-הבית, ווי נחום ראַבינאָוויטש, למשל, האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן, וואָס הייסט זעצען זיך שבת צום טיש אָהן איין אורח? דאָס וואָלט געווען ביי איהם אַ פאַרשטעהרטער שבת.

אַלע מאָל האָט איהם גאָט צוגעשיקט איין אַנדער אורח. איצטיגס מאָל איז דער זוהן געווען איין „אורח". אויך גוט. ער איז אָבער געווען ניט איינער. אַחוץ איהם זענען געווען נאָך צוויי. דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען — איהם קענט איהר. דער אַנדערער האָט געהייסען בנימינזאָהן — מיט איהם וועל איך אייך באַקאַנט מאַכען.

אַ משורר. ניט קיין משורר ביי אַ חזן, נאָר אַ פּאָעט, אַ דיכטער. אַ העברעאישער שרייבער. ער האָט געמאַכט אַ בוך מיט'ן נאָמען: „עמק יהושפט או החלירע". אין זעהר אַ שענער מליצה-שפּראַך שילדערט דער מחבר, ווי אַזוי

נאָט האָט זיך צעבייזערט אויף דער פאַרדאָרבענער מענטשהייט
און האָט אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד די חלירע, נאַטירליך, אין
דעם געשטאַלט פון אַ נקבה, אַ מיאוס'ע, אַ שרעקליכע, אַ „חלירע“,
מיט אַ גרויסען הלף אין די הענט, און זי שניידט רעכטס און
לינקס. פאַרשטעהט זיך, אַז דער גיהנם פון דאַנטע איז באַשריבען
מיט מעהר שרעקליכע פאַרבען און מאַכט אויפ'ן לעזער אַ מעהר
טיעפען איינדרוק, ווי די „חלירע“. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר.
די הויפּטזאַך איז דאָ די שפּראַך. דאָס איז געווען אַ מין פיעל=
פאַרביגע, גרויסאַרטיגע, זיס=צוקערדיגע מליצה=שפּראַך, וואָס די
חלירע האָט אַזעלכעס זיכער ניט פאַרדיענט. דאָס איז, וואָס ס'איז
שייך צום ווערק. אַצינד קומט דער מחבר אַליין.

אַ טרוקענער, נאָר אַ ברייטביינעריגער מיט אַ ברייט פּיעז=
עקעכיג גלאַנצענדיג פּנים, שיטער באַוואַכסען, אַזוי שיטער, אַז
בעת ער עסט, קאָן מען זעהען יעדען שלונג, וואָס געהט=אַראָפּ
אין האַלז, ווי ביי אַ הונגעריגער גאַנז. ביי יעדען שלונג טהוט
ער אַ מאַך מיט'ן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, אויך ווי אַ הונגעריגע
גאַנז. די האָר, וואָס אויפ'ן קאָפּ, זענען אויך שיטער, דערפאַר
זענען זיי לאַנג און הענגען=אַראָפּ מיט פאַרגרייזעלטע קוטשערלער,
אַלע מאָל מיט עפּיס אַ פעטער זאַך אָנגעשמירט, ס'זאָל גלאַנצען.
אָנגעטהאָן געהט ער, ווי אַ דייטש, מיט אַ הויכען האַרטען קאַפּעליש.
אַלץ וואָס אויף איהם איז שרעקליך אַלט, נאָר מיט סכנות ריין,
ציכטיג, אויסגעבערשטעלט און צוגעפּרעסט. און אַלסדינג אַליין.
אַליין געריייניגט, אַליין געפּרעסט, אַליין פאַרריכט, אַליין אַ קנעפּעל
איינגענייהט. אַ סברה, אַז ער וואַשט זיך אַליין ביינאַכט זויס
דאָס העמד, וואָס ער טראָגט בייטאָג, און אפילו דער שניפּס, וואָס
ביי איהם אויפ'ן האַלז, איז אויך זיין אייגענע מלאכה. אַז ער רעדט,
רעדט ער מיט אַלע איברים, מיט אַ האַרציג קול, מיט אַ רחמנות=
פּנים, און די אויגען האַלב=צוגעמאַכט, פאַרגלאַנצט אַרויף. קוקענדיג
אויף דעם פאַרשוין האָט דער העלד פון דער דאזיגער ביאָגראַפיע
ניט איין מאָל געטראַכט ביי זיך: „משיקאָווע צו וויסען, ווי אַזוי

האָט אויסגעזעהען אַט דער בנימינזאָהן מיט אַ יאָהר דרייסיג אָדער פערציג צוריק, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגעל?"..

פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער — ווייסט קיינער ניט. אויסדריקענדיג זיך מיט דעם לשון פון דער שטיפמאַמע, האָט איהם „פאַרנאַדעט" אַהערצו דער קאָלעקטאָר. „איין שלים-מזל שלעפט דעם אַנדערען"... אויף זיין „טריפה'נעם" גליק, האָט איהם דער קאָלעקטאָר געבראַכט צו פיהרען איינמאָל אין אַ שענעם טאָג מיט אַ גרוי' טשעמאָדאַנדעל אַקוראַט אין דער שעה, ווען זי, די שטיפמאַמע, איז ניט געווען אין דער היים. אַז זי איז געקומען און געטראָפען דעם פאַרשוין מיט'ן טשעמאָדאַנדעל, לייענענדיג פאַר'ן טאַטען עפּיס פון אַ ביכעל, האָט זי באַלד געזאָגט, אַז ס'איז אַ שלים-מזל, איינער פון יענע שלים-מזל'ען, וואָס „מע דאַרף זיי געדיכט זייהען און זיי זאָלען שיטער אויפגעהען", און געפרעגט, פאַר וואָס האָט ער בעסער ניט געטראָפען צו ראובן יאַסנעגראַדסקי'ן אויף סטאַנציע? עס איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלען. מע טרייבט נישט קיין מענטשען פון שטוב, בפרט אַזאַ מין נפש, וואָס דאַרף ניט קיין זאַך און וויל ניט קיין זאַך און פאָדערט ניט קיין זאַך. שלאָפען שלאָפט עס אויף דער אַלטער סיראַטענער קאַנאַפּקע, אין אַ פינסטערן קאָרידאָר, צווישען צוויי חדרים. אַז מע טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, צאַפּט ער זיך אָן אין זיין אייגענעם גרויסען טשייניק זודיג וואַסער, פול ווי איין אויג, שיט זיך אַרויף פון אַ געל פּאַפּיערעל עפּיס אַ מין „סענעס-בלעטלעך", וואָס ס'איז „גוט צום האַרצען", נעמט זיך אַרויס פון קעשענע זיין שטיקעל צוקער און טרינקט זיך זיין טיי.

מיט'ן עסען איז אויך דאָס אייגענע. ער האָט זיך זיין ברויט ביי זיך אין גרויען טשעמאָדאַנדעל. דאָס ברויט איז אַלטגעבאַקען. וואָס עלטער איז בעסער (שפּאָרעוודיגער). און הערינג קויפט ער זיך אַלע טאָג, פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיקעל הערינג, געהט מיט דעם פּאַוואָלינקע, אויף די שפּיץ פינגער, אין קיך אַריין, אַנטשולדיגט זיך אַ מאָל פופצעהן-צוואַנציג פאַר דער שטיפמאַמע, זי זאָל איהם

דערלויבען אַוועקלעגען דאָס שטיקעל הערינג אין אויוועז אין אַ ווינקעלע אויף הייסע קויהלען, סע זאָל זיך אַ ביסעלע צובראָטען. און אַז דאָס שטיקעל הערינג הויבט זיך אָן צו צובראָטען, הויבט עס אָן צו פּראָטעסטירען, זשומען און פּרעגלען זיך, און לאָזט אַרויס אַזאַ געשטאַנק, אַז מע דאַרף אַנטלויפען פון שטוב. שווערט די שטיפמאַמע. אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט זי איהם אַרויסוואַרפען מיט'ן זהערינג. נאָר איהר שבועה איז זי ניט מקיים. וואָרום מען דאַרף האָבען אַ האַרץ פון אַ טאָטער, מע זאָל אַזעלכעס טהון מיט אַ מענטשען, וואָס לעבט אַ גאַנצע וואָך מיט אַ שטיקעל געבראָטענעם הערינג.

איין אויסנאַהמע איז שבת. קומט שבת, איז ער איין אורח בײ'ם טיש גלייך מיט אַלעמען. און נאָך מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע אַנדערע אורחים. אַ איד איין איידעלער, אַ תלמיד־חכם, אַ משכיל, אַ שרייבער, אַ משורר! אַי וואָס, ער איז געבאַך איין אָרעמאַן—וואָס זאָל ער טהון? ס'זאָל זיין אין איהם געווענדט, וואָלט ער בעסער געווען אַ נגיד. נאָר אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל... און ער טהוט אַ זיפץ. דער בעל־הבית ענטפערט איהם מיט אַ זיפץ און גיסט איהם אָן אַ גלעזעל וויין, און גיסט זיך אָן אַ גלעזעל וויין, און גיסט־אָן דעם קאָלעקטאָר אויך אַ גלעזעל וויין, און אַלע דריי טרינקען לחיים, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר'ן כלל ישראל. און פון אַ גלעזעל וויין ווערט מען לעבעדיג, און די צונג ווערט אויפ־געבונדען, און מען הויבט־אָן רעדען אַלע איינאיינעם — נישט קיין דברים בטלים, חס־ושלום, נאָר דברי־תורה, פון ספרים, ביכער, חכמה, השכלה, וויסענשאַפט...

דער יונגסטער פון די „אורחים“, דער פּאַרפאַסער פון די דאזיגע באַשרייבונגען, מישט זיך אויך אַריין אין געשפּרעך, נאָר ער היט זיך מיט איין איבעריג וואָרט צווישען גרויסע, האָטש מע קוקט אויף איהם שוין כמעט ווי אויף אַ גרויסען. אַ בחור'ל, וואָס פאַרדיענט שוין אַליין געלט, גיט שטונדען — אַ קלייניגקייט?

פון זינט דאָס בחור'על איז אַראָפּ פון קעסט און איז געוואָרען

אַ מענטש פֿאַר זיך, האָבען די צוויי אַנדערע אורחים זיך גענומען רעכענען מיט איהם, ווי מיט אַ גרויסען, איהם זאָגען „איהר“. ביי'ם קאָלעקטאָר איז ער געוואָרען אַ „קונד“, אַ קונה. ער האָט איהם פֿאַרשריבען איין אַכטעל ברוינשווייגער לאָטעריי, צוגעזאָגט מיט דעם זעלבען טאָן און מיט דער זעלבער זיכערקייט, ווי זיין טאַטען, אַז ער וועט, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף, אויסנעמען דאָס גרעסטע געווינס. און דער דיכטער בנימינזאָהן — דער איז גלאַט געוואָרען איין אָפּטער אַריינגעהער צום חברה-מאַן, וואָס גיט שטונדען, געשריבען אויף זיין טישעל אין דער צייט, ווען ער איז געווען אויף די שטונדען, געבראַכט צו טראָגען איינמאָל זיין גרוי טשעמאָדאַנדעל מיט די פּאַפּיערען מיט'ן אַלטגעבאַקענעם ברויט, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל בראָטען אַלע פֿרהמאָרגען אַ שטיקעל הערינג ביי ראַבינאָוויטשען אויף דער אכסניה און אויסשטעהן בזיונות פֿון דער שטיפֿמאַמע, האָט ער שוין בעסער זיך פֿאַרנומען צו טהון די דאָזיגע אַרבייט ביי דער בעל-הבית'טע פֿון זיין יונגען פֿריינט שלום, צו וועלכען ער האָט זיך סוף-כל-סוף אינגאַנצען אַרי-בערגעקליבען און באַזעצט אויף שטענדיג.

דאָס איז אויסגעקומען גאַנץ פּראָסט און נאַטירליך. צוויי מענטשען האָבען זיך ניט פֿיינט און קאָנען נוצליך זיין איינער דעם אַנדערן — פֿאַר וואָס זאָל מען ניט זיין אינאיינעם? בנימינ-זאָהן איז אַ שענער העברעער, אַ משורר. זיין יונגער פֿריינט האָט אַ באַזונדער חדר, אַ בעט, אַ ברייטס, אַ פּעלד ניט קיין בעט — וועמען שאָדט עס, אַז עס וועלען ליגען צוויי, ניט איינער? אַי, דער דיכטער בנימינזאָהן האָט אין זיך נייען מאָס רעד און הערט גיט אויף צו לויבען זיינע אייגענע שירים, לייענען גאַנצע פּאָעמעס ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דוקא מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ התפּעלות, אַז עס שטעהען איהם אַזש טרערען אין די אויגען, — איז דאָס אויך פֿון די קליינע אומגליקען. זיין יונגער פֿריינט שלום האָט, דאַנקען גאָט, אַ גוטען שלאָף, און דער פּאָעט בנימינזאָהן קימערט זיך וועניג, וואָס יענער שלאָפֿט. וואָרום אַז ער, בנימינזאָהן,

האַלט אין לייענען זיינע איינענע פּערזען, מעג זיך דעמאָלט די גאַנצע וועלט איבערקעהרען!

דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס האָבען זיך אָנגעקעהרט די דאָזיגע אַלע באַשריבענע פּאַרשוינען איינס מיט דאָס אַנדערע? וואָס פאַר אַ מחותן, למשל, איז נחום ראַבּינאָוויטש, אַ איד אַ בעל-הבית, אַ האַלבער חסיד און אַ האַלבער משכיל, מיט אַזאַ אידען אַ ליט-וואַק און אַ מתנגד, ווי דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען? און וואָס פאַר אַ סמיכות-הפּרשיות איז צווישען די צוויי מיט אַ הונגעריגען עקזאַלטירטען משורר בנימינזאָהן? און ווי האָט זיך געקאָנט אין דער דאָזיגער סביבה פיהלען אַ ציקאַווע בחור'על מיט פּוכקע בעקלעך, מיט בלאָנדע געגרייזעלטע האָר (נאָכ'ן מיפּוס האָבען די האָר געגומען וואַקסען ביי איהם, ווי גראָז נאָך אַ רעגען)? וואָס האָט דאָ געהאַט צו טהון אַ בחור'על אין די יאָהרען, ווען עס ציהט איהם גאָר אין דרויסען אַרויס, אין שטאָדט-גאָרטען, אויפ'ן שפּאַציער מיט חברים, מיט האַלב-באַקאַנטע מיידלעך? און דאָך דאַרף מען זאָגען, אַז דאָס איז אַ זעלטענע אידיליע, איין אומפאַרשטענדליכע פריינטשאַפט, איין אומבאַשרייבליכע אינטי-מיטעט, און דער שבת איז געווען אַ געווינשטע באַגעגעניש, אויף וועלכע זיי אַלע האָבען אַרויסגעקוקט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג די גאַנצע וואָך. וואָס עמיצער פון די פיער האָט געהאַט עפּיס אַ גוטע זאַך צו זאָגען, צו באַווייזען, צו דערצעהלען, האָט ער עס איבערגעלאָזט אויף שבת. בנימינזאָהן דער משורר, וויפיעל ער האָט אייך ניט געמאַטערט אַ גאַנצע וואָך מיט זיינע שירים, האָט ער די בעסטע פון זיי דאָך איבערגעלאָזט אויף שבת, נאָכ'ן טיש. דאָס הייסט, עס רעדט זיך אַזוי „נאָכ'ן טיש". אין דער אמת'ען האָט ער אַרויסבאַוויזען אַלע, וואָס עס האָט זיך ביי איהם אָנגעזאַמעלט פאַר דער וואָך, פ אַ ר 'ן טיש, ב י י 'ם טיש און נ אָ כ 'ן טיש.

דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען איז שוין געווען אַ סך פּראַקטישער פון איהם. אַז מען איז געקומען פון שוהל און דער טאַטע האָט אָפּגעזאָגט אַלע, וואָס מע דאַרף, אָפּגעמאַכט קידוש

און געגאַנגען זיך וואַשען, האָט ער, דער קאָלעקטאָר, אַרײַנקוקענדיג דורך די שוואַרצע ברילען אין טעלער אַרײַן, אַ זאָג געגעבען: „אַצינד וועט אונז אונזער משורר מסתמא עפּיס זאָגען". און דער משורר, האָטש ער איז געבּאָר גוט אויסגעהונגערט, וואָס מע האָט געקאָנט אַרויסזעהען פון זײַן כאַראַקטעריסטישען שלינגען, לאָזט זיך ניט לאַנג בעטען, און דער קאָלעקטאָר דערווײַל פּאַקט אויף בײדע באַקען, טונקט די פרישע חלה אין דער שטאַרק-גע-פעפערטער פיש-יויך, פאַרטרינקט מיט אַ קלײן קעלישעקעל שטאַרקען בראָנפען, און ווישענדיג אַ האַנט אָן אַ האַנט, טהוט ער אַ זאָג מיט התלהבות: „אויסגעצײַכענט! עס לאָזען זיך אויס אַלע וועלטען ! !"...

עס איז נאָר שווער געווען צו טרעפען, מיט וואָס לאָזען זיך בײַ איהם אויס אַלע וועלטען: מיט בנימינזאָהנ'ס שירים? אָדער מיט דער געפעפערטער פיש-יויך? אָדער מיט'ן קעלישעקעל בראָנפען? אָדער מיט אַלע זאַכען אינאײנעם? יעדענפאַלס, איז די שטימונג אַזאַ הויכע, אַז אפילו אַזאַ פּראָזאַאישע נשמה, ווי די שטיפמאַמע, הויבט זיך אויך אויף דעם דאָזיגען שבת אויף אַ האָר העכער, און אויסגעשלײערט לכבוד שבת אין איהר באַרדימשעווער פּרי-זורקע, קוקט זי מיט אַ פרײַנטליך אויג אויף די שבת'דיגע אורחים און טרײַבט זײ אונטער, זײ זאָלען שוין אַמאָל עפּיס עסען אויך און איבערלאָזען דאָס איבעריגע ביסעל רעד אויף נאָכ'ן עסען.

בכדי דאָס בילד זאָל זײַן פאַרענדיגט און די אידיליע זאָל זײַן נאָך מעהר בולט, מוז דאָ געזאָגט ווערען האָטש אַ פּאָר ווער-טער וועגען נאָך אַ לעבעדיגען נפש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף די שבת'דיגע אורחים. דאָס איז געווען „פײגה-לאה די גבאי'טע". דער מחבר פון די דאָזיגע זכרונות האָט זי שוין געהאַט אַמאָל באַשריבען טאַקי אונטער דעם דאָזיגען נאָמען אין אײן אַנדער אָרט (אינ'ם בוך „מאָטעל פּײסי דעם חזנ'ס"). דאָס איז געווען אַ קאַץ. און ווײַל זי איז געווען אַ גראָבע, האָבען איהר חברה

דער משורר לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען.

אַ נאָמען געגעבען „פּיגה=לאה די גבאי'טע“. חברה האָבען געהאַט אַ שוואַכקייט צו קעצעלעך, און פּייגה=לאה האָט אַלע יאָהר אַראָפּגעבראַכט אַ דור פון שענע ראַבע קעצעלעך. די קעצעלעך זענען אונטערגעוואַכסען, האָט מען זיי צעשענקט, צעוואָרפען, און פּייגה=לאה איז פאַרבליבען איין אַלטגעזעסענע, איין איינגעוואָרצעלטע, אַ פאַרפונדעוועטע, אַ קאַץ, וואָס פאַרשטעהט איהר ווערטה און לאָזט זיך ניט טרעטען מיט די פיס. אמת, קיין גרויסע מיוחסת איז זי ביי דער שטיפמאַמע ניט געווען. געהאַפּט אַ שמיץ מיט'ן פום, אַ בוכצע אין זייט אַריין, און אַמאָל מיט דער באַרשט איבער'ן קאָפּ, — נאָר מיט וואָס איז זי מעהר צאַצקע פון דער שטיפמאַמע'ס אייגענע קינדער? און דער שטיפמאַמע'ס קינדער באַגעהען זיך מיט איהר, מיט פייגה=לאה'ן, אויך נישט איבעריג קוצעניו=מוצעניו, טהוען איהר צום טויט, שלעפּען ביי איהר אַוועק די קליינע קעצעלעך פון דער ברוסט און מוטשען זיי מיט סכנת=נפשות! ס'איז אָבער דערויף אויך פאַרהאַן אַ תירוץ (אויף אַלסדינג קאָן מען געפינען אַ תירוץ): פאַר וואָס זאָלען קינדער זיך באַגעהן מיט אַ קאַץ בעסער, ווי זייער אייגענע מאַמע באַגעהט זיך מיט איהרע אייגענע קינדער?... אודאי, ווען שלום איז געווען אַ היימישער, האָט ער אַכטונג געגעבען, מע זאָל פּייגה=לאה'ן אומזיסט ניט באַלעדיגען. איצט, אַז ער איז נאָר אַ גאַסט, קומט צו געהן איין מאָל אין וואָך, שבת, איז איהם פּייגה=לאה מקבל=פּנים, ווי איין אייגענעם, שטעהט=אויף, אַז ער קומט אַריין, בויגט=אוים דעם רוקען, טהוט זיך אַ רייב מיט'ן קאָפּ ביי זיינע פיס און ציהט=אוים אַ לאַנגען געהניץ און באַלעקט זיך. „וואָס איז דיר, פּייגה=לאה?“ — טהוט ער זי אַ גלעט איבער'ן קעפּעל, אָנגעבויגען זיך צו איהר אויף דער ערד. „מניאַ=או!“ — ענטפערט איהם אָפּ פּייגה=לאה מיט אַזאַ טאָן, וואָס דאַרף הייסען: „עט! אַבי מע לעבט און מע זעהט זיך!“... — און הערט ניט אויף צו רייבען זיך אָן זיינע פיס און צו מורליקען, קוקען ווי אַ זינדיגער מענטש און ווארטען, מע זאָל איהר עפּים צו=וואַרפען.

— צער בעלי־חיים! — זאָגט דער קאָלעקטאָר מיט אַ זיפץ. שהוט בנימינזאָהן אַ שלונג, אַ קוק אויף אַלע דריי און זאָגט, אַז ער האָט דערויף אַ שיר, הייסט ער: „ורחמיו על כל מעשיו“. און נים געוואַרט ביז מע וועט איהם בעטען, פאַרגלאַנצט ער די אויגען אַרויף און זאָגט דעם שיר.

60

די צעשטערטע האפענונגען

די עקזאמענעס אויף דער נאָז. — ער בויעט לופטשלעסער מיט זיין חבר אלי דאָדי'ס. — „למנצח על השלישית". -- ער שרייבט א מליצה-בריעף צו ה"י גורלאנד. — דער „קלוב" אין דער „סאָבאַטשנע". — ה"י גורלאנד ענטפערט מיט א בריעף, און די לופטשלעסער צעפאַלען זיך.

די צייט איז געגאַנגען. קינדער וואַכסען. עס קומט-אָן דער זומער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דאַרף ענדיגען דעם קורס. די עקזאַמענעס זענען אויף דער נאָז. אָט נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי — ווערט מען פטור פון דער „אויעזדנע", וואָס האָט זיך שוין צוגעגעסן. דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע האָט קיינמאָל ניט געפיהלט קיין באַזונדערע סימפּאַטיע צו די קלאַסען. קיין קוואַל אויף צו שעפען פון דאָרטען חכמה און וויסענשאַפט איז זי פאַר איהם קיינמאָל ניט געוועזן. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט יאָ געכאַפּט, איז דאָס געוועזן גיכער פון דעם בוים, וואָס האָט געהייסען אין יענער צייט „השכלה". ביכער, רוסישע און העברעאישע, בלעטער, צייטונגען, זשורנאַלען — דאָס זענען געוועזן די פירות, וואָס ער האָט געגעסען מיט'ן פולען מויל. א סך האָט איהם מיטגעהאָלפען דער „קלוב", די דעמאָלטיגע פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ, מיט'ן קאָלעקטאָר, מיט בנימינזאָהנען און מיט די געראָטענע איידעמס בראש, און דער אידעאַל איז געווען — אַראָגאָלד פון די פידוואָרקעס מיט זיין גרויסער ביבליאָטעק.

דאָס איינציגע, וואָס איהם האָט געבונדען מיט דער „אוֹ־יעזדנע“, איז געווען זיין חבר אלי דאַדי׳ס, וועלכען ער האָט באמת ליעב געהאַט פאַר זיין לעבעדיגען כאַראַקטער און פאַר זיין קאָנען גאָכמאַכען און איבערקרימען אַלע לעהרערס, ווי איין אמת׳ער אַקטיאָר, אַ קאָמיקער. ביידע אינצווייען האָבען זיי איבערגע־קעהרט די וועלט, ביידע אינאיינעם האָבען זיי געלייענט ביכער, געלעבט אַ גוטען טאָג, געווען אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריגע חברים, צום מיינסטען פאַרשטאָפּטע קעפּ, פלעקער. אין דער צייט, ווען יענע האָבען זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס, געפּויעבערט, מורא גע־האַט פאַר אַ דורכפאַל, האָבען די צוויי חברים, שלום ראַבינאָוויטש און אלי דאַדי׳ס, געמאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, געהאַט די עקזאַמענס אין דער לינקער פּאה. זומער־לעבען. אין דרויסען איז אַ גן־עדן. די בעסטע צייט אויף צו באָדען זיך אין טייך, אויף צו שיפען זיך אין אַ שיפעל, העט־ווייט, אויף יענער זייט ברעג, אין הויכען גרינעם אָמשערעט. דאָרטען איז דאָ אַ לעוואַדע, אַ פעלד, מיט אַ סך ווייסע און רויטע מאַרגאַריטקעס באַשפּרענקעלט. און ווייטער פון דער לעוואַדע געהט אַ וועלדעל, טאַקי אַ גאַנצער וואַלד. לאָזען זיך לויפען איבער׳ן גאַנצען פעלד, ביז צום וואַלד, אין איין אָטעם — איז ניט פון די קליינע זאַכען. ווער פון זיי, ער אָדער זיין חבר אלי, וועט קומען צו לויפען פריהער? זיי בלייבען ביידע אָהן אָטעם. טהוט מען זיך אַ וואָרף אויפ׳ן גרינעם שמעקענדיגען גראָז. מיט׳ן פּנים אַראָפּ ליגט מען און מע גראַבעלט די פרישע רויע זאַמדיגע ערד, וואו עס קריכט אַ פליעגעלע, שפּאַציערט אַ זשוקעל, פּויזשעט אַ מורעשקע, שלעפּט מיט די פעדערשטע פיסלעך אַ גאַנצע שטרוי, אַ שטיקעל קאָרע, אַ נאָדעל פון אַ בוים. ס׳איז שטיל. אַ מאָדנע, אַ הייליגע, אַ פאַרוויגענדיגע, אַ פאַר־שלעפערענדיגע שטילקייט. זעלטען ווערט די שטילקייט געשטערט דורך אַ צוויץ פון אַ רייהע שוועלבעלעך, וואָס טראָגען זיך דורך איבער די קעפּ — אַ סימן אויף אַ רעגען. אָדער עס דערהערט זיך אַ קוואַק פון אַ פאַר׳יתומ׳טער זשאַבע ערגיץ ווייט פון אָמשערעט

אַרויס: קוואַ! — און ווערט אַנשוויגען. אויך אַ סימן אויף אַ רע=גען. האָטש דער הימעל איז ריין, קלאָר, ווי זעפיר, קיין שפּרענקעלע אויפ'ן האָריזאָנט. עס פיהלט זיך אַ גאָהענטע שייכות מיט אָט דעם וואַלד, מיט'ן פעלד, מיט די מאַרגאַריטקעס, מיט דער פרי=שער ערד און מיט'ן שמעקענדיגען גראָז און מיט'ן פליעגעלע, מיט'ן זשוקעל און מיט דער מורעשקע, וואָס פּויזשעט, מיט די שוועל=בעלעך, וואָס פליהען, און מיט די זשאַבעס, וואָס קוואַקען, און מיט דער גאַנצער נאַטור אַרום און אַרום — יעדע זאַך באַזונדער איז אַ חלק פון דער וועלט און אַלץ אינאיינעם מיט די מענטשען גענומען — דאָס איז איין וועלט, איין משפּחה, איין געזינדעל. און דאָס ווימעלט און דאָס גריבעלט, און דאָס ליאַרעמט און דאָס טאַרעראַמט — עס איז אַ יאַריד, עס איז אַ וועלט, עס הייסט „לעבען".ביידע יונגע חברים פיהלען זיך גוט אין דער דאָזיגער וועלט. ביידע זענען צופריעדען מיט זייער לעבען, זאַט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, קאָנטעט מיט זייער הייגט און ערוואַרטען נאָך מעהר פון דעם, וואָס וועט זיין, פון דעם, וואָס קומט. זיי פיהרען אַ לאַנגען, שטילען, רוהיגען געשפּרעך. אַ געשפּרעך, וואָס האָט נים קיין אָנהויב און האָט נים קיין סוף. דער גרעסטער טייל פון זייער געשפּרעך דרעהט זיך אַרום דעם, וואָס זיי שטעהט פאָר: וואָס וועט ווייטער זיין? און מע לעגט=פאָר פּלאַנען און מע בויעט לופטשלעסער, און מע שטעלט זיך פאָר אַ זיס פיעלפאַרביג לע=בען, וועלכעס שפּיעגעלט זיך אָפּ אין דער פאַנטאַזיע פון יעדען יונגען מענטשען און וועלכעס גיט זיך קיינמאָל קיינעם נישט איין אויף דער ערד....

מע קאָן אָבער דאָ אַזוי לאַנג נים פאַרברענגען. די צייט שטעהט נים. עקזאַמענס איז פאָרט נים קיין שפּיעלכעל. זיי זע=נען טאַקי די ערשטע און די בעסטע אין קלאַס, נאָר אַ קשיא וואָס מע מאַכט זיך? עס קאָן זיך אַמאָל טרעפען, אַז דער בעסטער זאָל דורכפאַלען. נאָר איין מענטש איז געווען געזיכערט — און דאָס איז געווען דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען. „וואָס

מיר עקזאַמענעס? ווער מיר עקזאַמענעס? מע שטעלט זיי אַ פייג!“ — אַזוי האָט גע'טענה'ט דער קאַלעקטאָר, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך די דאגות פונ'ם קונדס מעהר ווי זיין אייגענער פאָטער. און דעריבער האָט זיך קיינער אַזוי ניט דערפרעהט, ווי דער קאַלעק־טאָר, מיט דער גוטער בשורה, וואָס שלום האָט איינמאָל געבראַכט צו טראָגן אַהיים, אַז ער און זיין חבר אַלי דאָדי'ס זענען פון עקזאַמען איגנאַנצען באַפרייט.

— דאַנקען גאָט! מיר זענען פריי! פריי פון עקזאַמענעס! מיר וועלען הוליען!... — אַזוי האָט געזאָגט דער קאַלעקטאָר.

און פאַר גרויס שמחה האָט דער קאַלעקטאָר אין דעם אייגע־נעם טאָג, אויף דער נאַכט, געבראַכט צו טראָגן צום „קונדס“ אויף דער קוואַרטיר אַ הערינג מיט צוויי פלאַנזעלען, און אין קע־שענע — אַ פלעשעל בראָנפען, און אינדרייען, מיט'ן משורר בנימינ־זאָהן, האָט מען געגעבען אַ לעב־אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטען. אויף בנימינזאָהנען איז אָנגעפאַלען, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, דער רוח־הקודש, און ער האָט אויפ'ן אָרט אָנגעשריבען אַ שיר:

„למנצח על השלישית מזמור שיר“..

„על השלישית“ — מיינט מען דאָס די דריי קלאַסען, וואָס שלום האָט געענדיגט. און איצט האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע סדרה: וואָס טהוט מען ווייטער? וואָס וועט זיין דער תכלית? עס זענען אַרויס אויף דער סצענע אַלע אונזערע אַלטע באַקאַנטע פאַרשוינען: ביידע גרעסטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פידוואַר־קעס, די אַלע איבעריגע פריינט און גוטע פריינט, יעדער מיט אַ איין אַנדער עצה: גימנאַזיע, ראַבינער־שול, אוניווערזיטעט, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אינזשענערען... דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אַ צע־טומעלטער: אַזוי פיעל וועגען, פּראָפעסיעס, פּרנסות — אַזש דער קאָפּ דרעהט זיך!

פון אַלע פּראָיעקטען האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם זשיטאָמירער לעהרער־אינסטיטוט, וואו מע האָט צוגעזאָגט אַריינ־צונעמען אויף „קאַזיאָני שטשאָט“ ביידע אויסגעצייכענטע

תלמידים — שלום נחום ראַבינאָוויטש'עס און זיין חבר אלי דאַ-די'ס. עס זענען שוין וועגן דעם אָנגעקומען אַפיער פון זשיטאָמיר, צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט, ח"י גורלאַנד. ליתר בטחון האָט שלום צוגעלעגט צו די פאַפירען פון זיך אַ בריעף אויף העברעאיש, אין זעהר אַ שענער מליצה-שפּראַך — צו באַווייזען דעם דירעקטאָר גורלאַנדען, אַז ער האָט צו טהון ניט מיט קיין יונגעלע, און דער קאָלעקטאָר איז געווען מלא גדולה:

— ברוך שפטרני! — האָט ער געזאָגט און אויסגעווישט מיט דער נאַסער פּאָלע די שוואַרצע ברילען (אָהן די ברילען זעהט-אויס דעם קאָלעקטאָר'ס פּנים ווי געשוואָלען, און די אויגען — ווי קי-שעלעך). — דער קונדס איז שוין אַ באַוואָהרענטער. וואָלט איך שוין האָבען אַזאַ דאגה מיט פּרנסה, ווי איך האָב אַ דאגה מיט איהם. וואָס ער זאָל שוין ניט זיין, אַ ראַבינער אָדער אַ לעהרער — אַ מענטש וועט ער שוין זיין, דאָס איז זיכער! און פון פריזיוו זענען מיר אויך באַוואָהרענט. קאַזיאָנע לעהרערס און קאַזיאָנע רבנים דיענען ניט. איצט בלייבט-איבער נאָך אַ שענע כלה פון אַ לייטיש אָרט מיט אַ פופצעהן-הונדערט קאַרבונים נדן, וועט זיין, ווי זאָגט איהר, חי געלעבט! הייסט זשע, רב נחום, דערלאַנגען אַ ביסעל „צערקאָוונע כשר לפסח"...

לאָזט זיך אויס, אַז דער קאָלעקטאָר האָט זיך צו-פריה משמח געווען. און אָט וואָס עס האָט זיך געטראָפען.

די אַלע פּרנסות, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, זענען סוף-כל-סוף געווען ניט גענוג אויף צו לעבען. האָט זיך געפונען אַ רייכער בעל-הגוף, אַ גוי מיט'ן נאָמען זאַכאַר נעסטאָראָוויטש, וואָס האָט געהאַלטען פון ראַבינאָוויטשען איין עולם ומלואו און האָט איהם אָפּגעטראָטען אַ קלייט מיט אַ קעלער אין סאַמע פראָנט פון זיין נייעם גרויסען מויער, און דאָרט האָט ער איהם געעפענט אַ געשעפט פון טאַבאַק, גילזעס און פּאַפּיראָסען,

און אויך דעם וויינשענק „ראַזניך ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ“ האָט מען אַריבערגעטראָגן אַהער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן פּרנסה בשפע. דאָס הויז פון נחום ראַבינאָוויטש איז, ווי איהר געדענקט, תמיד געווען אַ בית=ועד, אַ קלוב פון משכילים און גלאַט יונגעלייט. איצט איז דער קלוב געוואָרן נאָך לעבעדיגער און מעהר באַזוכט פון פריינט און גוטע פריינט און גלאַט קונים. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקעל פרייע צייט, געוואָלט זעהן זיך מיט אַ מענטשען, וויסען, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט, — דער איז זיך דורכגעגאַנגען אין דער „טאַבאַטשנע“ רויכערען אַ פּאַפּיראָס און רעדען אַ וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אין „קלוב“, אָדער אין דער „טאַבאַטשנע“, צונויפגעזאַמעלט די גאַנצע סמעטענע פון דער פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ. דאָרט זענען געוועזען אַלע אונזערע באַקאַנטע פּאַרשוינען: יאָסי פּרוכשטיין,ביידע געראָטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס און, פאַרשטעהט זיך, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען און בנימינזאָהן דער משורר און זייער יונגער פריינט דער קונדס האָבען אויך ניט געפעהלט. עס איז געווען זעהר אַ לעבעדיגער שמועס, און אַלע מינוט האָט אויסגעשאָסען אַ הילכיגער געלעכטער. דעם געלעכטער האָט אַרויסגערופען איינער פון די געראָטענע איידעמס, לייזער=יאָסעל. ער האָט געפאָדערט פון יעדען איינציגען אַ קלייניגקייט: ער זאָל מוחל זיין געבען צו פאַרשטעהן דעם פּשט פון דעם וואָרט „מאַסיוו“, נאָר אָהן הענט. און אַזוי ווי עס איז איין אוממעגליכקייט, אַז אַ איד זאָל קאָנען געבען צו פאַרשטעהן אַזאַ זאַך אָהן הענט, האָט יעדער איינציגער אויף זיין אופן באַוויזען מיט די הענט, וואָס באַטייט דאָס וואָרט „מאַסיוו“. און אָט דערפון זענען דאָס געפלויגען די דאָזיגע געלעכטערן.

נאָך פּלוצים, סאַמע אין רעכטען מיטען לאַכען, עפענט זיך די טיר און עס קומט=אַריין דער בריעפטרעגער מיט אַ פּאַקעט — „זאַקאַזנאָיע“. אויפ'ן קאָנווערט שטעהט אויף רוסיש מיט גרויסע

אותיות: „קאנצעליאריא זשיטאָמירסקאַוואָ קאַזיאָנאַוואָ יעווריסקאַ-וואָ אוטשיטעלסקאַוואָ אינסטיטוטאַ“.

— אַהאַ! דאָס איז פון איהם, פון ה"י גורלאַנדען!

מע האָט געעפענט דעם פּאַקעט און מע האָט איבערגעלייענט אַ בריעף פון דעם דירעקטאָר ה"י גורלאַנד. אין בריעף איז גע-שטאַנען: „אַזוי ווי אין אינסטיטוט דאַרף מען לערנען פיער יאָהר, און אַזוי ווי פון די פּאַפּיערען און פון די מעטריקעס איז צו זע-הען, אַז דער באַזיצער פון זיי איז געבוירען געוואָרען אין דעם 18-טען פעווראַל, 1859, קומט-אויס, אַז אין דעם יאָהר 1880, דאָס הייסט, אין דריי יאָהר אַרום שוין, אין אָקטאָבער, וועט ער זיך דאַרפען שטעלען צום פּריזיוו. דאָס הייסט, מיט אַ יאָהר פריהער איידער ער וועט ענדיגען דעם גאַנצען קורס פון דעם לעהרער-אינסטיטוט“.

ווי אַ באָמבע, ווי אַ דונער אין מיטען העלען טאָג, איז גע-ווען די דאָזיגע ידיעה. צום אַלעם ערשטען האָט מען זיך גענו-מען שפּאַרען און לערנען דעם פּשט פון דעם בריעף: מאי קא משמע לן — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערען? און פאַר וואָס האָט ער ניט אויסגעפיהרט, טאַקי אָט דער ה"י גורלאַנד, דעם היוצא-לנו-מזה? און טאָמער איז פאַרהאַן עפּיס איין עצה, אַ דריידעל, אויף אַרוים-צודרעהען זיך פון'ם דאָזיגען פּלאָנטער? ס'איז אָבער אומזיסט געווען דאָס שפּאַרען זיך מיט'ן דעבאַטירען. אַלע האָבען אַרויסגע-זעהען, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז דאָס שפּיעל איז פאַר'ן טייוועל — די שאַנסען אויף אַריינצוטרעטען אין אינסטיטוט זענען פאַרלוירען. די מעטריקעס קאָן מען שוין ניט איבערמאַכען. און ה"י גורלאַנד איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס מע מאַכט מיט איהם דריידלעך. פאַרפאַלען!

דער העלד פון די דאָזיגע באַשרייבונגען שטעלט זיך פאָר יענע צייט אַלס זיין איבערגאַנגס-עפּאָכע פון איין וועלט אין דער אַנדערער. עס האָט באַדאַרפט אויסגעוועהלט ווערען אַ וועג, וואו-הין צו געהן, אויסגעאַרבייט ווערען אַ פּלאַן, וואָס צו טהון, און

באַשטימט ווערען, אַזוי צו זאָגען, אַ פּראָגראַם שוין אויפ'ן גאַנצען לעבען. צווישען איהם מיט זיין חבר אלי דאָדי'ס איז שוין לאַנג געווען איין אָפּגעמאַכטע זאַך, ווי אַזוי מע וועט ביידע איגאיינעם פאָהרען קיין זשיטאָמיר, ביידע וואוינען אין איין צימער, ביידע לערנען, שפּאַציערען, באָדען זיך, שיפען זיך... און אַז סע וועט קומען „קאַניקולען“, וואַקאַציעס, וועט מען פאָהרען ביידע אַהיים — און אַך! ווי זיי וועלען דאָס איבערראַשען זייערע געוועזענע חברים מיט זייער זשיטאָמירער אוניפאָרם, זיך האַלטען פון זיי פון דער וויטען, און רעדען פון פושקין און פון לערמאָנטאָוו, פון בייראָן און פון שעקספּיר, הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלען הערען און וויסען, אַז דאָס רעדען ניט קיין פּאַרכעס... די חברים וועלען דאָס הערען און שטוינען, מקנא זיין. מיידלעך וועלען זיך רויטלען, דרעהען אַרום זיי, בלומרשט פּאַרריכטען די הענטשקעלעך, וואַרפען מיט אויגלעך, וועלען זיך וועלען באַקענען נעהנטער — קורץ, דאָס וועט זיין אַ גן־עדן!

און מיט אַמאָל האָט זיך פון די אַלע חלומות אויסגעלאָזט אַ מייך. אוים זשיטאָמיר! אוים לעהרער־אינסטיטוט! אוים באָדען זיך, שיפען זיך! אוים וואַקאַציעס! אוים חברים! אוים מיידלעך! אוים גן־עדן! אוים קאַריערע! און דאָ דעם טאַטען'ס פּנים — אַ רחמנות אַ קוק צו טהון. געל, ווי אַ וואַקס. נייע קנייטשען, נייע זאָרגען אויפ'ן גאַנצען לעבען מיט קינדער און קינדס־קינדער, נאָר אָן צו טהון?“... בנימינזאָהן דער פּאָעט פיהלט זיך ניט גוט. ער וויל ברענגען אַ טרייסט האָטש מיט אַ נייעם שיר, נאָר — אויוועה! עס זינגט זיך ניט.

דעם קאָלעקטאָר זעהט מען עפּיס ניט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל געהאַט באַוויזען אויף אַ פּאָר מינוט, געזאָגט, אַז ער האָט עפּיס זעהר אַ גוטען פּלאַן פאַר'ן קונדס, וואָס וועט איהם פאַרזאָרגען אויפ'ן גאַנצען לעבען מיט קינדער און קינדס־קינדער, נאָר ער האָט איצט זעהר קיין צייט ניט. און ער איז אַוועק, און פון דעמאָלט אָן הערט מען ניט פון איהם און מע זעהט ניט.

61

דער סוף פון דער אידיליע

ווער איז געווען דער קאָלעקטאָר ? — דריי רובעל מיט „גראַמאַטיקע" אויף יום-טוב. — דעם קאָלעקטאָר'ס טוידט. — די לויה. — „געווען אַ מאָדנער מענטש". — דער משורר בנימינזאָהן פאַרשווינדט און ווערט מגולגל קיין אַמעריקע.

נישטאָ קיין אייבּיגע זאַך אויף דער וועלט. געקומען אַ סוף צו דער אויבּענבּאַשריבּענער אידיליע. איינער פון די אויסגע-רעכענטע פריינט איז אַוועק פאַר דער צייט, און באַלד נאָך איהם — דער אַנדערער, און די כנופיה איז צעפאַלען געוואָרען. דעם ערשטען פּעטשאַטעק האָט געמאַכט אונזער אַלטער באַקאַנטער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען און מיט די גרויסע טיפע גומענע קאַלאָשען, און נאָך איהם האָט זיך אין גיכען אָפּגעטראָגען אויך דער משורר בנימינזאָהן.

ווער איז געווען, אייגענטליך, אָט דער איד דער קאָלעקטאָר? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? וואו און ווען האָט ער געהאַט אויף דער דאָזיגער וועלט? פון וועמענ'ס וועגען האָט ער געהאָרעוועט דאָס גאַנצע לעבּען? טאָג-איין טאָג-אויס זיך געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, געשוויצט און אַרויסגעקוקט אויפ'ן גרויסען געווינס? — דאָס זענען זאַכען, וואָס ס'איז שווער אויף זיי צו געבּען, מעהר אָדער וועניגער, אַ קלאָרע תשובה. עס גע-דענקט זיך נאָר, אַז ער האָט אַמאָל געבּעטען בּיי זיין יונגען

פרײַנט, בײַ׳ם „קונדס“, ער זאָל זיך מטריח זײַן אויף אַ װײַלע אָנשרײַבן מיט זײַן שען הענטל אויף רוסיש אײַן אַדרעס. דעם אַדרעס האָט ער אַזוי דיקטירט: „מיעסטעטשקאַ פּאַגאָסט, פּינ־סקאַװאַ אויעזדאַ, מינסקאַי גובערני, גאָספּאָזשאַ פרײַדקאַ עטקאַ...“

— גאָספּאָזשע פרײַדקע עטקע. — פאַרריכט איהם דער קונדס על־פּי גראַמאַטיקע, און דער קאָלעקטאָר דיקטירט װײַטער:

— סאָ װלאָזשעניעם טרי רובליאַ.

— טריאָך רובלײ. — פאַרריכט איהם װיעדער אַ מאָל דער קונדס על־פּי גראַמאַטיקע.

— צו װאָס גראַמאַטיקע? — שפּאַרט זיך דער קאָלעקטאָר.— דאָרט דאַרף מען ניט קײַן גראַמאַטיקע אויף יום־טוב, דאָרט קוקט מען אַרוים אויף געלט...

ניט אומזיסט געהט בײַ אונז אײַן װאָהלין אַ שפּריכװאָרט, אַז אַ ליטװאַק פאַהרט־אַװעק אויף זיעבען פּסח׳ען פון דער הײם און פאַרגעסט דעם זײַ־געזונט. דער קאָלעקטאָר האָט געהאַט אַ טבע — אַװעקגעהן אויף אַ װײַלע און פאַרפאַלען װערען אויף אַ צײַט, און װיפיעל איהר זאָלט איהם דערנאָך ניט מוטשען, װאו ער איז געװען — װעט איהר קײנמאָל ניט דערגעהן בײַ איהם קײַן מאָלק: „ניט געװען — אַ דאגה איהר האָט!“

אויך איצט איז דער קאָלעקטאָר פאַרשװאונדען געװאָרען, און קײנער האָט ניט געװאוסט, װאו ער איז.

אײנמאָל — דאָס איז געװען נאָך אין דער פריה, שלום איז געזעסען בײַ זיך אויף זײַן קװאַרטיר, געמאַכט מיט זײנע תלמידים די אוראָקען — עפענט זיך די טיר און עס קומט־אַרײַן אַ גאַסט — דער טאַטע! שלום האָט זיך דערשראָקען: „װאָס האָט זיך גע־טראָפען?“ — גאָרנישט. דער קאָלעקטאָר איז נישט געזונט. מע דאַרף זיך דורכגעהן צו איהם, מבקר חולה זײַן...

אויפ׳ן װעג װערט ער געװאויר פון דעם טאַטען אײנצעל־הײטען, אַז דער קאָלעקטאָר איז, אײגענטליך, שױן לאַנג ניט מיט אַלעמען. נאָר די לעצטע צײַט איז ער שױן גאָר ערנסט קראַנק.

וואָס ווייטער ווערען די איינצעלהייטען אַלץ טונקעלער און גע־דיכטער. עס לאָזט זיך אויס, אַז ער איז געפעהרליך קראַנק. „אַ סברה, אַז ער האַלט זעהר שמאָל. דאָס הייסט, ער וויל זאָגען, אַז דער קאָלעקטאָר איז פאַרביי"... און אַזוי רעדענדיג, קומען זיי צום שוהל־הויף.

דער שוהל־הויף איז באַגאסען מיט די שטראַהלען פון דער ברענענדיגער זון אין די לעצטע זומערדיגע טעג. אַ גאַנצע חאַ־ליאַסטרע אידישע קינדער, האַלב־נאַקעטע און גאַנץ־באָרוויסע, שפּיעלען אין פערדלער און פּילען־אָן דעם שוהל־הויף מיט הילכיגע קולות פון זייערע יונגע געזונטע העלזער. עס איז אַ לעבען און אַ פריידע אויף דער אידישער גאַס. די לופט, ווי סע זאָל דא ניט זיין ענג און געשטיקט, איז דאָך אַ מחיה. וואו־ניט־וואו וואַרפט זיך דורך אַ בוימעל, שלאָגט זיך דורך און קוקט־אַרויס אַ גרעזעל. די אויסגעגאָסענע פאָמעניצע שלאָגט־צו דעם שטויב, וואָס די קינדער (די פערדלער) האָבען אויפגעהויבען מיט זייער לויפען. עס איז פאָרט זומער, מען איז פאָרט אין דרויסען און עס איז פאָרט גוט אויף גאָט'ס וועלט!

— אָט דאָ וואוינט דער קאָלעקטאָר. — רופט זיך אָן דער טאַטע, און ביידע לאָזען זיך אַראָפּ אין אַ מין קעלער, אדער אַזוי אַ פינסטערע גרוב, האַלטען זיך אָן ביי די נאַסע ווענט, עפּענען אויף אַ טיר מיט אַ גרויסער שווערער אייזערנער קליאַמקע, און פאַר זייערע אויגען באַווייזט זיך אַזאַ מין בילד:

אויף דער הוילער ערד, מיט שוואַרצען איבערגעדעקט, ליגט עפּיס אַ זאַך, אין מיטען קיילעכיג פאַרשפּיצט. צוקאָפּענס, ביי דער זאַך, צאַנקען צוויי ליכט, אַריינגעשטעקט אין צוויי פלעשלעך פון פאַרשיידענער גרוים און פאַרשיידענער פאַרב. פון יענער זייט ליכט, אויף אַ בענקעל, אין מיטען שטוב, זיצט עפּיס אַ איד אַ שמש מיט אַ קאָלטונעוואַטער באָרד און מיט אַ צעפליקטער קאַפּאָטע. ביי דער רעכטער זייט, ביי דער וואַנט, שטעהען פאַר'יתומ'ט, איינס נעבען דאָס אַנדערע, ווי אַ צווילינג, אַ פּאָר אַלטע טיעפע צעריסענע

גומענע קאַלאָשען, און אויפ׳ן בײשטידעל פונ׳ם אײן=און=אײנציגען פענסטער װאַלגערן זיך אַ פאָר גרויסע שװאַרצע ברילען.

• • • • • •

דעם זעלבען טאָג איז געװען די לויה. מע קאָן זיך פאָרשטעלען, װאָס פאַר אַ לויה האָט דאָ געקאָנט זײן, אַז דער געשטאָרבענער איז, ערשטענס, אַ איד אײן אָרעמאַן — װער קען איהם און װער װײסט איהם? און, צװײטענס, האָט ער געהאַט אַ שם אין שטאָדט פון אַ שטילען אַפּיקורס. נאָר אַזוי װי אין זײן אַרויסבאַגלײטען האָבען זיך מתעסק געװען אַזעלכע אידען, װי רב נחום ראַבינאָװיטש, יאָסי פּרוכשטײן, בײדע גרעסטענע אײדעמס, און אַרנאָלד פון די פּידװאָרקעס איז אויך געקומען — דאָס איז געװען די ערשטע, אויב ניט די אײנציגע, לויה, װאָס אַרנאָלד זאָל זײן דערבײ, — האָט זיך די שטאָדט פאַראינטערעסירט, און קוקענדיג אײנער אויפ׳ן אַנדערען, האָט דער עולם גענומען קלויבען זיך און װאַקסען און װאַקסען — און ס׳איז געװען גאָר אומגעריכט אַ לויה אַ גרויסאַרטיגע, אַ אימפּאָזאַנטע. אָרעמעלײט האָבען דערשמעקט אַ „פעטע“ לויה, איז מען זיך צונויפגעקראָכען קאַליקעס פון אַלע װינקעלער, געשלעפּט פאַר די פּאָלעס, געמאַכט גװאַלדען, פאַר װאָס מע טײלט קײן געלט ניט פאַר דער מטה. עס איז שװער געװען אײנצורעדען זײ, אַז דאָס איז געשטאָרבען אַ איד אײן אביון גלײך מיט זײ.

— פאַר װאָס זשע קומט איהם אַזאַ לויה? — האָבען זײ גע׳טענה׳ט. — אַז קײן גביר ניט, און קײן רב, װי מע זעהט אַרויס, אויך ניט, הײנט װאָס איז מיט איהם דער יחוס?...

די זון האָט נאָך געהאַלטען אין רעכטען בראָטען, אַז מע האָט אַרויסגעטראָגען די מטה, מיט שװאַרצען איבערגעדעקט, פון פינסטערען קעלער אַרויס. דער שוהל=הויף און די גאַנצע גאַס איז געװען פאַרפלײצט, שװאַרץ פון מענטשען. קײנער האָט אָבער קײנעם ניט גערופען. מען איז אַלײן געקומען. קײנער האָט ניט געװײנט, נאָר זיפצען האָבען זיך געלאָזט הערען. קײנער האָט קײן

הספד ניט געמאַכט, קיין קריעה ניט געריסען, קיין קדיש ניט געזאָגט, קיין שבעה ניט געזעסען. נאָר שבחים האָבען זיך געהערט, געטראָגען אין דער לופטען: „אַ וואוילער איד געווען“... „נישט קיין צדיק, נאָר אַ וואוילער, גוטער מענטש“... „אויסגעהאַלטען אַ שטאָדט מיט אָרעמעלייט“... „וויפיעל ער האָט פאַרדיענט — אַוועקגעגעבען“.... „דעם לעצטען ביסען“... „זיך מפקיר געווען פון יענעם'ס וועגען“... „געריסען פון טוידטע און פון לעבעדיגע צוליעב קראַנקע אידען“... „פיינט געהאַט, מע זאָל איהם דאַנקען“... „קיינמאָל ניט גערעדט פון זיך, נאָר יענעם אין זינען געהאַט“... „געווען אַ מאָדנער איד“... „ניט קיין מאָדנער איד, נאָר אַ מאָדנער מענטש“... „יאָ, אַ מענטש איז דאָס געווען“...

דאָס איז געווען אַ שטילע, נאָר אַ שענע לויה. עפּיס האָט זיך געפיהלט אַ באַפריעדיגונג. אַ דאַנק גאָט דערפאַר, וואָס מענטשען צאָהלען=אָפּ, אויב ניט פאַר'ן לעבען, איז חאָטש נאָכ'ן טוידט, חאָטש וויפיעל ס'ניט איז, חאָטש אַ טראָפּען כבוד פאַר אַזוי פיעל יאָהרען פיין און ליידען, צער, מאַטערניש און ביטערניש. ס'איז נאָר אַ וועהטיג, וואָס ער אַליין, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען, קאָן ניט אויפשטעהן חאָטש אויף אַ מינוט, חאָטש אויף אַ רגע, אַ קוק טהון אויף דעם כבוד, וואָס ער האָט... און אפשר — ווער ווייסט? וואָס ווייסען מיר?... און עס פּלאָנטען זיך מחשבות און געדאַנקען פון „השארת=הנפש“, אין וועלכען דער נפטר האָט געגלויבט, האָטש ער האָט גע'שמ'ט פאַר איין אַפּיקורס. אפשר געהט אָט=דאָ זיין נשמה נאָך דער מטה גלייך מיט אונז און ווייסט מעהר פון אונז, אַ סך, אַ סך מעהר?... ווער ווייסט? ווער ווייסט?...

וואָס ווייטער ווערט דער עולם שיטערער. ביז'ן בית=עולם זענען געבליבען נאָר די סאַמע פריינט. דער גאַנצער „קלוב“. איין אָרט האָט מען איהם אָפּגעגעבען אַ באַשיידענעם, ווי ער אַליין. אין אַ זייט האָט מען איהם באַהאַלטען, אַ בערגעל ערד האָט מען אויפ'ן פרישען קבר אָנגעשאָטען. און מען איז זיך צעגאַנגען. קיינער האָט נישט געוויינט. קיינער האָט קיין הספד ניט געמאַכט.

קיין קדיש ניט געזאָגט, קיין שבעה ניט געזעסן. די ערשטע צייט האָט מען נאָך פון איהם אין „קלוב“ אַ פּאָר מאָל גערעדט. דער־נאָך האָט מען אויפגעהערט פון איהם צו רעדען — און פאַרגעסען.

גאָר אין גיכען נאָך דעם איז פאַרשוואונדען געוואָרען אויך בנימינזאָהן דער משורר. אַ שטיק צייט האָט מען ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. דערנאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז אין קיעוו. אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער נאָמען בנימינזאָהן געלאָזט הערען אין דער גרויסער „מלחמה“, וואָס ס'איז אויסגעבראָכען צווישען די „חכמי קיעוו“, מיט וועלכע מיר וועלען זיך נאָך באַגעגענען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען. זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען אינאיינעם מיט די נעמען פון משה־אהרן שאַצקים, יצחק־יעקב וויסבערג, דובזעוויטש, דאַרעווסקי. און גאָר־גאָר שפּעטער איז אַרויס אַ קול, אַז בנימינזאָהן איז מגולגל געוואָרען אין אַמעריקא און אַז ער איז דאָרטען אַ רעווערענט און איז, זעלבסטפאַרשטענדליך, אָלל־רייט.

און אָט אַזוי איז נתפּרדה החבילה געוואָרען. צעשלאָגען גע־וואָרען די כנופיה, צעשטעהרט געוואָרען די זעלטענע גוטפריינט־שאַפט. אוים אידיליע.

62

א האלב יאהר נע־ונד

עלענט און פאר׳יתומ׳ט. — „דער איד פון די שמויסען״. — ער לאזט זיך אוועק אין דער וועלט אריין זוכען גליק. — ביט אייביג איז מען א גאסט. -- קאנקורענץ פון מיידעלשע שרייבערס און קליינשטעדטעלדיגע קנאה־שנאה. — אברהם דער כלי־זמר. — א מין סטעמפעניו. — ער אנטלויפט פון דער וועלט צוריק אהיים.

פארלוירען אזעלכע צוויי נאהענטע גוטע פריינט, ווי דער קאלעקטאר און בנימינזאהן, האט דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען. ער האט זיך געפיהלט פאר׳יתומ׳ט. נאך מעהר עלענט האט ער זיך דערפיהלט, ווען זיין איינציגער איבערגעבליבענער חבר אלי איז אויך אוועקגעפאהרען קיין זשיטאמיר. דא האט זיך, ניט ווילענדיג, צוגעמישט אויך א געפיהל פון קנאה. ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז ס׳איז א מיאוס׳ע מדה, נישט קיין ריינעם געפיהל. נאר וואס האט ער געקאנט טהון, אז עס האט איהם פארט פארדראסען — פאר וואס קומט זיין חבר אזא גליק און איהם ניט? מיט וואס איז ער שולדיג, וואס ער האט זיך געהאפט געבוירען ווערען מיט א פאר חדשים פריהער? איבער אזא נארישקייט זאל ער פארלירען זיין קאריערע? פארשפיעלען דאס גאנצע לעבען? ער האט באהאלטען דאס פנים אין קישען און לאנג און שטארק געוויינט. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דער הימעל איז צו דער ערד געפאלען, און די גאנצע וועלט האט איהם אויסגעזעהען פינסטער־חושך. נאך

צו וועלכער מכּה איז ניטאָ קיין רפואה? דער בעסטער דאָקטאָר איז די צייט

מיר וועלן בעטען דעם לעזער זיך מטריח זײַן מיט אונז צוריק צו דער אַמאָליגער אַכסניה, וואָס די ראַבינאָוויטשעס האָבן געהאַלטען, און צו איהרע שטענדיגע אורחים. צווישען זיי איז געווען נאָך איינער אַ שטענדיגער אורח. ער האָט געהייסען מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „דער איד פון די שמויסען“. ער האָט גע־האַנדעלט מיט שמויסען (שאָפּען־פעל). די שמויסען האָט ער עקספּעדירט צו זיך אין דער גאַרבאַרני. דאָרט האָט מען די שמויסען געריייניגט, געפאַרבט, אויסגעאַרבייט און געמאַכט פון זיי גוּיישע היטלען און פעלצען. אַז דער איד פון די שמויסען איז געקומען צו פאָהרען, האָט מען דאָס געקענט הערען אין דער צווייטער גאַס. אַזוי שאַרף איז געווען דער ריח פון די שמויסען, אַז די גאַנצע שטוב האָט די ערשטע צײַט געהאַלטען אין איין ניסען. דערנאָך זענען ביי אונז אַלעמען פאַרלעגט געוואָרען די נעזער און מע האָט שוין נישט געהערט קיין שום ריח.

דערפאַר אָבער איז ער אַליין, דער איד פון די שמויסען, געווען אַ ליעבער מענטש, אַ פּראָסטער, אַ גוטער, איין אָפּגע־הערציגער. און גערעדט האָט ער מיט דער „סין“. אַ גראָבער יונג איז ער אויך געווען אַ גוטער און האָט ליעב געהאַט דאַווענען דוקא הויך, אויף אַ קול. אַז ס'איז געקומען שבת צום קידוש־מאַכען, האָט ער גענומען דעם כּוס אין דער האַנט, צוגעמאַכט די אויגען און אויסגעשריגען אויף אַ קול:

„יום הסיסי ויכולו הסמים...“

האָבען חברה קליינוואַרג זיך באַהאַלטען אונטער'ן טיש. דער איד פון די שמויסען האָט געוואוסט, אַז דאָס לאַכט מען פון איהם, נאָר סע זאָל איהם אנהויבען אַהרען!

— סקצים! עכּברוסים! מאָר מען לאַכען פון איין עלטערען מענצען? גאָט וועט אייך סטראָפען, סאַרלאַטאַנעס!...

דאָס האָט אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן געלעכטער. עס האָבן געלאַכט גרויס און קליין, און ער אַליין האָט אויך געלאַכט.

אָט דער איד פון די שמויסען האָט אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז דער פּראָפעסאָר פון די דאָזיגע באַשרייבונגען זאָל פּאַרלאָזן זיין געבורטס-שטאָדט און זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַריין זוכען גליק. און אַוועקגעלאָזט האָט ער זיך ניט, חלילה, קיין אַמעריקע, קיין לאָנדאָן, אָדער קיין פּאַריז, און ניט אפילו קיין אָדעס, קיין וואַרשא, אָדער קיין קיעוו, נאָר גאָר נישט ווייט פון פּערעיאַסלאַוו, אין אַ קליין שטעדטעלע, קיין רזשישטשעוו (קיעווער גובערניע). „ביי איהם אין רזשישטשעוו — אַזוי האָט געזאָגט דער איד פון די שמויסען — איז ניטאָ קיין לעהרערס. מע וועט אייער זוהן דאָרטען אָפּגילטען! ער אַליין האָט קינדער, זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבן קינדער, וואָס ווילען לערנען, און קיין לעהרערס איז ניטאָ, האָטש ציה זיך אויס און שטאַרב!“

— גלויבט מיר, בנאמנות, אַז אייער זוהן וועט ביי מיר זיין, ווי איין אייגענער, דאָס סוואַרצאַפּעל פון'ם אויג!...

הקיצור, ער האָט אַריינגעגעבען אי דעם פאָטער, אי דעם זוהן אַזוי פיעל חשק, אַז ס'איז שווער געווען בייצושטעהן דעם נסיון, און נחום ראַבינאָוויטש האָט גענומען דעם זוהן און האָט זיך אויפגעזעצט מיט איהם אויפ'ן פּאַראָכאָד און איז אַוועק קיין רזשישטשעוו.

פאַרפאָהרען איז מען גלייך צום אידען פון די שמויסען, און מען איז געווען אַזעלכע געסט, אַז מע האָט דעם ערשטען טאָג גאָרניט געוואוסט, וואו זיי אַוועקצוזעצען און וואָס מע זאָל מיט זיי טהון. דעם בעל-הבית אַליין האָבן זיי געטראָפען ביי דער אַרבייט — סאָרטירען די שמויסען — אין אַ לייבעל, אָהן אַ קאַפּאָטע און באָרוויס. דערזעהען אַזעלכע געהויבענע געסט, האָט ער קודם אָנגעטהאָן די שטיוועל, געכאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע

און געגומען שרייען און צוווייטען צימער אַריין ניט מיט זיין קול:

— סיינע־סיינדעל! סיינע־סיינדעל! סטעל דעם סאַמאָוואַר! מ'ד האָבען געסט!

גיך איז באַשאַפען געוואָרען אַ סאַמאָוואַר, גלעזער, טיי, און קאַווע, און ציקאָריע, און מילך, און פוטערגעבעקס, אַזעלכע, וואָס אַ איד קאָן זיך פאַרגינען נאָר שבועות צו דער מילכיגער סעודה, אָדער צו אַ קימפּעט. און אַ וואַרעמעס איז צוגעגרייט געוואָרען — כיד המלך. פיש געפילטע, פיש געפרעגעלטע, פיש געבאַקענע. יויך מיט לאָקשען, יויך מיט רייז, יויך מיט מאַנדלען — קלויבט אייך אוים וואָס איהר ווילט. פליישען שמועסט מען ניט — אַלער־ליי סאָרטען. און אפילו צימעסען צוווייערליי. דערנאָך — דעם סאַ־מאָוואַר. ווידער טיי, איינגעמאַכטס, פאַרבייסעכטסען. און אַז ס'איז געקומען צו וועטשערע, האָט דער בעל־הבית זיך געגומען נאָכפרעגען ביי די געסט: וואָס האָבען זיי בעסער ליעב פון מיל־כיגע מאכלים — קרעפלעך, וואַרעניקעס אדער „קאַסניקעס“? די געסט האָבען באַשיידען געענטפערט, אַז פאַר זיי איז אַלץ איינס. אַודאי האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַלע דריי אויסגערעכענטע מאכלים, פאַרטרונקען מיט קאַווע און פאַרביסען ווידער מיט אַלערליי איינגעמאַכטסען. דעם פאָטער האָט מען באַלעגט אין זאַל אויף אַ סאַמעטענער קאַנאַפּע, דעם זוהן — אויף דער אַנדערער קאַנאַפּע, אויסגעבעט, ווי מע בעט פאַר אַ מלך מיט אַ פּרינץ. אויף מאָרגען האָט זיך דער טאַטע אָפּגעזעגענט און איז אַוועקגע־פאָהרען אַהיים, און דער זוהן איז געבליבען ביי'ם אידען פון די שמויסען אויף קעסט און קוואַרטיר, און דערפאַר געלעהרענט מיט זיינע קינדער.

אויף דעם אַנדערען טאָג איז דער וואַרעמעס געווען שוין ניט מיט אַזאַ שיק און אַזאַ קנאַק, ווי דער ערשטער. אַ געוויינליכע קאַשע מיט יויך, אַ שטיקעל פלייש — און פאַרטיג. די וועטשערע אויך אַ מילכיגע, נאָר באַשטאַנען איז זי פון אַ שטיקעל קעז און

פּוטער מיט ברויט. ברויט לרוב. באַלעגט האָט מען דעם גאַסט שוין ניט אין זאַל און ניט אויף קיין סאַמעטענער קאַנאַפּע, נאָר אויף איין אייזערנעם קאַסטען, פֿון וועלכען מען איז אויפֿגעשטאַנען אַ צעבראָכענער, אָהן האַלז און נאַקען. אויף איבערמאָרגען איז דער וואַרעמעס באַשטאַנען פֿון אַ געקאָכטער טאַראַנקע מיט קאַרטאָפֿעל, וואָס האָט נאָכדעם אויסגעברענט דאָס האַרץ אויף צו חלש'ען. קיין וועטשערע האָט מען ניט געגעבען, נאָר אַ גלעזעל טיי מיט ברויט, און באַלעגט האָט מען דעם לעהרער אויף דער ערד, אויסגעבעט אויף אויסגעמאַכטע שמויסען. מע האָט באַדאַרפֿט זיין שטאַרקער פֿון אייזען, מע זאָל אַריבערטראָגען דעם ריח פֿון די שמויסען. דערצו האָט אַ גאַנצע נאַכט געקאַוויאַקעט אַ קינד אין וויעגעלע, זיך געריסען די קישקעלעך, ניט געלאָזט שלאָפֿען. אַ קליין לעמפּעל האָט גערויכערט און געטשאַדעט, פֿאַרהאַקט דעם קאָפּ, און דאָס עופֿה'לע האָט ניט אויפֿגעהערט צו שרייען און צו גוואַלדעווען — ס'איז געווען אַ גאָט'ס רחמנות! דער רעפּעטיטאָר האָט געזעהען, אַז שלאָפֿען וועט ער שוין סאַי-ווי-סאַי ניט, איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון די שמויסען, צוגעגאַנגען צום קינד אַ קוק טהון, וואָס שרייט דאָס. לאָזט זיך אוים, אַז די קאַץ האָט זיך פֿאַרקליבען צום קינד אין וויעגעלע, האָט זיך צעלעגט, ווי ביי'ם טאַטען אין וויינגאָרטען, זיך געמאַכט נאַכטלעגער. פֿאַר'ן לעהרער איז געווען איין אַלטערנאַטיווע: וואָס טהוט מען? אַרויסוואַרפֿען די קאַץ? — אַ רחמנות אויף דער קאַץ. צער בעלי-חיים. איבערלאָזען די קאַץ? — שרייט דאָס קינד. פֿאַלט ער אויף אַ המצאה (אַ יונג אַ חכם גיט זיך איין עצה): ער וועט נעמען וויעגען דאָס קינד, וועט די קאַץ אַליין אַוועק. דאָס ווייסט ער פֿון דער פּראַקטיק. ביי איהם אין דער היים, ווי אויך אין חדר, איז איהם אויסגעקומען צו זעהען אַלע מאָל אַזעלכם. איידער מע האָט אַוועקגעלעגט אַ קליין קינד צום ערשטען מאָל אין אַ ניי וויעגעלע, איז געווען אַ סגולה, מע זאָל פֿריהער אויסוויעגען אין וויעגעלע די קאַץ. האָט אָבער קיין קאַץ ניט געלאָזט זיך וויעגען בשום אופן. קוים האָט

מען זי אַרייגגעלעגט אין וויעגעל און געגעבען איין ריהר — אַזוי איז זי אויפגעשפּרונגען, גרייט געווען אויסדראַפּען יעדען איינציגען די אויגען. אַזוי איז געווען אויך איצט. דער רעפּעטיטאָר האָט זיך נאָר צוגעריהרט צום וויעגעל, אַזוי האָט זיך די קאַץ אויפגעהויבען און געגעבען אַ שפּרונג־אַרוים פון וויעגעל — און ניטאָ זי. דערפאַר אָבער האָט דאָס עופּה'לע, דערפיהלט, אַז מע וויעגט דאָס, אויפגעהערט שרייען, זיך באַרוהיגט און אַנשלאָפען געוואָרען. אויף מאָרגען, אַז ער האָט דאָס דערצעהלט דער מוטער פונ'ס עופּה'לע, האָט זי געשאָלטען די קאַץ מיט טוידטע קללות, געהאַלובעט דאָס קינד — איהר זאָל זיין פאַר'ן קינד'ס ביינדעלער! נאָר דאָס, וואָס דער לעהרער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען — דאָס געהט איהר אָן, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי.

איינגעזעהען, אַז ס'איז קיין תכלית ניט אַזוי צו לעבען אויף דער וועלט, האָט דער לעהרער זיך געמוזט אָגדינגען קעסט און קוואַרטיר אין איין אַנדער פּלאַץ און באַצייטענס זיך געזעגנען מיט די שמויסען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהם אַ גאַנצע רייהע פון אַלערליי צרות, שלעק, פּורעניות. אַ סדרה פון בייזע בעל־הבית'טעס, איינגעגעסענע טאַראַקאַנעס, בייסענדיגע וואַנצען, לויפענדיגע מייז, שטשורעס און אַנדערע מיאוס'קייטען. נאָר די אַלע יסורים, צרות און וועהטיגען זענען געווען גאָלד אַקעגען די אינטריגעס, וואָס ס'איז איהם אויסגעקומען אויסצושטעהן פון זיינע קאָנקורענטען די לעהרערס. דאָס זענען געווען אידען מלמדים, מיידעלשע שרייבערס, וואס האבען געפיהרט צווישען זיך אַ מורא'דיגע קאָנקורענץ און אַלע אינאיינעם — אַ קאַמף קעגען דעם נייעם לעהרער פון פערעיאַסלאַוו. וואו ס'איז פאַרהאַן ערגיץ אַ שמוץ אויף דער וועלט — האט מען אויף איהם אַרויפגעוואָרפען. צוהערען זיך צו זיי — איז דאָס געווען אַ קרימינאַליסט, אַ גנב, אַ גזלן, וואָס אין דער קאָרט. זיי האָבען אָנגעפיהרט צווישען איהם און די בעלי־בתים אַזעלכע פּליאָטקעס, אַז ער האָט געבעטען גאָט, דער זמן — דער זומער — זאָל שוין פאַרביגעהן, און ער זאָל

קאָנען אַנטלויפֿען פֿון דאָרטען מיט'ן לעבען. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין רזשישטשעוו, איז געווען ווי אַ קאָשמאַר, ווי אַ בייזער חלום. דאָס איינציגע הויז, וואו ער איז אַריינגעקומען און געפֿיהלט זיך צווישען מענטשען, איז געווען ביי אברהם דעם כּלי-זמר. אַברהם דער כּלי-זמר — דאָס איז אַ טיפּ פֿון איין אַרטיסט, איין אמת'ער מאַעסטראָ, וואָס פֿאַרדיענט באַשריבען צו ווערען.

אַ הויכער מענטש, אַ ברייטער, מיט אַ קיילעכיג ברייט פּנים, מיט קליינע אויגעלעך, געדיכטע ברעמען, שוואַרצע לאַנגע גע-גרייזעלטע האָר. העגט ברייטע, גראָבע, באַוואַכסענע. אַזוי, אַז די פֿידעל האָט אין זיינע הענט אויסגעזעהען ניט ווי אַ פֿידעל, נאָר ווי אַ פֿידעלע, אַ שפּיעלכעל. קיין נאָטען האָט ער ניט גע-קענט, און דאָך האָט ער געהאַט זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. און שפּיעלען האָט ער געשפּיעלט אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט ממש אויסגעהן אונטער זיינע הענט. דאָס איז געווען אַ מין סטעמפּעניו. און אפשר מיט אַ קאָפּ העכער פֿון סטעמפּעניו. אין לעבען איז ער אויך געווען אַ סטעמפּעניו. אַ מאָדנער פֿאַרשוין. אַ פּאָעטישע נאַטור און אַ גרויסער ליעבהאָבער פֿון שענע ווייבלעך און מייד-לעך.... דערפֿאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ ווייב — ניט אַזאַ שלאַק, ווי סטעמפּעניו'ס. אדרבה, זיין ווייב, אַברהמיכע די כּלי-זמרין, איז געווען פּונקט אַזוי ווי ער. אַ הויכע, אַ גרויסע, אַ שענע און אַ ברייטע. שוין אַ ביסעל צו ברייט. מע האָט פֿון איהר געקאָנט מאַכען דריי ווייבער. אויך מיט'ן כאַראַקטער איז זי געווען ווי צוויי טראָפּפֿען וואַסער איהר מאַן. ביידע זענען קיינמאָל ניט געווען אויפֿגערעגט, תּמיד פֿריילעך, אויפֿגעלעגט, שטענדיג געלאַכט, און ליעב געהאַט גוט עסען, גוט טרינקען, גוט לעבען. איז געווען פּאַרוואָס — האָט מען איינגעקויפֿט דאָס בעסטע און דאָס שענ-סטע. איז ניט געווען — האָט מען פֿאַרוואָרפֿען די ציהן אויף דער פּאָליצע און געוואַרט ביז גאָט וועט צושיקען אַ פֿאַרדיענסטעל, וועט מען קוילען אַ הערינג און מע וועט געבען אַ לעב-אונטער

אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. מיט קינדער האָט זיי גאָט אויך ניט פאַרזעהען. עס איז געווען בּיי זיי אַ גאַנצע חאַליאַסטרע, און אַלע מיט געבאָרענע טאַלאַנטען. אַלע אויסגעצייכענטע מוזיקער אויף אַלערליי אינסטרומענטען — אַ זעלטענער אָרקעסטער.

אַהין האָט זיך דאָס אַריינגעחאַפּט דער מאָדערנער לעהרער פון פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט ער זיך געפיהלט, ווי אַ פיש אין וואַסער. דער מאַעסטראָ אַליין האָט איהם געלעהרענט פּיעדעלשפּיעלען. געצאָהלט האָט ער גאָרנישט. אברהם דער כּלי־זמר איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פאַר אַזאַ הייליגע זאַך, ווי די געטליכע מוזיק, נעמען געלט. „נאָר אויב דער לעהרער איז רייך אין אַ פּאָר גראָשענס, בעט ער בּיי איהם אַ גמילות־חסד׳על“. דאָס אייגענע אויך זיין ווייב, אברהמיכע די כּלי־זמרין. זי באַדאַרף גראָד אַציגנד האָבען עטליכע קאָפּיקעס אין מאַרק אַריין... „וועט זיך ניט געפינען בּיי אייך עפּיס קליינגעלט אין קעשענע?“

פאַרשטעהט זיך, אַז קליינגעלט וועט זיך תּמיד געפינען. און אַזוי ווערט ער דאָרט אַ היימישער, אַ בּן־בית, איין אייגענער — און דאָס איז געגוג פאַר זיינע קאָנקורענטען די לעהרערס, זיי זאָלען איהם באַרעדען, באַוואַרפען מיט שמוץ, איהם און דעם כּלי־זמר מיט דער כּלי־זמרין מיט׳ן גאַנצען געזינדעל. זיי האָבען צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט, אַז אַלץ, וואָס דער פּערעיאַסלאַווער לעהרער פאַרדיענט, גיט ער אַוועק דער כּלי־זמרין, און אַז מע פראַוועט דאָרט אַלע נאַכט הוליאַנקעס, די כּלי־זמר שפּיעלען און זיי טאַנצען — ס׳איז חי געלעבט! עס געהט זיי ניט אָן, וואָס אָרעמעלייט געהען־אויס פון הונגער און קליינע קינדער שטאַרבען... דער, וואָס דערצעהלט, מאַכט אַ פרום פּנים און פאַרגלאַנצט די אויגען אַרויף, און די, וואָס הערען, שפּייען־אויס.... וואָס פאַר אַ סמיכות־הפּרשיות איז דאָס מיט אָרעמעלייט? און וואָס האָט דאָס צו טהון מיט קליינע קינדער? וואָס באַטייט דער שפּיי? — דאָס דאַרף מען ניט פרעגען. דאָרט, וואו עס האַנדעלט

זיך אום קאָנקורענץ, שווייגט דער געזונטער פאַרשטאַנד. קורץ, ער האָט קוים דערצויגען דעם זמן און איז אַנטלאָפען פון דעם פאַרשאָלטענעם שטעדטיל אַהיים, מורא געהאַט אפילו זיך אַרומ-קוקען צוריק, פאַרזאָגט קינדער און קינדס-קינדער מעהר קיין שטונדען אין די קליינע שטעדטלעך ניט געבען. ער האָט באַשלאָסען צו זוכען זיך איין אַנדער קאַריערע אין לעבען.

63

ווי׳עדער אין דער היים

די זיסקייט פון צוריקקעהרען אהיים. — ער באַגעגענט זיך ווי׳עדער מיט זיין חבר אלי. — מע שמועסט אין שטאָדט, אַז ער שרייבט אין „המגיד״. — דאַרווין, באָקל און ספּענסער. — צוויי טיפּען פון די אַמאָליגע ערשטע „עקסטערנעס״.

קיין נאָמען קלינגט ניט אַזוי שען, ווי דער נאָמען „מאַמע״. קיין וואָרט רעדט ניט אַזוי צום האַרצען, ווי דאָס וואָרט „היים״. אַז מען וויל קענען און אָפּשאַצען די היים, זאָל מען האָטש אויף אַ קורצע צייט זיך אַוועקלאָזען, זיך וואַלגערען אַ ביסעל אין דער פרעמד און דערנאָך אומקעהרען זיך צוריק אַהיים, אין דאָס היימישע נעסט אַריין. יעדע זאַך באַקומט איין אַנדער פּנים, איין אַנ׳ער חן. אַלסדינג ווערט צוויי מאָל אַזוי ליעב און טייער. מע פיהלט זיך איין אי׳בערגעבי׳טענער, אַ ניי־געבאָרענער אויף דער וועלט.

דער העלד פון די דאָזיגע געשיכטעס, אַז ער איז געקומען אויף ראש־השנה אַהיים, האָט ער זיך צום אַלעם ערשטען געלאָזט איבער דער שטאָדט שפּאַציערען, אויסגעמאָסטען אַלע גאַסען, גע־פונען אַלע הייזער און הויפען און גערטנער אויף זייערע ערטער. די מענטשען, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָבען זיך ווינציג־וואָס איבערגעביטען. זיי האָבען איהם פריינטליך געגריסט, און ער איז צו אַלעמען געווען פריינטליך, ווי וויט ער האָט געקאָנט. נאָר דאָס יונגוואַרג, וואָס ער האָט אַוועקגעלאָזט, האָט זיך אויפגעהאַפּט

אויף די פים און איז אַ ביסעל אונטערגעוואַכסען. און אַליין איז ער, ווי מע האָט איהם פאַרזיכערט, אויך אויסגעוואַכסען, געוואָרען „מענעשער“. דערצו האָט ער זיך אויסגעקליידט משאַקענדיג און קנאַקענדיג, ניט געזשאַלעוועט קיין סקריפּעס אין די שיך, אָפּצאַסען הויכע, הויזען ברייטע און לאַנגע — נאָך דער מאָדע. אַ רעקעלע אַ קורץ, אַ קאַפּעלישעל אַ ווייכס, אַ העלם, אַ ביסעל געלבליך. די האָר פאַרלאָזט לאַנגע, מעשה פּאָעט, און פאַרקעמט אַראָפּ, אַלאַ גאָגאָל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזעהען זיין חבר אלי, וועלכער איז אויך נאָר־וואָס געקומען צו פאָהרען אויף יום־טוב אַהיים, פון זשיטאָמיר. זיין אוניפאָרם איז באַשטאַנען פון אַ קורץ ווייטיקעל, פאַרשפּיליעט, ווי אַ טוזשורקע, ביז אַרויף. קורצע שמאָלע הויזען, אַ בלויער קאַשקעט מיט אַ ברייטען דאַשעק, און אָפּגעשוירען, ווי אַ סאָלדאַט. די ברוסט אַרויסגעשטעלט, די ציינער ווייס, די אויגען פריילעך — ער קאָן זיך גאָר זאַט ניט אָנדערצעהלען, ווי גוט עס איז אין אינסטיטוט. מע געהט־דורך, זאָגט ער, העכערע מאַטעמאַטיק, מע לייענט רוסישע ליטעראַטור, מע לערענט גימנאַסטיקע, און אידיש — אויפ׳ן שפּיץ מעסער: אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטעל פּסוק, אַ שטיקעל היי־אָדם — און פאַרטיג. „אָט דאָס איז די גאַנצע תורה פונ׳ם לעהרער־אינסטיטוט? אָט דער אלי וועט עס זיין אַ אידישער לעהרער? אַ רב ביי אידען?“...

אויך איז ער געוועזן איבערראַשט פון דעם, וואָס זיין חבר אלי האָט געבראַכט צו פיהרען פון דעם אידישען זשיטאָמירער לעהרער־אינסטיטוט אַ גאַנצען פּאַק מיט רוסישע ליעדער, און גישט איינם אַ אידיש. גלייך ווי ער וואָלט דאָס געקומען צו פאָהרען פון אַ „בורסע“, פון אַ גוישער סעמינאַריע. דאָס האָט אָבער ניט געשאָדט, זיי זאָלען בלייבען די זעלבע חברים, וואָס געווען. שטענדיג אינאיינעם. אומעטום אינצווייען. ביידע האָבען געהאַט גענוג שטאָף אויף צו רעדען, און נאָך מעהר — אויף צו לאַכען.

און אָפּשפּעטען פון דער גאַנצער שטאָדט. און ווי אַמאָל, אין די גוטע יאָהרען, איז מען אַוועק צום טייך, געדונגען אַ שיפעל און אַריבערגעפאָהרען וויט, הינטער דער שטאָדט אַרוים.

וף זומער. די קעלט האָט נאָך ניט אַריינגעטרעטען. נאָר דאָס פעלד איז שוין ניט מעהר גרין. נישטאָ שוין קיין זכר פון די ווייסע און רויטע מאַרגאַריטקעס. דער אָטשערעט שטעהט נאָך אין דער בלאָטע. נאָר ער איז שוין געל און שיטער. רויטליך איז דאָס וועלדעל. אַוועק די צייט פון אויסציהען זיך אויף דער ערד. די ערד איז פייכט און זומפיג. די חברים זוכען־אָפּ איין אויס־געהאַקטען בוים אין וואַלד און זעצען זיך אַוועק אַ ביסעל רוהען. און מע דערצעהלט זיך איינס דאָס אַנדערע אַלסדינג, וואָס יע־דער האָט דורכגעמאַכט דאָס ערשטע האַלבע יאָהר פון זייער צע־שיידען זיך. מע לאָזט ניט דורך קיין קליינינקייט, קיין ברעקעל. עס ווערט איבערגעגעבען יעדער איינדרוק, יעדע באַגעגעניש, איט־ליכע געשעהעניש. און נאָך מעהר קוניץ, וואָס ביידע אינאיינעם רעדען, ביידע לאַכען, שלאָגען זיך איבער איינס דאָס אַנדערע אין דער רעכטער מיט — און דאָך הערט מען זיך און מע פאַרשטעהט זיך און מע האָט הנאה.

דערנאָך ווערט מען אַנשוויגען. יעדער פאַרטיעפט זיך, קוקט־אַריין צו זיך אין דער נשמה אַריין, בלייבט אַליין מיט זיינע גע־דאַנקען. מען איז טאַקי נאָהענטע חברים. מע האָט זיך געהרען. מע זאָגט־אַרוים איינער דעם אַנדערען אַלץ, נאָר ניט אינגאַנצען. ניין, ניט אינגאַנצען, ניט אינגאַנצען. יעדער איינער האָט זיך זיינע געדאַנקען, זיין אידעאַל, זיין אייגען וועלטעל, וואו קיין אַנדערער, עס מעג זיין דער בעסטער חבר, האָט קיין שליטה....

עס הויבט־אָן ווערען ווי קיהלבליך. אויסגעלאָשען דער טאָג. די זון זעצט זיך. דער וואַלד ווערט פאַרצויגען, ווי איינגעהילט אין אַ דיגים רויך. עס פאַלט־אַראָפּ אַ שישקע מיט אַ וויעדער־קול. ביידע האָפּען זיך אויף ווי פון אַ כישוף.

— צייט פאָהרען אַהיים?

— ציים פאהרען אהיים.

און מע הויבט זיך אויף. און מע שפאנט־דורך דאס גאנצע פעלד דורך איין אויסגעטרעטענע קרומע, שמאלע סטעזשקע. מע זעצט זיך אריין אין שיפעל און מע זינגט א ליעדעל (א גוייש, ניט קיין אידיש), און מע גליטשט זיך איבער׳ן שמאלען גע־דרעהטען טייכעל, פארביי דעם געלען אטשערעט. און אז מע קומט אהיים, איז שוין פינסטער. די באקען פלאמען. די אויגען גלאנצען. דער אפעטיט איז גרויס. מע האט געהענדיג געקויפט א זיסען קאווען (ארבוז, וואסערמעלאן), מיט צוויי פרישע, ווייכע, נאך ווארעמע פראנזעלען. און מע פראוועט א וועטשערע. און מען איז פרייליך. און עס לאכט זיך גאר אהן א ווארום און אהן א זין.

דער זייטיגער האט געקאנט מיינען, אז ביידע זענען גלייך צופריעדען, גלייך גליקליך — יונגע, געזונטע קינדער, וואס פעהלט זיי? אין תוך אריין איז אבער נאר איינער פון זיי (אלי) געווען באמת א גליקליכער. דער צווייטער (שלום) האט זיך געפיהלט אנגעבראכען, ניט אויפ׳ן ריכטיגען וועג. זיין איינציג שטיקעל טרייסט איז געווען דאס, וואס די שטאדט האט געקלונגען מיט זיין הפטרה־זאגען אין בית־מדרש און מיט זיין קענען תנ״ך און העברעאיש און מיט זיין שרייבען. אלץ אזעלכע זאכען, וואס פאר זיין חבר אלי איז דאס א סוד. ניט פאר איהם געדאכט. ווי קומט צו אלי׳ן אזא אידיש שרייבען? לשון־קודש? מליצה? דערויף איז נאר ער, נחום ראבינאוויטש׳עס זוהנדעל, קלאר אין אלע השכלה־ביכלעך, ווי א וואסער. לייענט דעם „המגיד“. א וואונדער, וואס ער אליין שרייבט נאך ניט אין „המגיד“. נאר פון וואנען ווייסט מען, אז ער שרייבט ניט? אפשר שרייבט ער אונטער א פארשטעלטען נאמען?...

אזוי שמועסט מען אין פערעיאסלאוו. און מע רינגעלט איהם ארום מיט א באזונדערען ארעאל, און ער וואכסט־אויס ביי זיך

אַליין אין די אויגען מיט אַ קאָפּ העכער. און ער ווערט סאָליד. ער זוכט ניט מעהר קיין חבר'שאַפט מיט קיינעם פון די פריהעריגע וויסע=חברה'ניקעם. ער פאַרשרייבט זיך אין דער שטאָדט=ביבליאָטעק. טראָגט אַהיים גראָבע ביכער. לייענט ד אַ ר וו י ן, ב אָ ק ל, ס פּ ע נ ס ע ר. שאַרט זיך אַרום די גרויסע, באַריהמטע, אויפגעקלערטע בחורים אין שטאָדט. בחורים אויטאָדידאַקטען. אַזעלכע, וואָס האָבען אַליין, מיט זייער זיצען און קוועטשען די באַנק, דורכגעמאַכט אַ גאַנצען קורס, בייגעקומען לאַטיין און גריכיש, דורכגעגאַנגען געאָמעטריע און אַלגעברע, און טריגאָנאָ=מעטריע, און פּסיכאָלאָגיע, און פילאָזאָפיע, גרייט געווען האָטש היינטיגען טאָג אַריינטרעטען גלייך אין אוניווערסיטעט אַריין. זיי האָבען נאָר ניט אויף דער הוצאה. צוויי טיפּען פון די אַמאָליגע ערשטע עקסטערנעם. איינער האָט געהייסען חייטע רודערמאַן, דער אַנדערער — אַברהמעל זאָלאָטושקין. ביידע זענען טוידט און פאַרדיענען באַשריבען צו ווערען האָטש אין עטליכע שורות אין די דאָזיגע זכרונות.

חייטע רודערמאַן איז געזעסען ווייט הינטער דער שטאָדט אַרוים, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און פון מענטשען. דאָס איז געווען אַ זוהן פון דעם מלמד משה=דוד רודערמאַן, וועלכער איז באַשריבען אינ'ם ערשטען טייל פון דער ביאָגראַפיע, און אַ ברודער פון שמעון רודערמאַן, וואָס האָט געהאַלטען ביי שמד'ען זיך, נאָר די שטאָדט האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט פון מאָנאַסטיר און אַוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער=שול. חייטע איז גאַרניט געווען געראָטען אין זיין בלאַסען, יאַדישליווען ברודער שמעון. דאָס איז געווען אַ בחור אַ געזונטער, אַ ברייטבייניגער, אַ שענער יונגאַטש מיט רויטע פּוכקע באַקען. משה=דוד דער מלמד איז געשטאָרבען פון איין אַסטמאַ=הוסט, און זיין ווייב די אַלמנה, חייטע'ס מוטער, איז געוואָרען אַ סאַרווערקע אויף פרעמדע חתונות, געבאַקען לעקאַכער. דאָס האָט איהר געגעבען מיטלען צום לעבען און אויסצוהאַלטען איהר זוהן, וואָס האָט געוואוסט נאָר איין

זאַך — ביכער, ביכער און ביכער. מיט קיינעם אין דער וועלט האָט זיך חייטע ניט אָנגעקערט. זעלטען ווער עס האָט זוכה געווען מיט איהם צו רעדען. נאָר אַלע האָבען געוואוסט, אַז חייטע קען, חייטע איז קלאָר אומעטום, חייטע איז טיעף. ווער עס האָט געהאַט אַמאָל אַ זכיה מיט איהם צו באַגעגענען זיך, איז געווען איבערראַשט פון אָט דעם באַהאַלטענעם פילאָזאָף. חייטע, אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער געשאָטען מיט פייער, געמאַכט אַ תל פון אַלץ און פון אַלעמען, מבטל געווען די גאַנצע וועלט. זיין צונג איז געווען אַ פייל. זיין געלעכטער איז געווען גאַל. זיין וויץ איז געווען גיפט. פון וואַנען האָט דער פרוש אַזוי געקענט די וועלט? דאָס בלייבט אַ סוד און אַ רעטעניש אויף אייביג. איינמאָל אין אַ זומער האָט ער זיך אָפגעבאָדען אין טייך, פאַרקיהלט זיך און איז פון טובערקולאָז, אַ בחור פון צוויי און צוואַנציג יאָהר, געשטאָרבען.

דער צווייטער פילאָזאָף-אויטאָדידאַקט, אברהמעל זאָלאָטושקין, איז שוין געווען ניט קיין פרוש, ניט קיין פאַרבאָרגענער. אַ יונג אַ פרייליכער, אַ הייסער ברונעט, מיט פייעריגע שוואַרצע אויגען, מיט שוואַרצע, שטאַרק-געגרייזעלטע האָר, אַליין אויך אַ שוואַרצער, ווי איין אַראַב, מיט ווייסע לאַכענדיגע ציינער, אַ ביסעל אַ הייזעריגע שטימע, ליעב געהאַט אנטהון זיך, ווי איין אייגלענדער, קעסטעלדיגע הויזען, אַ מאָדנע מיצעל אויפ'ן קאָפּ, און ווינטער אַ מגושם'דיגען הענגקאָלנער. אנגעלייענט איז דער זאָלאָטושקין געווען, ווי אַ פויק. געקענט הײנע אויף אויסווענינ. נאָר ליעב האָט ער געהאַט דיקענס און טעקערײ, סוויפט, סערוואַנטעס און אונזער גאָגאָלען. און איז אַליין אויך געווען אַ הומאָריסט. דאָס הייסט, ער האָט שטילערהייט פאַר זיך געשריבען אַ סך הומאָריסטישע זאַכען, און קיין איינציגע שורה נישט געוואָלט ניט אָפדרוקען, ניט באַווייזען קיינעם. בטבע געווען אַ גרויסער עקשן, אַ צו-להכעיס'ניק, איין אָפשפּעטער און אַ פאַרטיעפטער אין זיך. געלעבט האָט ער פון דעם, וואָס ער איז געווען אַ שרייבער כל-ימיו אין דער מעשטשאַנסקי אופּראַווע. זיין כתב-

יד איז געווען פונקט אַזוי געגרייזעלט, ווי זיינע האָר. ער איז געשטאָרבען איין אַלטער בחור אַריבער פערציג.

אַט דאָס זענען געווען די צוויי גרויסע שטערען, אַרום וועלכע שלום האָט זיך געריבען און פון וועלכע ער האָט גענאַשט וויפיעל עס האָט זיך געלאָזט. צווישען זיך זענען די צוויי שטערען, חייטע רודערמאַן און אברהמעל זאָלאָטושקין, געווען פייער מיט וואַסער. זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט באַגעגענט און נישט געקענט אפילו. און דאָך האָבען זיי זיך אַזוי פיינט געהאַט, אַז מע האָט נישט געטאָרט דערמאָנען פאַר איינעם דעם אַנדערענ׳ס נאָמען. מיר וועלען זיך נאָך מסתמא באַגעגענען מיט זיי אין אונזערע וויטערע באַשרייבונגען.

64

ער פאהרט אויף אַרייכע שטעלע

„פוסטעפּאַס“. — ישראל בענדיצקי גיט איין עצה, און דער פאָטער שרייבט אַ בריעף צום „מאַגנאַט“. — ער לאָזט זיך ווידער אין דער וועלט אַריין און בלייבט מיט איין פּיטאַקעל. — ביי די טויערען פון גן־עדן. — דער קאָלטער ברוך־הבא.

וואָס וועט זיין ווייטער?

פון אַלע פּראָפעסיעס, וואָס זענען פריהער געווען אַ גאַנצער שלל, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די שטונדען האָבען זיך צעקראָכען. פאָהרען שטודירען — איז ניט געווען מיט וואָס. זיצען ביי'ם טאַטען אויף קעסט איז אויך ניט זעהר ליעב. ובפרט נאָך דעם, ווי מען איז שוין געווען אַ זעלבסטשטענדיגער מענטש פאַר זיך. און חאָטש דער טאַטע האָט געקלויבען תענוג פון זיין זוהן דעם קענער און דעם משכיל, דאָך האָט דאָס איהם געקרענקט און געעלטערט, וואָס זיין זוהן געהט־אַרום בטל אָהן אַ שום אַרבייט. וואָס וועט זיין דער תכלית? און די שטיפמאַמע, וועלכע האָט געהאַט געקוקט אויף דעם זעלבסטשטענדיגען שטיפזוהן מיט אַ געוויסער דאָזע פון רעספּעקט, האָט אַצינד מיט אַ מאָל פאַרלוירען דאָס גאַנצע ביסעל דרך־ארץ פאַר'ן „פוסטעפּאַסניק“. זי האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען איהרע אַמאָליגע זאַכען: קוקען מיט איין אויג, אַריינוואַרפען אַ שטעכווערטעל, זאגען דער שוויגער און מיינען די שנור... דאָס אַלץ האָט דעם טאַטען מקצר־ימים געווען,

און דער העלד אַליין האָט פאַרטיעפט זיך אין זיינע ביכער, אָדער אָנגערוקט דאָס היטעל, גענומען דאָס שטעקעלע און אַוועק צו זיינע אויבענבאַשריבענע באַקאַנטע פילאָזאָפען, צו חייטע רודערמאַן אָדער צו אַברהמעל זאַלאָטושקין. מיט זיי האָט ער ליעב געהאַט צו דיסקוטירען וועגען אַבסטראַקטע זאַכען, וועלט=פּראָבלעמען. חייטע רודערמאַן, דער פעסימיסט, האָט, ווי זיין שטייגער איז, געזידעלט די גרעסטע מענטשען, נישט אָנערקענט קיין אויטאָ=ריטעטען, געפייפט אויף דער גאַנצער וועלט. דערפאַר האָט אָבער דער אָפּטימיסט זאַלאָטושקין ציטירט פון היינע און בערנע גאַנצע שטיקער מיט אַ באַזונדערען ניגון, געגרייזעלט בעת מעשה דעם טשובּיק פון זיינע געגרייזעלטע האָר און זיך אנגעוואַרעמט מיט אַזאַ התלהבות, ווי אַ פאַרברענטער חסיד, בעת ער זאָגט=נאָך דעם רבינ׳ס תורה.

דאָס אַלסדינג איז אָבער געווען נישט מעהר ווי אַ מיטעל אויף די צייט צו פאַרטרייבען. עס האָט זיך געפיהלט אַ פוסטקייט אין דער נשמה און איין אומזיסט=פאַרלירען פון צייט און פון ענערגיע. עס האָט זיך געבענקט נאָך אַרבייט. עס האָט זיך געריסען אין דער וועלט אַריין. עס איז ניט ליעב געווען דאָס לעבען. זיך אַליין נמאס. נמאס און מאוס

נאָר דער גאָט, וואָס פאַרלאָזט ניט קיינעם, האָט זיך אומ=געקוקט אויך אויף דעם פאַרלוירענעם העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע. איהם איז געקומען צו היילף זיין טאַטענ׳ס אַ גוטער פריינט מיט׳ן נאָמען ישראל בענדיצקי. דער דאזיגער פאַרשוין, האָטש ער איז, אייגענטליך, געווען ניט מעהר ווי אַ כלי=זמר, דאָך האָט ער געשפיעלט אין שטאָדט אַ ראָלע פון אַ זעהר אָנגעזעהענעם בעל=הבית. געשפיעלט האָט ער נאָר אויף געהויבענע רייכע חתונות, זיך גערעכענט פאַר דירידזשאָר און קאַפּעלמייסטער. זיין הויפּט=געשעפט איז געווען — אַ רייכע פּריצישע אַכסניה. ער איז אויך געווען דער איינציגער פאָטאָגראַף אין שטאָדט. דערצו איז ער

געווען גלאַט אַ שענער איד, אַ הויכער, איין אויסגעפּוצטער, מיט אַ זעלטען-שענער קיילעכיגער שוואַרצער באָרד. געטראָגען אַ שוואַרצען געווענטענעם הענגקאָלנער, אַ הויכען קאַפּעליש און לעדערנע קאַלאָשען מיט מעשענע אָבצאַסען. אַ צינגעל האָט ער געהאַט אַ געשליפענעם, גערעדט זיס און קיילעכיג און מעהר אויף רוסיש: „ווידטילי"... „מעזשדו פּראָטשים"... „סליעדאָוואַטעלנאָ"...

דער דאָזיגער בענדיצקי איז געווען איין אָפּטער אַריינגעהער אין קלוב, דאָס הייסט, צו ראַבינאָוויטשען אין דער „טאַבאַטשנע"— אַ ביסעל שמועסען. איינמאָל איז מען געזעסען אַזוי און גע-שמועסט, דערצעהלט בענדיצקי, ווי אַ מסיח לפי תומו, אַז די טעג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איהם איינער אַ איד, איין עושר, אַ גביר, איין אַדיר, אַ מאַגנאַט, מיט'ן נאָמען ק. זיצען זיצט דער דאָזיגער „מאַגנאַט" אין אַ קליין שטעדטעלע אין ט. (קיעווער גובערניע). מע קאָן זאָגען, אַז ס'איז אַ דאָרף, ניט קיין שטעדטעל. און ער האָט קינדער, צו וועלכע ער זוכט מיט ליכט עפּיס אַ רעכטען לעהרער, אַ רעפּעטיטאָר, אויף אידיש און רוסיש צוזאַמען. נאָר דער לעהרער זאָל זיין אַ געראָטענער, אַ קענער, און, מעזשדו פּראָטשים, אַ טאַטענ'ס אַ קינד.

לאָזט זיך אויס, אַז דער טאַטע קען דעם דאָזיגען „מאַגנאַט" נאָך פון לאַנג. אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, אַז דער „מאַגנאַט" ק. איז נאָך געווען אַ קליין מענטשעלע, זיך געדרעהט אַרום אַ פּריץ, איז ער געשטאַנען סטאַנציע ביי ראַבינאָוויטשען אין דער אַלטער אַכסניה און געווען דאָס, וואָס מע רופט אָן אַ „גוט ברודערל". דערהערט אַזאַ מעשה, רופט זיך אָן בענדיצקי: „סליעדאָוואַטעלנאָ, האָט דאָך גאָט אַליין מיך געשיקט צו אייך פאַר אַ שליח! אויב אַזוי, וועל איך אייך געבען איין עצה, אַז איהר זאָלט באַלד אַוועקזעצען זיך און אָנשרייבען אַ רעכטען, אַ פיינעם בריעף, מעזשדו פּראָטשים, אויף לשון-קודש, אַזוי ווי איהר קענט און אַזוי ווי אַזאַ מאַגנאַט שטעהט-אָן, און דער בחור, ווידטילי, זאָל ניט מעדליווען און זאָל גלייך אַוועקפאָהרען מיט דעם דאָזיגען בריעף

קיין ט. און פאַרנעמען די שטעלע, און סע זאָל זיין אין אַ גוטער שעה — אָמן".

און אַזוי איז דאָס טאַקי געווען. עס איז באַשאַפען געוואָרען אַ בריעף, אַ שענער פייערדיגער מליצה־בריעף מיט אַזאַ שענער שפּראַך, אַז עס קאָן ריהרען אפילו אַ שטיין. דער טיטעל אַליין האָט פאַרנומען דריי לאַנגע שורות, אין וועלכע עס זענען געווען אויסגערעכענט אַזוי פיעל מעלות און שבחים, אַז ווען אפילו דער „מאַגנאַט" זאל פאַרמאגען נאָר אַ דריט־חלק פון זיי, וואָלט ער אויך געקאָנט זיין אַ אידעאַל פון אַ מענטשען... אָנגעוואָפענט מיט אַזאַ שטאַרקער פּראטעקציע, לאָזט זיך דער יונגער רעפּעטיטאָר אַוועק נאָך אַ מאָל אין גאָט'ס וועלט זוכען גליק. קיין איבעריגע געלטען מיט זיך, דאַרף מען דעם אמת זאָגען, האָט ער ניט מיטגעפיהרט. קיין אַקרעדיטיווען אין די בענק האָט ער אויך ניט געהאָט. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט פאַרדיענט פון זיינע שטונדען, האָט ער דעם גרעסטען טייל פאַרטראַנזשירט, זיך אויסגעקליידט, ווי אַ פּרינץ. דאָס איבעריגע האָט צוגענומען די באַהן. הייגט איז מען דאָך עפּיס אַ לעבעדיגער מענטש. אויף יעדער סטאַנציע שטעלט מען זיך אָפּ. די פּאַסאַזשירען שיטען־אַרויס פון די וואַגאָנעם און לויפען־צו צום בופעט. מע חאַפּט זיך צו, ווער צו די פלעשלעך מיט די גלעזלעך, ווער צו די הייסע פּירעזשקעס. ווער עס הייסט זיך געבען אַ גלעזעל טיי און ווער אַ פלעשעל סאָדע־וואַסער. מע טרינקט דאָס אויס על רגל אַחת און מע באַצאָהלט דעם קעלנער טרינקגעלט פון דער ברייטער האַנט, מעשה באַנקיר, אָדער אָפיציער — לאָז ער וויסען דרך־ארץ, — און אַזוי איז אויף יעדער סטאַנציע. דאָס ביסעל מינץ ווערט צעקראָכען, צעגאַנגען, אַזוי ווי שניי אויף דער זון. אין בייטעלע באָמבעלט זיך נאָך עפּיס אַ מין פיטאַקעל. נאָר ווער טראַכט וועגען דעם? אַ מענטש פאָהרט אויף אַ גרייטער זאַך. אַזאַ שטעלע! און אָנגעוואָפענט מיט אַזאַ פּראָטעקציע — וועמען הערט ער?

• • • • • • • • • • • • •

און אַז ער איז געקומען קיין מ., אַרום פֿאַרנאַכטליך איז דאָס געוועזן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז נקי, ריין פֿון געלט, פֿאַרמאָגט זיין איינענעם דאָס איינע פּיטאַקל. און דאָך האָט ער אַפילו אויף קיין מינוט זיך ניט פֿאַרטראַכט. אַדרבה, ער האָט זיך געפֿיהלט אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין זיין לעבען. דאָס אַליין, וואָס ער איז פֿריי געוואָרען פֿון די רזשישטשעווער אינטריגאַנעם-לעהרערס, טאַראַקאַנעס און וואַנצען — וואָס איז עס ווערטה? מיט פֿולע לונגען האָט ער אַריינגעאָטעמט אין זיך די געזונטע אָסינדיגע לופֿט. די זון איז שוין לאַנג פֿאַרשוואונדען אויף יענער זייט וואַלד, וואָס האָט געשמעקט מיט דעמבענעם און סאָסנאָווען ריח.

אַרויסגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן, האָט זיך דער יונגער רעפּעטיטאָר געלאָזט גלייך צום גביר — איהם איבערגעבען דעם בריעף. פֿאַרגינט זיך אַזאַ „מאַגנאַט" צו זיצען העט-וייט אין אַלדי גוטע יאָהר אַרויס פֿון דער שטאָדט, אין אַ ווייסען פּאַלאַץ מיט אַ גרויסען גרינעם גאָרטען, אַרומגעגרייזעט מיט געפֿאַרבטע שפּיצעכיגע צאַצקעדיגע שטאַכעטען. צוטרעטען צו איהם איז ניט אַזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פֿאַרשטעלען. ערגער ווי צו אַ פּריץ. נאָר אַז מען איז אָנגעלאָרען מיט אַזאַ שטאַרקער פּראָטעקציע, קאָן מען שוין געהן אַפילו צום קייסער אַליין... אַזוי טראַכט זיך דער העלד, נאָר ער האָט אַ טעות. וואָרום נאָך אַלעמען איז דער גן-עדן גאָר ניט אַזוי גוואַלדיג, ווי דער וועג, וואָס פֿיהרט צום גן-עדן. אַ סברה, אַז איידער מע טרעט-צו צו אַזאַ גביר, מוז מען דורכגעהן פֿריהער אַלע שבעה מדורי גיהנם. ביי אַזאַ „מאַגנאַט" איז פֿאַרהאַן דריי זאַכען, וואָס מע מוז פֿריהער דורכמאַכען, איידער מען איז זוכה צו זעהען זיין פּנים. און אַפילו, אַז איהר האָט שוין דורכגעמאַכט אַלע דריי זאַכען, זענט איהר נאָך אַלץ ניט פֿאַרטיג. איהר קאָנט געהן און געהן און אַוועקגעהן מיט דעם, וואָס איהר זענט געקומען. וואָס זענען די דריי זאַכען? — 1) אַ סטרוזש, אַ הויכער טרוקענער ערל מיט קרומע פֿיס. אַז ער געהט, קאַטשעט

ער זיך. זיין נאָמען איז פאַנטאַליי און זיין עובדה — ער זיצט ביי׳ם טויער, אַזוי ווי, להבדיל, מרדכי דער איד ביי׳ם קעניג אחשורוש. 2) אַ שוואַרצער כלב, אַ בלינדער אויף איין אויג, אַזוי ווי בלעם. זיין נאָמען איז זשוק. דעם דאָזיגען כלב שבכלבים האַלט מען צוגעבונדען צו אַ בוים אויף איין אייזערנער קייט — אַניט וואָלט ער דורס געווען מענטשען. און 3) אַ יונג אַ משרת, וואָס טראָגט אַ קויטיגע מאַנישקע, אַ גאָלדענעם רינג און געהט פאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקוראַט אין מיטען קאָפּ. די שוואַרצע האָר שטאַרק אָנגעשמירט מיט פעטען און שמעקען מיט אַ ריח פון אָדעקאָלאָן, געמישט מיט ציבעלעס, נאָר די אויערען זענען פול מיט בלאָטע און די נעגעל אַרומגעברעמט מיט שוואַרצען. דורכגעהן אָט די דריי אינסטאַנציעס איז ניט פון די קלייניגקייטען. קודם־כל דאַרפט איהר זיך באַקענען מיט׳ן סטרוזש פאַנטאַליי, וואָרום אַז ער דערזעהט אַ פרעמדען מענטשען, טהוט ער איהם אַ פרעג: „שטאָ נאַדאַ?“ געהט דערצעהלט פאַנטאַלייען אַ מעשה וועגען אַ בריעף און וועגען אַ שטעלע. איז אָבער פאַנטאַליי נישט קיין שלעכטער גוי. אַ „פיטאַקעל“ איז ביי איהם אַ מטבע. אַוועק־געשוואומען דאָס איינציגע, דאָס לעצטע פיטאַקעל!... דערפאַר איז פאַנטאַליי אַ גוטער ברודער. אַ סך ערגער פון דעם ערל איז זשוק. דער כלב איז טאַקי אויף אַ קייט. נאָר אַ הונט בלייבט אַ הונט. ער בילט און שפּרינגט און רייסט זיך, דער כלב שבכלבים, מיט אַלע כוחות, אַ גליק, וואָס פאַנטאַליי איז דאָ ביי דער זייט. שרייט ער אָן אויף איהם, שעלט איהם מיט טוידטע קללות און זאָגט איהם מוסר — אַ גאַנצע דרשה. נאָר שווערער פון אַלץ איז די דריטע אינסטאַנציע — דער משרת. דער האַלט זיך גאָר פאַר אַ גאַנץ קנעפּעל, פרעגט־אויס ביי אייך איטליכס ברעקעל, נעמט־אָפּ איין עקזאַמען: ווער איהר זענט? פון וואַנען איהר קומט? און וואָס איהר דאַרפט? אַ יונג אַ בלאַזען. מיט איהם איז גלייכער איהר זאָלט זיך האַלטען פון דערווייטען, קוקען אויף איהם פון אויבען אַראָפּ. אַניט — וועט ער אייך קריכען אויפ׳ן

קאָפּ. דער העלד פון די געשיכטעס ווייסט עס פון זײַן אייגענעם ערפאַהרען. דער משרת האָט איהם אַ נעם געגעבען אויפ'ן צימבעל: פון ווענען איז דער בריעף? וואָס שטעהט אין בריעף? און וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט? אַ שטעלע? וואָסער אַ שטעלע? אין „זאַוואָד"? אָדער אין די „עקאָנאָמיעס"? אויב אין „זאַוואָד" — זענען אַלע שטעלעס פאַרנומען. און אויב אין די „עקאָנאָמיעס" — זענען אויך אַלע שטעלעס באַזעצט. סיידען אַ לעהרער-שטעלע? — זענען אָבער דאָ בעלנים איבער-גענוג. אָט געהט נאָך איינער מיט אַ ענגקאָלנער, זעהר אַ וואַזשנע לעהרער — האָט ער אָבער אַ חסרון: ער איז אַ שוטה, האָטש בראָקט איהם אין קרוים. דערפאַר האָט ער אַ מעלה, וואָס ער איז מיט אַ באָרד, וועלען די פּאַניטשלעך מיט די באַרישנים פאַר איהם האָבען דרך-ארץ.

— פאַר אייך ניט, ווייל איהר זענט נאָך יונג, וועלען זיי אייך אָפּדרעהען דעם קאָפּ... אונזערע פּאַניטשלעך מיט אונזערע באַרישנים — עס וואָלט געמעגט קומען אויף זיי אַ חלירע אין איין טאָג!...

אַזוי לאָזט-אויס דער משרת און פאַרבייסט מיט אַ שענעם יברכך, נעמט-צו בײַ'ם בחור דעם בריעף, לעגט איהם אַרויף אויף אַ זילבערן טעצעל און ווערט פאַרשוואונדען אין די ווייטע אַפּאַרטאַמענטען. אין עטליכע מינוט אַרום איז דער משרת געקומען צוריק מיט לעדיגע הענט און אָהן אַ שום רעזולטאַט. דעם בריעף האָט, זאָגט ער, דער „מאַגנאַט" געעפענט, אַ קוק געגעבען, און, בײַט געלייענטערהייט, אַוועקגעלעגט.

וואָס איז די מעשה? — דאָס וועלען מיר זעהען ווייטער.

65

אין חלום און אויף דער וואָהר

אויף דער סטאַנציע אינ׳ם קליין שטעדטעלע. — „בערעל דער רויטער״ טאַפּט ביי איהם ווערטער. — דער העלד לעגט זיך שלאָפען אַ הונגעריגער און געהט־אַוועק אין עולם־הדמיון אריין. — ווידער אַמאָל דער „אוצר״. — ער באַגעגענט זיך מיט אַ טאָכטער פונ׳ם „מאַגנאַט״, און פון זייגע חלומות לאָזט זיך אויס אַ טייך.

באַקומען ביי׳ם „מאַגנאַט“ פון ט. אַזאַ קאַלטען ברוך־הבא, האָט אונזער העלד פון דעסטוועגען נאָך ניט פאַרלוירען זיין קוראַזש און זיין האָפענונג האָט ער ניט אויפגעגעבען. ער האָט זיך געטראַכט: „וואָס אַ גביר אַ מאַגנאַט קאָן זיך פאַרגינען! אפשר איז איהם דער קאָפּ ניט דערביי? ניט היינט — איז מאָרגען“.... דערווייל די צייט שטעהט ניט. עס הויבט־אָן צו ווערען שטאָקנאַכט. מע באַדאַרף אַ טראַכט טהון וועגען נאַכטלעגער, אויסזוכען אַ סטאַנציע. ער האָט זיך געלאָזט זוכען און האָט אויסגעזוכט די איינציגע סטאַנציע אינ׳ם שטעדטעלע ט. — אַ שטיבעל אויף היהנערשע פיסלעך. דער בעל־הבית איז נאָך אַ יונגערמאַן, טאַקי דעם „מאַגנאַט׳ס“ אַ נאָהענטער קרוב. אַ איד אַ רויטער, מיט אַ רויט־פייערינער באָרד. זיין נאָמען איז „בערעל דער רויטער“. אַז ער רעדט, פאַרמאַכט ער די אויגען און שמייכעלט. אַ מאָדנער איד. ער אינטערעסירט זיך אייך מיט איטליכם ברעקעלע. ער דאַרף אַלסדינג וויסען, וואָס ביי אייך טהוט זיך, און איז גרייט צו יעדער צייט אייך באַהילפיג זיין מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגליך.

אַזוי זאָגט ער. ער קאָן אייך געבען איין עצה, פאָלגען אַ גאַנג, זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר אייך ביי זיין רייכען קרוב אין הויף, און טאַקי אונטערשטיצען מיט אַ באַשיידענעם וואַרעמעס, מיט אַ גלע־זעל טיי, עס שטעהט במילא אַ גרויסער סאַמאָוואַר מיט אַ משיי־ניק. טיי טרינקט ווער עס וויל און ווער עס וויל ניט.

אויסגעטאַפּט ביי'ם יונגען אורח, ווער ער איז און ווער זיין טאַטע איז, לאָזט זיך אויס, אַז ער קען איהם זעהר גוט. ער איז ניט איין מאָל געשטאַנען ביי זיין פאָטער אין דער אַכסניה. איז ער ביי איהם נאָך טייערער געוואָרען. גאָר איין אָנגעלעגטער גאַסט! וויבאַלד אַזוי, מעג ער זיך וואַשען און געהן צום טיש גלייך מיט אַלעמען. געפעלט ניט דעם גאַסט, וואָס מע קוקט אויף איהם, ווי אויף איין אָרעם-בחור... ער איז נאָך געניג גרויס ביי זיך, ער זאָל ניט וועלען עסען לאַסקאַווע ברויט ביי אַ אידען איין אָרעמאַן, וועלכער לעבט מסתמא פון די ברעקלעך, וואָס פאַלען אַראָפּ פון דעם רייכען קרוב'ס טיש... און ער טראַכט-אויס אַ ליגען, אַז ער איז גאָר נישט הונגעריג, אַז ער איז שוין אַ געגעסענער....

וויפיעל דער בעל-הבית, בערעל דער רויטער, מוטשעט איהם ניט, ער זאָל איהם זאָגען, וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט צו זיין רייכען קרוב, טאָמער קאָן ער איהם אַ טובה טהון, — וויל ער איהם ניט זאָגען. עס שטעהט איהם ניט אָן, אַז אַ זייטיגער איד, און נאָך אַ רויטער דערצו, זאָל זיך אַריינמישען אין זיינע געשעפטען.

בערעל דער רויטער טאַפּט ווערטער. דער בחור מאַכט זיך תמ'עוואַטע, גלייך ווי ער פאַרשטעהט ניט, וואָס דער איד מיינט. לאָזט זיך אויס, אַז דער איד ווייסט גאַנץ גוט, וואָס דער בחור דאַרף צו זיין רייכען קרוב. נאָר ער וויל דאָס הערען פון איהם אַליין. און ער דערצעהלט איהם אַ מעשה, באשר אַזוי ווי דער קרוב זיינער, דער „מאַגנאַט“, זוכט אַ לעהרער צו די קינדער, האָט ער אויסגעפּויקט איבער דער גאָרער וועלט, און עס האָבען

איך אַ לאָז געגעבען צו איהם לעהרערס, יונגע און אַלטע, מיט פּראָטעקציעס און רעקאָמענדאַציעס פון באָהסלאַוו, פון קאַניעוו און פון טאַראַשטשע — „אידען זוכען פרנסה, ווילען אַ שטיקעל ברויט“... אַזוי לאָזט־אויס בערעל דער רויטער, און די ווערטער „פרנסה“ און אַ „שטיקעל ברויט“ קלינגען פאַר אונזער יונגען העלד, ווי אַ באַלעדיגונג. און טאָמער איז קאַרג, גיסט־אונטער דער רויטער איד בוימעהל אויפ'ן פייער און זאָגט, אַז ס'איז אַ גאָט'ס רחמנות אויף די קאַנדידאַטען, „וואָרום זיי זענען נעבאַך הונגעריג“... עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז אָט דער רויטער איד ציעלט דאָס גראָד אויף איהם... דער איד ווייסט, אַפּנים אַז דער העלד לעגט זיך שלאָפען אַ הונגעריגער.

. . . .

ער ווייסט ניט, צי עס חלומ'ט זיך איהם, אָדער ער פאַנ־טאַזירט עס וואַכענדיג, נאָר עס שטעלט זיך איהם פאָר אַזאַ משונה־מאָדנער אומגעלומפּערטער געדאַנק: אַז ער האָט גאָר קיין שום בריעף צום „מאַגנאַט“ ניט איבערגעגעבען, נאָר ער איז גלאַט אַזוי אַריינגעטרעטען צו איהם אַלס באַדיענער... און אַז ער איז ביי איהם אַ „מענטש“. ווי אַלע „מענטשען“... נאָר ער געפעלט זעהר דעם „מאַגנאַט“.. און דער „מאַגנאַט“ רופט איהם אַריין צו זיך און פרעגט איהם, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז?... און אַז ער דערזעהט, מיט וועמען ער האָט צו טהון, הויבט ער איהם אויף און גיט איהם אַ העכערע שטעלע... און עס געהט־אַוועק אַ קורצע צייט, ווערט ער ביי איהם כל־ולך איבער אַלע „מענטשען“ און איבער'ן גאַנצען „הויף“... און דער סטרוזש פאַנטאַליי, און דער הונט זשוק, און דער בלאָזנע משרת — אַלע ציטערען פאַר איהם אימת־מות... און ער שרייבט אַ בריעף צום טאַטען אַהיים, מיט אַ שענער מליצה, אויף העברעאיש געוויינליך, און ניט גלאַט אַ פוסטען בריעף, נאָר מיט עטליכע פרישע קנאַקענדיגע הונדערטער — אַ מתנה דעם טאַטען אויף יום־טוב.... אינ'ם

בּריעף שרייבּט ער אַרוים דעם טאַטען רוב גדלו ורוב עשרו, מאָהלט איהם אַ בּילד, ווי אַזוי ער פאָהרט=אַרוים מיט דריי פּאָר פּערד נאַשפּיץ... פרעגט מען איינס דאָס אַנדערע: „ווער פאָהרט דאָס?“ ענטפערט מען: „איהר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך דער גלאַווּנע אופּראַוולאַיושטשע“... „אַזאַ יונגער=מאַן? !“...

עס איז שוין גרויסער טאָג. פון בּערעל דעם רויטענ'ס קיך לאָזט זיך הערען אַ קלאָפּעריי און עס טראָגט זיך פון דאָרטען אַ ריח פון פרישען, נאָר=וואָס אויסגעבּאַקענעם בּרויט און געפּראַזשעטער מילך. דער העלד האַפּט אויף זיך גיך דאָס אָנטהון און לאָזט זיך אין „הויף“ אַריין, בּאַקומט איין אַאודיענץ בּיי'ם משרת און ווערט געוואוירע, אַז דער „מאַגנאַט“ האָט דעם בּריעף נאָך ניט געלייענט... געהט ער מיט אַ פאַרבּיטערט האַרץ צוריק אויף דער אַכסניה, בּאַגעגענט זיך מיט'ן רויטען בּעל=הבּית. מיט צוגעמאַכטע אויגען, ווי זיין שטייגער איז, טהוט איהם בּערעל דער רויטער אַ פרעג גלאַט אַזוי פון יוצא וועגען: „וואָס הערט מען נייעס?“... „דערווייל נאָך גאָרניט“. — ענטפערט איהם דער יונגער אורח און גליטשט זיך אוים פונ'ם רויטענ'ס הענט און געהט=אַוועק צו זיך אין חדר'על אַריין, ציהט זיך אויס אויפ'ן בּעטעל און פאַרשטעקט זיך די נאָז, ער זאָל ניט הערען דעם ריח פון מאַרינירטען הערינג מיט אָנגעבּראָקטע ציבּעלעם, וואָס קיצלען דעם חוש=הריח און רייצען דעם אַפּעטיט מיט סכנת=נפשות!...

און בּכדי אָפּצוטרייבּען פון זיך דעם יצר=הרע, מאַכט ער צו די אויגען און פאַרטיעפט זיך אין מחשבות און געדאַנקען, וועלכע חאַפּען איהם אויף און טראָגען איהם אַוועק אויף די פליגלען פון דער היציגער פאַנטאַזיע אין עולם=הדמיון, אין דער צויבּערוועלט פון זיסע גאָלדענע חלומות. אַהין האָט ער ליעב צו פאַרקלויבּען זיך אַלע מאָל, ווען ער בּלייבּט אַליין מיט זיך. קיינער האָט אַהי'ן קיין שליטה ניט. אפילו זיינע סאַמע נאָהענטע חברים. דאָס איז יענע כּישוּפ'דיגע וועלט, וואָס איז איהם פאַרבּליבּען פון זיי

אַמאָליגען חבר שמואליק. אַ וועלט פון אוצרות און פון וואונדער־שטיינער, וואָס איינער פון זיי הייסט „ישפה“ און דער אַנדערער — „כּדכּד“. אַ רייב מיט'ן ערשטען שטיין: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן!“... באַווייזט זיך איין אָנבייסען, הייסע שמעקנ־דיגע פּראַנזעלען מיט פוטערקיכלעך, וואָס צעגעהען זיך אין מויל, און אַ ריח פון הייסער קאַווע מיט מילך צעגעהט זיך אין אַלע ווינקעלעך, — איז איידער ער ריהרט זיך נאָך צו צו דער קאַווע, איז שוין אויסגעוואַכסען אַ פעטע יויך מיט מאַנדלען און אַ פּער־טעל עוף, און געבראָטענע קאַטשקע מיט מעהרעלער, און אַ קו־געלע פון מצה־מעהל מיט געגזענשמאַלץ, און ווייַן — צוויי ערליי סאָרטען: 1) רויטוויין „צערקאָווגע כּשר לפּסח“, 2) ווייסער ווייַן, פוג'ם „ווימאַראָזיג יוזשנאַהאָ בערעגאַ“.. דאָס זענען די ווייַנען, וואָס זיין טאַטע האָט געהאַלטען אויף פּסח נאָר פאַר יחידי־סגולה, פאַר די אמת'ע מבינים.

אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט'ן דאָזיגען גרויסאַרטיגען אָנבייסען, פיהלט ער, אַז ער באַדאַרף האָבען רוה. טהוט ער אַ רייב מיט'ן צווייטען שטיינדעלע: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן!“.... און נאָך איידער ער רעדט עס אַרויס, דערזעהט ער זיך שוין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ פון צוועלף הדרים. די ווענט זענען אויס־געקלעפּט מיט אַסיגנאַציעס פון סאַמע הונדערטער. די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט פון זילבערנע מטבעות, באַצייערט מיט גאָלדענע רענדלעך. דאָס גאַנצע מעבעל איז פון ווייסען עלעפאַנט־ביין, מיט סאַמעט אויסגעבעט. וואו מע טהוט זיך אַ ריהר איז גאָלד און זילבער און די בעסטע טייערסטע שטיינער. אַרום און אַרום איז אַ גאָרטען פון די בעסטע פּירות. און אַ טייכעל לויפט פאַרביי מיט גאָלדענע פישעלעך. און אַ געטליכע מוזיק הערט מען דאָר־טען שפּיעלען — די בעסטע פיעדעלשפּיעלער פון דער וועלט. און ער אַליין, דער העלד, טהוט גאָרניט, נאָר ער טיילט צדקה פון דער ברייטער האַנט, פולע זשמענים. וועמען גאָלד, וועמען זילבער, וועמען שטיינער, און וועמען אַ מזומנ'ע מטבע, וועמען עסענוואַרג

און וועמען קליידער — ער לאָזט ניט דורך קיינעם, דעם גרעסטען שונא אפילו. פאַרקעהרט, די שונאים גיט ער נאָך מעהר, ווי די גוטע פריינט, בכדי זיי זאָלען פיהלען....

א פאַר'הלום'טער, א הונגעריגער, חאַפּט זיך אויף דער יונ־גער טרוימער, און מיט א פאַר'חלש'ט האַרץ לאָזט ער זיך אַוועק ווידער אין „הויף" פון דעם „מאַגנאַט". ער איז שוין דאָרט א היימישער. דאָס הייסט, דער סטרוזש פאַנטאַליי לאָזט איהם דורך. דער הונט זשוק משעפּעט איהם ניט. און דער משרת איז מיט איהם זאַ־פּאַני־בראַטאַ. ער פּאַטשט דעם יונגען בחור איבער דער פּלייציע און זאָגט איהם אָן א בשורה, אז ער האָט שוין גערעדט פון איהם, ניט מיט'ן בעל־הבית, נאָר מיט זיינע טעכטער... און אזוי ווי ער רעדט — באַווייזט זיך איינע פון די טעכטער, א גראָ־בע מויד, א רויטע, אין א קורץ קליידעלע, מיט גראָבע פּולקעס און מיט א פאַרריסען נעזעל: „אָט דאָס איז ער!" — ווייזט־אָן אויף איהם דער משרת, און די גראָבע מויד באַטראַכט איהם פון קאָפּ ביז די פיס, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, שיסט־אויס א געלעכטער און אַנטלויפט.

66

אַ מעשה מיט אַ זייגער

ער זילט מיטלען קעגען הונגער. — אַ זייגער מיט אַ געשיכטע. — דער דיאַלאָג צווישען דעם בחור מיט'ן אַלטען זייגערמאַכער. — די קאָמבינאַציעס העלפען ניט, און דער הונגער וואַקסט.

און דעם בריעף האָט דער „מאַגנאַט“ נאָך אַלץ ניט געלייענט. דאָס ריהרט שוין אָן דעם העלד'ס אַמביציע און ער געהט אַרום פון דאָרטען אַ צעקאָכטער. סטייטש, זיין טאַטענ'ס בריעף וואַלגערט זיך אַרום — דאָס אַהרט איהם מעהר פון אַלסדינג. נאָך מעהר פון דעם, וואָס ער איז הונגעריג. הונגעריג, ווי אַ הונט! ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. עס טראָגט איהם אין דער לופטען. עס ציהט איהם דאָס האַרץ, און דער בויך איז איהם ווי איינגעשרומפען. אַ קאַלטער שווייס טרעט־אַרויס, און ער זוכט אין זיינע געדאַנקען, וועלכע פון זיינע זאַכען ער וואָלט געקאָנט פאַרקויפען, מאַכען דערפון קליינגעלט און עפּיס קויפען צו שטילען דעם הונגער... וואָלט דאָס געווען אין אַ גרויסער שטאָדט — פאַרזעצט מען דעם אויבערראָק און מע שלאָגט־צונויף אַ פּאָר גראָשענס....

ער טאַפּט זיך אין אַלע קעשענעס, און זיינע געדאַנקען שטעלען זיך אָפּ אויפ'ן זייגער. נאָר וואָס טהוט מען מיט'ן זייגער? פאַרזעצען אין משכון — איז ניטאָ ביי וועמען. סיידען פאַרקויפען? דערמאַנט ער זיך, אַז אין דער פריה האָט ער

געזעהען אין מארק איין אויפשריפט מיט א גרויסען ציפערבלאט: „טשאסאוויך דיעל מאסטער“. דא וועט ער קאנען פארהאנדלען זיין זייגער. קיין סך קאפיטאלען — ווייסט ער — וועט ער פון דעם ניט שלאגען. נאר עס וועט זיין גענוג וויפיעל ער וועט קריגען, אבי צו שטילען דעם הונגער.

א מיאוס'ע זאך — הונגערען. א חוץ, וואס עס ציהט דאס הארץ און עס ציטערען הענט און פיס — איז דער בזיון, דער בזיון!.... מע דארף פארשטערכען דעם זייגער... איז אבער דער זייגער, וואס דער בחור פארמאגט, ניט גלאט א זייגער, נאר דאס איז א זייגער מיט א געשיכטע, מיט א היסטאריע. א היסטארישער זייגער. מוז מען דעריבער פריהער אייך באקענען מיט דער געשיכטע פונ'ם זייגער.

דאס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער מחבר פון די דאזיגע זכרונות האט געהאלטען אין רעכטען גלאנץ פון געבען שטונדען. אין זיין געבורטסשטאדט האט ער געהאט שטונדען א סך מעהר, וויפיעל א יונגער לעהרער קאן זיך ווינטשען. נאר איין זאך האט איהם געפעהלט צו די שטונדען — א זייגער. האט ער זיך צונויפגעשלאגען פון די שטונדען א שטיקעל קאפיטאל אויף צו באזארגען זיך מיט א זייגער. די בעסטע צייט אויף צו קויפען א זייגער איז „ספאס-יאריד“. דעמאלט פאהרען זיך צונויף אין פערעיאסלאוו סוחרים, קרעמער פון דער גארער וועלט. וואס איין אויג קאן זעהען און וואס א מויל קאן רעדען קריגט איהר אויף דעם יאריד.

אויפגעשטאנען איינמאל אין דער פריה, גענומען דאס שטעקעלע, האט זיך אונזער העלד געלאזט אויפ'ן יאריד צו די שאלאשען און קראמען, וואו די גאלדענע און אנדערע טייערע זאכען זענען אויסגעשטעלט. ספאס-יאריד שטעלט זיך סוף זומער, אין חודש אויגוסט. דעמאלט קומען-אויף די קאוועעס מיט די

דיגים. עפּעל און בּאַרען ליגען קופּעסווייז אויף די וועגען און אויף דער ערד. אידען לויפען־אַרום, ווי פאַר׳סמ׳טע מייז, פאַר־טאַרעראַמט און פאַרשוויצט. מע טהוט געשעפט. מע לייזט געלט. ציגיינער שווערען זיך, פערד הירזשען, שאָף מעקען, חזירים׳לעך קוויטשען פון די זעק אַרוים. אַ בלינדער בעטלער שפּיעלט אויף אַ באַנדורע. אַ אידינע פאַרקויפט בייגעל. אַ יונגעל טראָגט־אַרום קוואַס. אַלץ רעדט. אַלץ שרייט. מע קאָן טויב ווערען.

געהענדיג אַזוי איבער׳ן יאַריד פאַרטראַכט, שלאָגט ער זיך אָן אויף אַ אידעל מיט אַ רויט פרישטשעוואַטע פּנים, מיט אַ קויטיגער מאַנישקע און מיט מאָדנע לויפענדיגע אויגען. שטעלט איהם אָפּ דער איד, רעדט שטיל, היימעריגליך, און ווינקט מיט די ממזר׳ישע אויגלעך אויף אַ הויכען דאַרען פריץ מיט אַ פּויליש היטעל, מיט לאַנגע פאַרדרעהטע וואָנסעס אַרויף.

— אָט דער אָדון האָט צו פאַרקויפען אַ זאַך בחצי חנם... טהוט אַ קוק. וואָס׳ט איך אַהרען?

און באַלד גאָך דעם רוקט זיך צו דער פּריץ, ציהט־אַרוים פון קעשענע אַ פּאַפּיער, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, וויקעלט־אויף דאָס פּאַפּיער, און עס טהוט מיט אַ מאָל אַ בלישטשע אין די אויגען אַ שפּאָגעל־נייער, אַ גלאַנצענדיגער גאָלדענער זייגער. אַ ווייז געגעבען דעם זייגער פון דער ווייטען, וויקעלט איהם דער אָדון איין אין פּאַפּיער און באַהאַלט איהם צוריק אין קעשענע, אָהן ווערטער. רעדען רעדט דאָס אידעל:

— אַ מציאה פון אַ גנב!... ער באַדאַרף האָבען נויטיג געלט. אויף דעם זייגער איז דאָ גאָלד אַליין אפשר אויף אַ הונדערטער...

— וויפיעל זשע וויל ער פאַר׳ן זייגער?

— איך מיין, ער׳ט נעמען האַלב, אַ פופציגער. אַ מציאה פון אַ גנב!... איך אַליין וואָלט אַ בעלן געווען, האָב איך ניט אַזוי פיעל געלט ביי זיך. — זאָגט דאָס אידעל.

— איך האָב אויך ניט. — זאָגט דער בחור און האַפּט זיך צו דער קעשענע.

— וויפיל דען האָט איהר? — פרעגט איהם דער פּריי-שטשעוואַטער איד

— איך פאַרמאָג אינגאַנצען איין פינף-און-צוואַנציגער..

דער איד טהוט אַ בלישטשע מיט די ממזר'ישע אויגען, ציהט-אויס אַ האַנט:

— מיט מזל-ברכה!....

אין איין אויגענבליק ווערט איינגעצאָהלט דאָס געלט, און דער גאָלדענער זייגער ווערט איבערגעגעבען צום קונה אין די הענט אַריין. עס טהוט איהם אַ פּיאָבקע דאָס האַרץ — „טאָמער איז דער זייגער אַ גע'גנב'עטער?"... עס געהט איהם ניט איין די מציאה, וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט, און עס שטעלען זיך איהם פאַר אַלערליי מונקעלע מחשבות און טרויעריגע געדאַנקען: „טאָ-מער דערקענט מען ביי איהם דעם זייגער?"... האַנדלען אַ גנבה איז ערגער פון אַ גנבה אַליין... קורץ, ער האָט שוין חרטה. נאָר ס'איז פאַרפאַלען. ער נעמט-אַרויס דעם זייגער פון קעשענע, באַ-טראַכט איהם פון אַלע זייטען — אַ שפּאָגעל-נייער זייגער, און קלאַפּט, ווי אַ באַנדאַר! קאָפּערטעס גינגאָלדענע, שווערע. אַ ציפערבלאַט, ווי געפּאַלענער שניי. ווייזערס, ווי ריטער. עס בלייבט נאָר צו באַווייזען דעם זייגער עפּיס פאַר אַ רעכטען מבין, ער זאָל איהם באַטראַכטען און אָפּשאַצען. דער טאַטע איז אפילו אַ מבין אויף זייגערס. פּאַסט איהם אָבער ניט צו ווייזען איהם דעם טאַטען. און דערצעהלען דעם אמת, אַז ער האָט איהם געהאַנדעלט אויף דער גאַס — וויל ער אויך ניט. הקיצור, דאָס בעסטע וועט זיין אַריינטראָגען דעם זייגער צו הענזעל דעם זייגערמאַכער.

הענזעל דער זייגערמאַכער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, נאָר אַ גרויסער קאָפּמענטש. אין שטאָדט זאָגט מען, אַז הענזעל האָט צוגעטראַכט איין אייגענעם זייגער נאָך דער סיסטעם פון דער זון. אויפ'ן פּנים ביי איהם זעהט מען אפילו קיין באַזונדערע חכמה ניט אַרויס. אַ גאַנץ געוויינליכער איד מיט אַ ברייטער נאָז, פאַרמאָגט אַ גראָבען ברייטען פלאַטשיגען פינגער מיט אַ

גרויסען נאָגעל. מיט דעם נאָגעל טהוט ער איין עפען־אויף דעם זייגער, זאָמעלט־אָן דאָס אויג מיט אַ שפּאַקטיוו, טהוט אַ קוק־אַריין אין געווערקעל און זאָגט אייך באַלד, וואָס דער זייגער האָט, וואָס איהם פעהלט, און וואָס ער איז ווערטה.

באַטראַכט די מציאה, דעם גאָלדענעם זייגער, האָט הענזעל איהם צוגעמאַכט מיט אַ קנאַק און אַ זאָג געגעבען:

— אַ פּראָסטער צילינדער, גיט קיין אַנקער, ווערטה אַ פינפערעל עובר לסוחר...

— נו, און דאָס גאָלד?

— וואָסער גאָלד? ס'איז אַזוי גאָלד, אַזוי ווי איך בין אַ מיניסטער

— וואָס דען איז דאָס?

— טאָמבעקע.

— וואָס הייסט דאָס טאָמבעקע?

— טאָמבעקע איז טאָמבעקע; נישט קיין מעש און נישט קיין קופּער, נאָר טאָמבעקע.....

און הענזעל טהוט־אוים די שפּאַקטיוו, נעמט זיך צו דער אַרבייט און רעדט נישט מעהר.

אַט דעם דאָזיגען זייגער האָט דאָס דער יונגער וואַנדערער געוואָלט פאַרהאַנדלען צום זייגערמאַכער פונ'ם קליינעם שטעדטעלע ט. אַריינגעקומען איז ער צום זייגערמאַכער, צו איין אַלטען אידען אַ טויבליכען, מיט וואַט אין די אויהערען, גאַנץ ברייטליך, מעשה סוחר. און צווישען בחור מיט'ן אַלטען זייגערמאַכער קומט־פאָר אַזאַ מין דיאַלאָג:

ד ע ר ב ח ו ר: גוט מאָרגען, הער זייגערמייסטער! האָט איהר עפּיס גוטע זייגערס?

ד ע ר ז י י ג ע ר מ א כ ע ר: וויפיעל זייגערס דאַרף עס אַ בחור'על?

דער בחור: איינעם אַ זייגער...

דער זייגערמאַכער: וואָסער אַ זייגער ווילט איהר — אַ זילבערנעם? אַ גאָלדענעם?

דער בחור: אַ גאָלדענעם וועל איך ביי אייך קויפען אַ ביסעל שפּעטער... דערווייל וועט זיין גענוג אַ זילבערנער, אַבי ער זאָל געהן ווי עס געהער צו זיין.

דער זייגערמאַכער: וועגען דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען! — און דער אַלטער זייגערמאַכער שיט-אויס פאַר'ן קונה אַקעגען אַ האַלב טוץ נייע זייגערס. דער בחור שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם פון זיי און גיט צו פאַרשטעהן דעם אַלטען, אַז ער וויל, אייגענטליך, מאַכען מיט איהם אַ בייט. דאָס הייסט, ער וועט ביי איהם נעמען דעם דאָזיגען נייעם זילבערנעם זייגער און וועט איהם געבען זיין אַלטען זייגער... „און וויפיעל וועט איהר איהם אָננעמען?“... דער אַלטער באַטראַכט דעם בחור'ס זייגער פון אַלע זייטען, טראַכט אַ ווײלע, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. דערנאָך נעמט ער אַרויס די וואָט פון די אויהערען און לעגט-איבער פון איין אויהער אין'ם אַנדערען, גלייך ווי דאָס האָט אַ שייכות צו די זייגערס. און קוים וואָס ער שטעלט זיך איין אַרויסצוזאָגען, אַז ער קאָן אָננעמען ביי איהם זיין זייגער מעהר ניט, ווי אין צוויי קאַרבען. און אַזוי ווי זיין זילבערנעם זייגער רעכענט ער אין נייען קאַרבען, קוממ-אויס, אַז דער בחור באַדאַרף איהם צוצאָהלען אַזוי גרויס, ווי זיעבען קאַרבען, און דאָס געשעפט איז געמאַכט. דעם בחור איז די קאָמבינאַציע געפעלען, און ער לעגט-פאַר דעם זייגערמאַכער אַ נייע קאָמבינאַציע: אַז ער זאָל דערווייל נעמען ביי איהם דעם אַלטען זייגער און געבען צוויי קאַרבען, און שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער צוויי וועט ער אַריינקומען און וועט זיך אויסקלויבען אַ נייעם זייגער... געפעלט נישט דעם אַלטען די דאָזיגע קאָמבינאַציע. פאַר וואָס? אַזוי. דערפאַר, ווייל ער קויפט נישט קיין זייגערס. ער פאַרקויפט זייגערס... פּרובט זיך דער בחור פאָרלעגען אַ נייעם פּראָיעקט.

דהיינו: ער גיט איהם אַוועק זיין אַלטען זייגער פאַר איין קאַרב — איין עק! ניט צוליעב'ן געלט, נאָר ווייל דער זייגער איז איהם נמאס געוואָרען, ער קאָן אויף איהם ניט קוקען... זאָגט דער אַלטער, אַז אויב ס'איז איהם נמאס געוואָרען דער זייגער, קאָן ער איהם אַרויסוואַרפען אין בלאָטע. גיט איהם דער בחור צו פאַרשטעהן, אַז ער קאָן איצט דאָס געשעפט מיט איהם ניט מאַכען, מחמת ער איז איצטער קורץ אין געלט. דאָס הייסט, פשוט ער איז איצטער ניט ביי געלט... גיט איהם דער זייגערמאַכער איין עצה, ער זאָל אַריינקומען איין אַנדערס מאָל, דעמאָלט ווען ער וועט זיין ביי געלט. און אַזוי עטליכע מאָל. ער זאָגט איהם דאָס, און יענער ענטפערט איהם בויבעריק. זינט גאָט האָט געדעלט מיט נודניקעס, האָט ער נאָך אַזאַ נודניק ניט געהאַט!... דער בחור באַהאַלט צוריק זיין אַלטען טאַמבעקענעם זייגער און בעט דעם אַלטען, ער זאָל אָפּלעגען אָט אָ יענעם זילבערנעם זייגער אויף אַ זייט. ער וועט נאָך אפשר היינט אַריינקומען צו איהם נאָך אַ מאָל. עס דאַרף איהם אָנקומען געלט מיט דער פּאָסט. ער זאָל נאָר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָס טאָמער האָט ער ביי איהם צוגענומען צייט. זאָגט דער אַלטער, אַז עס מאַכט ניט אויס. נאָר גאָר זיין בלאַס פּנים, נאָך זיין בייזען קוק און נאָכ'ן ציטערען פון זיינע אַלטע פינגער איז צו זעהען, אַז עס מאַכט שוין דוקא יאָ אויס... דער בחור — קוים וואָס ער טרעפט צו דער טיר. מיט אַ פאַרחלש'ט האַרץ לאָזט ער זיך אַוועק צו בערעל דעם רויטען אויף דער סטאַנציע און בעט גאָט, ער זאָל האָטש ניט באַגעגענען זיך מיט'ן רויטען בעל=הבית. „וואָרום אָט דער רויטער איד — טראַכט זיך דער בחור אין האַרצען — איז דער איינציגער, וואָס שטויסט זיך, אַז ער הונגערט“...

67

אמלאך פון גאט
אינ'ם געשטאלט פון אמענטשען

ער פארקלויבט זיך אין בית=המדרש פון שטעדטעל און ווייבט זיך גוט אויס. — א מלאך פון גאט באווייזט זיך, און דאס מזל טהוט איהם א שיין. — ער ווערט איינגעלאדען אלס לעהרער אין א דארף און ווייסט ניט, אז דערמיט איז איהם פארזיגעלט געווארען דאס גליק אויף זיין גאנצען לעבען.

דאס צווייטע הויז פון בערעל דעם רויטענ'ס אכסניה איז געוועזן דאס בית=המדרש פונ'ם שטעדטעל. אהין האט זיך דער העלד פון דער ביאגראפיע פארקלויבען אויף מארגען אין דער פריה און, ניט האבענדיג וואס צו טהון, האט ער אוועקגעשטעלט זיך דאווגען. און גערדאוועגט האט ער ביהידות, איינער אליין. ווארום דאס ביסעל אידען, וואס אין שטעדטעל ט., האבען זיך געפעדערט גאנץ פריה, אפגעדאוועגט מיט א מנין און צעגאנגען זיך זוכען פרנסה, ווי דער שטייגער איז. געבליבען איז נאר דער שמש, א איד א שוסטער. נאר וויל ער האט ווינציג ארבייט, איז ער אין איינוועגס אויך א שמש אין שוהל. דערזעהען א פרעמדען בחור מיט א תפילין=זעקעל, איז דער שמש=שוסטער צוגעגאנגען צו איהם און א פרעג געגעבען, צי האט ער ניט קיין יאהרצייט? אויב א יאהרצייט, וועט ער א לויף טהון צונויפשלעפען א מנין.

— ניין, נישט קיין יאהרצייט, גאר איך וויל גלאט אזוי

דאַוונען. — האָט איהם דער בחור באַרוהיגט, און באַקומען איין ענטפער פונ'ם שמש:

— געזונטערהייט. אָט האָט איהר אַ סידור. — זאָגט צו איהם דער שמש, לאָזט איהם אַליין און פאַרקלויבט זיך אין פאָליש און זעצט זיך אַוועק פאַררייכטען איין אַלטע פאָר שיך.

שוין לאַנג האָט דער יונגער העלד אַזוי געשמאַק און אַזוי האַרצעדיק ניט געדאַוועט, ווי אין יענעם פריהמאָרגען. ער איז שוין דעמאָלט בכלל געווען ווייט פון פרומקייט. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון השכלה, ווען פרום זיין איז געווען אַ בזיון, ווען אַ פאַנאַטיקער איז געווען ערגער פון אַ הולטיי, און אפשר ערגער, ווי היינט אַ משומד... נאָר דער חשק צו דאַוונען איז געקומען פון זיך אַליין. אַ מין רעליגיעזער עקסטאַז איז אויף איהם אָנגעקומען מיט אַ מאָל, און ער האָט זיך צעלאָזט, צעזונגען אויף אַ קול, גאָר מעשה חזן, און צו דער שמונה־עשרה האָט ער זיך צעוויינט. לאַנג געוויינט, מיט האַרץ געוויינט. און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט ער זיך געפיהלט אַ סך גרינגער, גלייך ווי ס'איז אהם אַראָפּ אַ שווערע משא פון האַרצען. וואָס דאָס דאָזיגע געוויין האָט באַטייט, קאָן ער אויף אַ ראַציאָנעלען אופן נישט געבען צו פאַרשטעהן. עס האָט זיך געוויינט גיכער פון זיך אַליין, און די נשמה האָט זיך ווי אָפּגערייניגט. אפשר איז דאָס געקומען פון אָפּגעשוואַכטע נערווען? אפשר איז דאָס געווען פון דעם פאַסטען?... ער האָט באַשטימט ביי זיך דעם תענית היינט איבערצורייסען — ס'זאָל זיין וואָס עס וויל זיך. גענוג פאַסטען!... און ער לעגט־צונויף די תפילין, נעמט דאָס שטעקעלע און געהט אַהיים אויף דער סטאַנציע און באַגעגענט אויף דער שוועל בערעל דעם רויטען, וועלכער זאָגט איהם אָן אַ בשורה, אַז היינט אין דער פריה האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איהם אַ יונגער־מאַן, אַ גביר, איין אַדיר, פון ניט ווייט, פון אַ דאָרף. ער איז, דאַכט זיך, איהם אַ נאָהענטער קרוב.

— ווער'מענ'ס אַ קרוב?

— אייערער אַ קרוב. דאָס הייסט, ניט קיין קרוב, נאָר אַ שטיקעל מחותּן... — און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט איהם בערעל דער רוימער אָן פאַר אַ האַנט און פיהרט איהם אַריין אין אַ באַזונדערען חדר, וואָס איז צוגעקליבען פאַר פּריצים, און שטעלט איהם פאָר פאַר אַ יונגענמאַן, וואָס זיצט בײַ אַ סאַמאָוואַר און טרינקט טיי.

דער יונגערמאַן, אַ סימפּאַטישער פּאַרשוין מיט גוטע בלויע אויגען, אַ הויכען ווייסען שטערן און אַ שען קיילעכדיג בערדעל, איז העפליך אויפגעשטאַנען, זיך אָנגערופען בײַ'ם נאָמען יהושע לאָיעוו און געבעטען דעם גאַסט זיך זעצען צום סאַמאָוואַר, אַ וואונק געגעבען צום בעל=הבית, מע זאָל דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז, און גאָר ניט וואַרטענדיג, האָט ער אָנגעגאָסען נאָך אַ גלאָז טיי, צוגערוקט בייגעלער, קיכלעך און אַנדערע פאַרבייסעכטסען, און דער יונגער=מאַן לאָעוו האָט זיך געווענדעט צום אַריינגעקומענעם בזה הלשון:

— דער בעל=הבית האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זענט פון פּערעיאַסלאַוו, נחום ראַבינאָוויטש'עס אַ זוהן. אויב אַזוי, זענען מיר שטיקלעך אייגענע... עסט, איך בעט אייך, און טרינקט טיי.

קיינמאָל אין לעבען, נישט פריהער און נישט נאָכדעם, איז אַ גלאָז טיי ניט געווען אַזוי אָנגעלעגט בײַ איהם, ווי אַצינד, און קיין שום מאכל אין דער וועלט האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ טעם, ווי עס האָבען געהאַט אָט די פרישע בייגעלעך, די קיכלעך און די אַנדערע פאַרבייסעכטסען, וועלכע זענען גיך פאַר=שוואונדען געוואָרען פונ'ם טיש, נישט געבליבען פון זיי אַ זכר אפילו אויף דרך=ארץ. דער גאַסט האָט דאָס אַלץ אייגעשלונגען, ווי אַ הונגעריגע גאַנז, און האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז עס איז ניט שען, וואָס ער האָט דאָס אַלץ אויפגערוימט, נאָר ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען... דער יונגערמאַן האָט דערווייל אויסגערעכענט דעם יחוס, ווי אַזוי זיי זענען קרובים:

— אייער פאָטער האָט אַ מחותּן אַברהם=יהושע. אָט דער אַברהם=יהושע האָט געהאַט דאָס ערשטע ווייב, וועלכע האָט מיט

אָנגעקעהרט אַ מוהמע, מיין געשטאָרבענע מוטער'ס אַ שוועסטער. פאַרשטעהט איהר שוין? ווייטלעכע מחותנים, און דאָך מחותנים... אַצינד זאָגט מיר: פון וואַנען פאָהרט איהר? וואוהין פאָהרט איהר? און וואָס איז אייער טהועכץ?

אויסגעפרעגט זיך ביי'ם העלד אַלסדינג און געוואוירע נעוואָרען, אַז ער איז געקומען אהער צו פאַרנעמען אַ לעהרער-שטעלע, האָט דער יונגערמאַן אַ פרעג געגעבען, אויב דער בחור וויל דוקא בלייבען דאָ, ביי'ם היגען גביר ק., אָדער עס מאַכט איהם ניט אויס צו פאהרען אַ ביסעל ווייטער? אויב עס מאַכט איהם ניט אויס, וואָלט ער איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל פאָהרען מיט איהם צו זיין פאָטער לאָיעוו אין דאָרף אריין, פאַרנעמען דאָרט אַ לעהרער-שטעלע ביי זיין שוועסטערעל — זיין פאָטער איז אויך אימשטאַנד גוט צו באַצאָהלען, אַזוי ווי דער היגער גביר, אויב ניט שענער נאָך. אויף די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אָפּגערופען בערעל דער רויטער און צוגעווינטשעוועט זיך: „אַ חוץ זיין שאָדען, אויף איהם געזאָגט געוואָרען חאָטש אַ צעהנט-חלק". און גאָר גישט פרעגענדיג ביי'ם בחור, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, האָט בערעל דער רויטער צוגעגעבען, אַז דער בחור וועט מיט פאַרגעניגען זיך דורכפאָהרען מיט'ן יונגעמאַן צו זיין פאָטער לאָיעוו אין דאָרף אריין און וועט מיט פאַרגעניגען פאַרנעמען דאָרט די לעהרער-שטעלע.

אַ מאָדנער איד אָט דער בערעל דער רויטער! עפּיס גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם געבעטען, ער זאָל זיך ארויסשטעלען פאַר איין אַפּיטרופּס, אָדער, וועניגסטענס, פאַר אַ פאַרמיטלער. ער האָט ניט געלאָזט קיינעם צום וואָרט און האָט בעסער אַליין גערעדט. דער בחור איז געוועזן איבערראַשט פון דער גאַנצער געשיכטע אַרום און אַרום. ער האָט כמעט ניט געגלויבט זיינע אויהערען. ניט אַנדערש, אַז דאָס איז אָדער אַ חלום, אָדער אַ מין האַלוצינאַציע, אָדער דער יונגערמאַן — דאָס איז אַ מלאך פון הימעל אַראָפּ אויף דער ערד אינ'ם געשטאַלט פון אַ מענטשען...

נאָך אַרויסבאַווייזען זיין פרייד, פון דעסטוועגען, שטעהט איהם ניט אָן. ער הערט-אויס דעם געשפּרעך כּלומרשט גאַנץ גלייכגילטיג, באַטראַכט פריהער וואָס צו ענטפערען און רופט זיך אָן צום יונגענמאַן מיט האַלבע ווערטער:

— אייער פאָרשלאַג איז אפשר גישט קיין שלעכטער פּלאַן... די מעשה איז אָבער, פאַרשטעהט איהר, וואָס איך האָב געבראַכט צום היגען גביר אַ רעקאָמענדאַציע, אַ בריעף, טאַקי פון מיין טאַטען... וואָס וועט זיין, טאָמער...

— אין וואָסער אַ שפּראַך איז געשריבען אייער טאַטעג'ס בריעף? — מישט זיך אַריין בערעל דער רויטער.

— וואָס הייסט אין וואָסער אַ שפּראַך? אין העברעאיש — לשון-קודש? — פרעגט-איבער בערעל דער רויטער און חאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט ביי די זייטען און צעלאַכט זיך אַזוי שטאַרק, גלייך ווי אַכצעהן שדים קיצלען איהם אונטער די פּאַכוועס! — איהר וועט דאַרפען, יונגערמאַן, אַ ביסעלע צו-וואַרטען, ביז מיין קרוב וועט זיך פריהער אויסלערנען איבער-לייענען אַ לשון-קודש'דיגען בריעף. איהר וועט אָבער, האָב איך מורא, באַדאַרפען לאַנג וואַרטען!... — און ביידע צעלאַכען זיי זיך און לאַכען לאַנג און געשמאַק

עס האָט נישט גענומען קיין האַלבע שעה צייט, איז צווישען דעם יונגענמאַן יהושע לאַיעוו און זיין יונגען פּראַטעזשע גע-שלאָסען געוואָרען אַ גוטפריינטשאַפט, וואָס איז געוואַכסען אַלע מינוט שטאַרקער און גרעסער. עס האָט זיך אַרויסבאַוויזען, אַז אָט דער יהושע לאַיעוו איז אַ יונגערמאַן אַ משכיל פון דעם טיפּ משכילים, וואָס יענער דור האָט פּראָדוצירט. אַ שענער בעל-תנ"ך, אַ בלאַט גמרא, קלאר אין אַלע מליצה-ספרים, קען גאַנצע שטיקער מאַפּו אויף אויסווענינ, קאָן מיט אייך רעדען פון אַ „מורה-נבוכים", פון אַ „כּוזרי", האָט אַ שען הענטעל צום שרייבען. ער איז נאָך אַ ביסעל שוואַכליך אויף דקדוק. ווייטער וועט ער זיך מיט אייך אויסגלייכען אומעטום. און צו דעם אַלעמען איז ער

בלאָט אַ ליעבער מענטש, האָט ליעב מענטשען. זיי אַלע האָבען ליעב מענטשען. און מחמת זיי זיצען אין אַ דאָרף, זענען זיי ממש זשעדנע, געהען־אוים נאָך אַ מענטשען... וואָס איז זייער געשעפט? זיי האַלטען פּאַסעסיעס אין דער אַרענדע, בּיי'ם גראַף בּראַניצקי און בּיי'ם גראַף מאַלאָדעצקי. זיי לעבען ווי פּאָמעשטשיקעס, האָבען אייגענע פערד און קאַרעטעס, פאַרהאַלטען זיך זעהר גוט מיט די פּריצים וואָס אַרום און אַרום, און די גויים זענען נאָך זיי די כּפּרה...

מיט זיין רעדען האָט דער יהושע לאָיעוו אַרויסבּאַוויזען, אַז ס'איז אמת וואָס ער זאָגט, אַז זיי זענען זשעדנע אין דאָרף אַ מענ־טשען. דאָס מו'ל האָט זיך איהם די גאַנצע צייט ניט צוגעמאַכט, גלייך ווי ער וואָלט וועלען אַרויסרעדען אַלץ, וואָס האָט זיך אנגע־קלויבּען בּיי איהם פאַר אַ לאַנגע צייט אין דאָרף. ער האָט גערעדט אין שטוב, ער האָט גערעדט אין דרויסען, ער האָט גערעדט שוין זיצענדיג אין פאַיעטאָן און פאָהרענדיג מיט'ן נייעם לעהרער אויף זיינע אייגענע ברענענדיגע פערד פון דער פּאַסעסיע.

— געפעלט אייך אַ פּאָר סוסים? — האָט אַ זאָג געגעבען בּערעל דער רויטער צום לעהרער, בּעת דער יונגערמאַן יהושע לאָיעוו איז געגאַנגען זאָגען, מע זאָל שפּאַנען. און בּערעל האָט גענומען דערצעהלען גרויסקייט פון דעם יונגענמאַנ'ם פאָטער, וואָס פאַר אַ גביר, איין אַדיר דאָס איז, און וואָס פאַר איין אָריגינעלער מענטש דאָס איז.

— אהר דאַרפט גאָט דאַנקען, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט...

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער איד וויל, אייגענט־ליך, מע זאָל איהם זאגען אַ דאַנק. נאָר אַ מכּה! דאָס וועט ער בּיי איהם ניט פּועל'ען, ער זאָל מיינען, אַז ער האָט געראַטעוועט אַ מענטשען פון הונגער... עס איז איהם גאָר ניט אייגגענעהמען, זעהר ניט אייגגענעהמען, וואָס ער קאָן איהם איצט ניט בּאַצאָהלען פאַר סטאַנציע. ער איז איצט זעהר בּאַראיינגט אין געלט...

— איהר זאָגט מיר בעסער, רב איד, וויפיעל... קומט אייך? בערעל דער רויטער מאַכט=צו די אויגען

— פאַר וואָס?

— פאַר... פאַר סטאַנציע, פאַר אַלסדינג... וועל איך אייך אָפּשיקען פונ'ם אָרט... באַלד ווי איך וועל קומען...

— געהט שוין געהט, מע וועט לאַכען פון אייך! — זאָגט בערעל מיט אַ געלעכטער און שטופּט איהם אָפּ פון זיך. און אין דעם קומט=אַריין אַ הויכער גוי מיט ווייסע ברעמען, מיט אונטער=טעניג=שמייכלענדיגע אויגען. ער הייסט אַנדריי. ער פרעגט זיך נאָך אויפ'ן באַגאַזש פונ'ם „פּאַניטש“, וואָס פאָהרט מיט'ן „באַרין“. שעמט זיך דער לעהרער פאַר'ן גוי, פאַר אַנדרייען, וואָס ער האָט ניט קיין באַגאַזש, און זאָגט, אַז זיין באַגאַזש געהט נאָך... ער וועט אָנקומען נאָכדעם... דערווייל האָט ער נאָר אָט דאָס פּעקעלע, וואָס ער וועט דאָס אַליין נעהמען מיט זיך אין וואָגען אַריין. אַנדריי וויל אָבער ניט אַוועקגעהן מיט לעדיגע הענט. אַ פּעקעלע — לאָז זיין אַ פּעקעלע. און ער טהוט אַ נעם דאָס פּעקעלע מיט צוויי פינגער און אַ טראָג=אַוועק, ווי אַ פעדערעל. אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געזעסען מיט זיין יונגען פּאַטראָן אין אַ גרויסאַרטיגען ווייכען פאַעטאָן. אַנדריי האָט געגעבען אַ קנאַק מיט דער בייטש, און צוויי גרויע פערדלעך מיט אונטערגעבויגענע עקען האָבען איהם גע=טראָגען איבער פעלדער און איבער וועלדער, אין אַ ניי אָרט, צווישען נייע מענטשען, און עס איז איהם גאָר אויף די געדאַנקען גישט געקומען, אַז אָט אָדאָ, אויף דעם אָרט, וואוהין ער פאָהרט אַצינד, ווערט דאָס פאַרזיגעלט זיין גליק אויפ'ן גאַנצען, גאַנצען לעבען..

68

איין אומגעריכטער עקזאַמען

אין באָהסלאַוו אויף דער סטאַנציע. — דער אַלטער לאָיעוו. — אַ מיידעל מיט קאַוואַליערען. — שפּיעלהאַגען, אויערבאַך און „טשטאַ דיעלאַט“. — וואָס וויל רש"י פון די בנות צלפחד, און ווי אַזוי שרייבט מען אַ בריעף צו אַ דירעקטאָר פון אַ צוקער=פאַבריק? — ער האַלט·אויס דעם עקזאַמען און פאָהרט אין דאָרף אַריין.

עס איז שוין געווען אַרום פאַרנאַכטליך, ווען דער יונגער משכיל יהושע לאָיעוו מיט זיין פּראָטעזשע דעם לעהרער זענען אַריינגעפאָהרען אין דער שטאָדט באָהסלאַוו. אויף דער סטאַנציע, וואו זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט, האָבען זיי געטראָפען דעם פאָטער פונ'ם יונגען משכיל, דעם אַלטען לאָיעוו, וואַרטען אויפ'ן זוהן.

דער איינדרוק, וואָס דער אַלטער לאָיעוו האָט געמאַכט אויפ'ן לעהרער, איז געווען אויסערגעוויינליך. ער האָט זיך קיינמאָל נים פאָרגעשטעלט, אַז אַ איד זאָל האָבען אַזאַ אויסזעהען. איין אויס=זעהען פון אַ גענעראַל, אַ פעלדמאַרשאַל, מיט אַ קול פון אַ לייב. אין קורצע ווערטער האָט דער זוהן איבערגעגעבען דעם פאָטער, ווער איז דאָס בחור'על, וואָס איז מיט איהם געקומען, און וואו און ווי אַזוי ער האָט זיך מיט איהם באַקענט. אויסגעהערט דעם זוהן, האָט דער אַלטער אָנגעזאָטעלט די נאָז מיט אַ פּאָר ווייסע זילבערנעברילען און האָט ערנסט באַטראַכט דעם בחור, אָהן איבעריגע צערעמאָניעס, מיט אַזאַ פּנים, למשל, ווי מען באַטראַכט אַ געקויפטען פיש פונ'ם מאַרק... דערנאָך האָט ער איהם אויס=

געצויגען אַ וואַרעמע האַנט, און מיט אַ פריינטליכער מינע, אויף וויפיעל ס'איז נאָר געווען מעגליך פאַר אַזאַ שטרענגען פעלד־מאַרשאַל, האָט ער איהם אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם און אָהן צערעמאָניעס, און מיט'ן לשון „דו", אַ פרעג געטהאָן:

— ווי אַזוי רופט מען דיך?

נעוואוירע געוואָרען פונ'ם בחור, אַז מע רופט איהם שלום, האָט ער זיך אָנגערופען צו איהם ווייך, ווי ווייט ס'איז מעגליך געווען פאַר זיין לייבענשטים:

— הער זשע אוים, שלום־סערדצע, גיה זיי מוחל אַהין אין צווייטען חדר. איך וועל דאָ מיט מיין זוהן אָפּרעדען געשעפט. דערנאָך וועל איך דיך אַריינרופען און מ'ר וועלען אַ ביסעל שמועסען.

דאָס צווייטע צימער איז געווען אַ זאַל, אייראָפּעאיש געמעבעלט, אַ מין וועסטיבול פאַר געסט. דאָרט איז געווען דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, אַ געוועזענער שניטקרעמער, איצט אויף דער עלטער אַ בעל־אַכסניה, מיט'ן נאָמען בערעלע עטעל'ס, אַ איד מיט אַ בלויער נאָז, מיט רויטע דינע שלענגעלעך אויף דער נאָז; ער שטעהט צונויפגעלעגט די הענט, טהוט גאָרניט, נאָר ער רעדט, רעדט פון די אורחים, פון זייערע געשעפטען און פון זיך אַליין, אַז „גאָט האָט איהם געשטראָפט, ער דאַרף אויף דער עלטער האַנדלען מיט לאַקשען־יויך"... זיין אידינע, אַ קורצינקע, אַ דאַרינקע, מיט אַ „מושקע" אויפ'ן קאָפּ און מיט געלע פערעלעך אויפ'ן האַלז, דרעהט זיך אַרום אין שטוב און שעלט די קינדער זיינע (זי איז ביי איהם די צווייטע פרוי), שעלט די דיענסט, שעלט די קאַץ, ווייזט אוים, נים צופריעדען מיט דער וועלט — אַ גרויסע פעסי־מיסטקע! ביי'ם פענסטער, איבער אַ ביכעל, אַ דאַמאַן פון שפּיעל־האַגען, זיצט זייער מיזינקעלע, שיווקע בערעלע עטעל'ס, אַ טעכ־טערעל אַ יפת־תואר מיט אַ ווייס קיילעכיג פּנים, אַ מורא'דיגע

קאָקעטין. צו איהר זענען געקומען מיט באַזוך אַ צוויי=דריי יונגעליט מיט אונטע[illegible] וירענע בערדלעך — דער סאַמע צימעס פון דער באָהסלאַוועך אינטעליגענץ. מע פיהרט אַ געשפּרעך פון „ליטעראַטור“. דער בעל=הבית מיט דער בלויער נאָז פיהרט=צו דעם יונגען לעהרער צו דער קאָמפּאַניע און שטעלט איהם פאָר. פון וואַנען ווייסט דער אַלטער, ווער דער לעהרער איז? — בלייבט אַ סוד. בכדי ס'זאָל איהם ניט זיין לאַנגווייליג, ווענדט זיך צו איהם דאָס מיידעל די יפת=תואר מיט אַ ליעבליך שמייכעלע: צי האָט ער געלייענט „נאַ דיונאַך“ פון שפּיעלהאַגען? לאָזט זיך אויס, אַז ער איז קלאָר אין גאַנץ שפּיעלהאַגען. נו, און אויערבאַך? „אויערבאַך אויך“. נו, און „זאַפּיסקי יעווריעיאַ“ פון באָגראָווען? „ער קען איהם אויף אויסווענינ“. און דעם ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?“ „ווער האָט דאָס ניט געלייענט טשערנישעווסקי?“... „ווי געפעלט אייך די הויפּט=העלדין?“ „וויעראַ פּאַוולאָוונאַ? וואָס איז פאַר אַ שאלה!“...

דאָס מיידעל די יפת=תואר און איהרע קאַוואַליערען זענען אַנטציקט. איינער פון זיי, אַ „טשאַסטנע פּאָווערנע“ מיט אַ קלינגענדיגען נאָמען מענדעלסאָן, שטשיפּעט זיך ביי די וואָנסילעך, וואָס האַלטען ערשט אין שפּראָצען. עס ווייזט אויס, אַז ער איז פאַרליעבט אין דעם מיידעל, ווי אַ קאַץ, און איז דעריבער מלא גזלן אויף דעם יונגען אורח, וואָס איז קלאָר אומעטום, ווי אַ וואַסער. וואַרפט ער אויף איהם מיט בייזע אויגען און ווינטשט איהם מסתמא ביי זיך אין האַרצען, ער זאָל ברעכען רוק=און=לענד אויפ'ן גלייכען וועג... דאָס גיט=צו דעם העלד נאָך מעהר מוט, און ער שיט מיט פראַזען, ציטירט גאַנצע שטיקער אויף אויסווענינ, מישט גאָר אַריין אַזעלכע נעמען, ווי באָקל — „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד“, און דזשאָן סטיוואַרד מילל — „וועגען פרייהייט“... אַ בחור'על אַ משכיל פון אַ פרעמדער שטאָדט קומט צווישען מענטשען, באַדאַרף ער אויסלעגען וואָס ער האָט, באַווייזען וואָס ער ווייסט און וואָס ער קען... און אַקוראַט סאַמע אין דער רעכטער היץ קומט=אָן דער אַלטער לאַיעוו מיט'ן זוהן יהושע

לאָיעוו און ווערען נישט ווילענדיג צוהערער פון דער לעקציע, וואָס דער יונגער לעהרער פון פערעיאַסלאַוו לייענט דאָ פאַר'ן יונגוואַרג. זיי קוקען זיך איבער צווישען זיך און האָבען הנאה, זעהט אויס. דערנאָך טהוט איהם אַ רוף דער אַלטער לאָיעוו:

— הער נאָר אויס, חברה-מאַן, וואָס איכ'ל ביי דיר פרעגען. מיין זוהן זאָגט מיר, אַז דו ביזט אין אונזערע אידישע ספרים נישט ווינציגער קלאָר, ווי אין זייערע ביכער. איך האָב געוואָלט הערען פון דיר, צי געדענקסט דו נאָך, וואָס רש"י וויל האָבען פון די בנות צלפחד?...

און עס געהט-אַוועק אַ שמועס פון רש"י. פון רש"י קומט מען אַרויף אויף דער גמרא. און עס געהט-אַוועק אַ פלפול פון לומדות און פון קענטעניש און פון השכלה, ווי געוויינליך צווישען אידען, וואָס זענען היימיש אין די קליינע אותיות...

דאָס רופט-אַרויס אַ סענסאַציע. דער פוראָר איז אַזוי גרויס, אַז דער אַלטער לאָיעוו לעגט-אַרויף אויף איהם די האַנט און זאָגט צו איהם:

— פון די אַלע לערנעכצען און קענטענישען האָבען מיר שוין געזעהען, אַז עס קומט צו עפּיס, למשל, אַ קוויטעל אָנשרייבען, איז נישטאָ קיין לשון... אַ סימן — אָט שטעהט אַ טינט און פען; נעם, זיי מוחל, שרייב מיר אָן אַ בריעף אויף רוסיש אין דער צוקער-פאַבריק צו דעם דירעקטאָר, אַז מע וועט איהם נישט צו-שטעלען מעהר קיין בוראַקעס, ביז ער וועט נישט צושיקען אַזויפיעל און אַזויפיעל געלט...

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס בריוועל איז געווען מעהר נישט ווי איין אָנשטעל, איין אויסרעד, אַ מין עקזאַמען. דאָס אָנגעשריבענע בריוועל איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און אַלע האָבען באַוואונדערט די זעלטענע האַנטשריפט, די קאַליגראַפיע פונ'ם בחור. דאָ איז איהם בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין רבי'ן מאָניש פון פערעיאַסלאַוו. דער מלמד רב מאָניש וואָלאָוו, וואָס האָט זיך באַריהמט געמאַכט מיט זיין „ביינדעל“, איז געווען אַ זעלטענער קאַ-

ליגראַף, אַ מין קינסטלער פון דער נאַטור. אַ גאָלדענע האַנט. מיט זיין געשריפטס האָט מען זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָדט. ער האָט געמאָהלט, ניט געשריבען. געווען אַ איד אַ כשר׳ער, אַ גרויסער ירא־שמים, און נישט פאַרשטעהענדיג קיין וואָרט רוסיש, האָט ער קאָנקורירט מיט׳ן שרייב־לעהרער פון דער „אויעזדנע״. עס איז געווען ניט צו גלויבען, אַז אַ האַנט, ניט אַ מאַשין, זאָל אַזוי קאָנען שרייבען! די תלמידים, און צווישען זיי אויך ראַבינאָוויטש׳עס קינדער, האָבען געבאַר געליטען פונ׳ם רבין מאָניש׳עס „בינדעל״. זיי האָבען אָבער אַ סך געגאַשט פון זיין קאַליגראַפיע, פון זיין שען רוסיש שרייבען, וועלכעס האָט זיי מיט דער צייט געבראַכט גרויסע נוצען...

דערמיט אַליין האָט זיך דער עקזאַמען נאָך נישט געענדיגט. דער אַלטער לאָיעוו האָט פאַרלאַנגט פונ׳ם יונגען לעהרער, ער זאָל זיך מטריח זיין דאָס אייגענע בריוועלע איבערזעצען אין העברעאיש, „ווייל דער דירעקטאָר פון דער צוקער־פאַבריק איז אַ איד״... אַזוי האָט דער אַלטער מאָטיווירט זיין פאַרלאַנג. און פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז אויך געווען שייך צום עקזאַמען... און נישט לאַנג געטראַכט, האָט דער לעהרער דאָס בריוועל איבער־געזעצט אין העברעאיש, מליצה׳דיג, אַזוי געפלייסט זיך, אַז דאָס כתב זאָל זיין וואָס שענער, געקינצעלט און געצוקט, די שורות געדיכט, אויסגעמאָסטען, פערעלדיג און צאַצקעדיג. דאָ האָט זיך שוין געמיהט דער זכות־אבות פון נאָך אַ פריהעריגען מלמד, פון רב זרח׳ען. דאָס וואָס דער רבי מאָניש איז געווען אין רוסיש איז דער רבי זרח געווען אין אידיש.

בקיצור, דער לעהרער האָט דעם אימפּראָוויזירטען עקזאַמען אויסגעהאַלטען גלענצענד. פאַר קוראַזש דרעהט זיך איהם אַזש דער קאָפּ. ער פיהלט, אַז עס פלאַמט איהם איין אויהער. די פאַנטאַזיע האַפּט איהם אַרויף אויף איהרע פליגלען און טראָגט איהם אַוועק אין דער וועלט פון זיסע חלומות און כישוף׳דיגע געדאַנקען. ער זעהט זיך אַ גליקליכען, אַ שיינענדיגען. יענער חלום פונ׳ם „אוצר״

הויבט-אָן מקוים צו ווערן, און גאָר אויף אַ נאַטירליכען אופן: ער קומט צו פאָהרען אויפ'ן אָרט, אַזוי שטעלט ער זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע, באַקענט זיך מיט'ן אַלטען לאָיעוו'ס טאָכטער... זיי פארליעבען זיך איינס אין דאָס אַנדערע און דעקען-אויף זייער סוד פאַר'ן אַלטען... דער אַלטער לעגט-אַרויף אויף זייערע קעפּ זיינע הענט און בענטשט זיי: „זייט גליקליך, ליעבע קינדער!“... שרייבט דער בחור אַוועק אַ בריעף צו זיין טאַטען קיין פּערעיאַס-לאַוו: „אַזוי און אַזוי, ליעבער פאָטער, קום צו פאָהרען“... און מע שיקט-אַרויס נאָך איהם אַ פאַעטאָן מיט ברענענדיגע פערד... און סאַמע אין רעכטען חלום שלאָגט מען איהם איבער. דער אַלטער לאָיעוו געהט-צו צו איהם, רופט-אָפּ דעם בחור אויף אַ זייט און הויבט-אָן צו רעדען מיט איהם מכּח „אַכצעהן און דריי-צעהן“. דאָס הייסט, וועגען געצאָהלטס. „אָדער אפשר וועלען מיר דאָס איבערלאָזען אויף איין אַנדערס מאָל, אויף שפּעטער?“ „לאָז זיין אויף איין אַנדערס מאָל, אויף שפּעטער“... און ער פיהלט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאָר-וואָס זיס איינגעדרימעלט און גע-פלאָנטעט חלומות — פּלוצים איז מען געקומען און מע האָט איהם אויפגעוועקט!... ווי אַ רויך זענען זיך צעגאַנגען די זיסע חלומות. ווי אַ שאָטען האָט זיך אויפגעהויבען די צעוואַרעמטע פאַנטאַזיע, און דער גאַנצער בּישוף מיט'ן אוצר, מיט אַלע גוטע זיסע געדאַנ-קען, זענען פאַרשוואונדען געוואָרען.

. . . .

דערווייל ווערט נאַכט און מע דאַרף שוין פאָהרען. פון דער שטאָדט באָהסלאַוו ביז'ן דאָרף איז נאָך דאָ אַ פּאָר מייל. צוויי שעה פאָהרעכטס. די פערד שטעהען שוין געשפּאַנט. אַנדריי דער קוטשער טראָגט אַ גאַנצע וואַליזע אין פאַעטאָן אַריין. אין דרויסען איז קיהלבליך.

— אָט אַזוי ועסט דו פאָהרען? — זאָגט דער אַלטער לאָיעוו

צום לעהרער. — דו געהסט דאָך אָדם=נאַקעט; ווערסט דערפרוירען ווערען, צו אַלדי גוטע יאָהר! אַנדריי! אַהער די בורקע!

אַנדריי שלעפט=אַרוים פון אונטער זיך אַ וואַרעמע וואָלענע בורקע. דער אַלטער אַליין העלפט דעם לעהרער די בורקע אָנטהון אויף די אַרבעל. די בורקע איז רעכט וואַרעם און עס איז איינגע=נעהם אין איהר צו זיצען. נאָר עס געהט איהם ניט איין. וואָרום דאָס מיידעל שיווקע בערעלע עטעל׳ם, מיט איהרע קאַוואַליערען שטעהען ביי׳ם פענסטער און זעהען, ווי דער אַלטער טהוט איהם אָן די בורקע. עס דאַכט זיך איהם אוים, אַז זיי לאַכען.... און פאַר׳ן קוטשער, פאַר אַנדרייען, איז אויך אַ בזיון. וואָס טראַכט זיך וועגען איהם אָט דער גוי?....

69

אַ איד אַ פאַמעשטשיק

אַ אידיש-פּריציש הויז. — ער לערענט זיך דעם שלחן-ערוך פון עטיקעט. — דעם אַלטען לאָיעח׳ס ביבליאָטעק. — אַ זעלטענער טיפּ פון אַ אידישען גוטבאַזיצער.

עס איז שוין געווען רעכט נאַכט, אַז זיי זענען אַריינגעפאַהרען אין דאָרף אַריין אַלע דריי: דער אַלטער לאָיעוו, זיין זוהן דער משכיל יהושע און דער יונגער לעהרער פון פּערעיאַסלאַוו. דורכגעפאָהרען פאַרביי אַ סך נידעריגע פינסטערע גויישע הייזלעך און דורכגעלאָזט אַ גרוים ברייט גרין פעלד — אַ „וויגאָן“ ווערט דאָס אָנגערופען אין דאָרף — און אַ גרויסען „טויק“ מיט הויכע סטערטעס שטרוי און היי און נאָך ניט געדרעשט ברויט, האָט זיך דער פאַעטאָן אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסען ברייטען פּריצישען הויף. דער קוטשער אַנדריי האָט נאָך ניט באַוויזען אָפּצושטעלען די פערד, האָט זיך דער הילצערנער טויער ווי פון זיך אַליין ברייט צעעפענט. ביי׳ם טויער איז געשטאַנען אַ גוי אָהן אַ היטעל. דער גוי האָט זיך טיעף פאַרנייגט פאַר׳ן בעל-הבית און דורכגעלאָזט דעם פאַעטאָן, וועלכער האָט זיך נאָך אַ ווילע געקייקעלט ווי אויף אַ ווייכען טאַפּעט און איז צוגעפאָהרען צו אַ גרויסער, ברייטער, ניט קיין הויכער, ווייסער פּריצישער שטוב, דוקא מיט שטרוי געדעקט, און מיט צוויי גרויסע גאַנקעס ביי די זייטען. פון יענער זייט שטוב — אַ גאָרטען. אינווענינ איז די שטוב, ווי

אויסוועניג, געקאַלכט מיט ווייסען. פראָסט מעבלירט. אַ סך פענסטער. חדרים — אָהן אַ שיעור. אין שטוב דרעהען זיך אַרום דיענסטען מיט שטילע טריט, אַזוי ווי שאָטענס. אויף די פיס ביי זיי — ווייכע שיך, ס׳זאָל ניט קלאַפּען. קיינער וואַגט ניט אַ וואָרט אויסצורעדען, בעת דער אַלטער איז אין דער היים. אַ שטרענגע דיסציפּלין. רעדען הערט מען נאָר איהם אַליין, דעם בעל=הבית. זיין לייבענשטים קלינגט, ווי אַ גלאָק. אינ׳ם ערשטען גרויסען חדר, ביי אַ לאַנגען שען געדעקטען טיש, איז געזעסען אַ פרוי, אַ יונגע, אַ הויכע, אַ שענע. דאָס איז דעם אַלטענ׳ס ווייב, די צווייטע פרוי. נעבען איהר איז געזעסען אַ מיידעל פון אַ יאָהר דרייצעהן=פערצעהן, זייער איינציגע טאָכטער, אַ קאָפּיע פון דער מוטער. דער אַלטער האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם יונגען לעהרער און מע האָט זיך געזעצט עסען וועטשערע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט זיך געפונען ביי אַ אַריסטאָקראַטישען טיש, וואו דאָס עסען קומט=פאָר מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, סערווירט פון אַ לאָקיי מיט ווייסע הענטשקעס. דער לאָקיי איז אפילו אַ בראָסטער שייגעץ מיט׳ן נאָמען „וואַניקאַ“, נאָר דער אַלטער האָט איהם אויסגעקליידט און אויסגעדרעסירט אויפ׳ן פריצישען שטייגער. פאַר אַ מענטשען, וואָס איז ניט געוואוינט געוואָרען צו אַ סך טעלער און טעלערלעך, לעפעל און לעפעלעך, גלעזער און גלעזלעך, איז שווערליך אויסצוהאַלטען אַזאַ אַריסטאָקראַטישען טיש און נישט פאַרזינדיגען זיך קעגען אַלע פאָדערונגען פון עטיקעט. מע דאַרף זיין אויף דער וואַך, האַלטען קאָפּ... מע מוז זיך מודה זיין, אַז דער בחור האָט ביז דעמאָלט ניט אָנגעהויבען צו ויסען, אַז מע זיצט ביי׳ם עסען, באַדאַרף מען אָפּהיטען דעם גאַנצען שלחן=ערוך פון עטיקעט, וואָס אין אַ געוויינליכער אידישער שטוב איז מען אויף דעם ניט מקפּיד. אין אַ געוויינליכער אידישער שטוב עסען אַלע פון איין טעלער, טונקען=איין די פרישע חלה אינ׳ם פעטען סאָאוס, אָדער עסען גאָר מיט די הענט. אין אַ בעל=

הבתישער אידישער שטוב ווייסט מען ניט פון קיין באַזונדערע דינים און מנהגים, ווי אַזוי צו זיצען ביי'ם טיש און צו באַדיענען זיך מיט'ן לעפעל, מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל. אין אַ בעל־הבתישער אידישער שטוב איז גענוג, אַז מע ווייסט, אַז מע באַדאַרף איבערלאָזען אין טעלער אַ שטיקעל פיש אָדער פלייש, „אויף דרך־ארץ“. ווייטער מעג מען זיצען ווי אַזוי מע וויל, עסען וויפיעל מע וויל, און רייניגען די צייהן מיט'ן גאָפּעל איז אויך אָהן אַ סכנה. ווער זאָגט עס דען, אַז ס'איז פאַרהאַן ערגיץ אַ מין עטיקעט אויף דער וועלט? ווער און וואו האָט דאָס אַזאַ שלחן־ערוך אַמאָל געשריבען? ניין, די אַלע דינים און מנהגים פון עטיקעט האָט דער יונגער רעפּעטיטאָר אין ערגיץ ניט אויסגעלייענט. ער האָט נאָר אין זינען געהאַט איין זאַך: אַז מע דאַרף נאָכקוקען, וואָס אַ נ ד ע ר ע ט ה ו ע ן — נישט מעהר. פאַרשטעהט זיך, אַז קיין הנאָה פון'ם עסען קאָן מען ניט האָבען, אַז מע דאַרף תמיד זיין אויף דער וואַך, שטענדיג אַכטונג געבען, טאָמער האָב איך געהאַפּט איין איבעריגען ביסען, אָדער טאָמער האָב איך דאָס מעסער מיט'ן גאָפּעל נישט געהאַלטען ווי עס געהער צו זיין, אָדער טאָמער האָב איך צו אַ שטאַרקען זופּ געטאָהן, אָדער טאָמער האָט עמיצער געהערט ווי איך קיי... דאַנקען גאָט, דעם עקזאַמען פון עטיקעט האָט דער לעהרער אויך אויסגעהאַלטען גלענצענד, נאָר פון'ם טיש איז ער די ערשטע עטל'כע מאָל אַוועקגעגאַנגען אַ הונגעריגער. נאָך די אַלע שענע צערעמאָניעס, פיעלע פּאָטראַוועס און אויסגעצייכענטע מאכלים האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַ שטיקעל פריש ברויט מיט הערינג און מיט ציבעלע, און נאָך הייסע זאַמדיגע קאַרטאָפעל אין די העמדלעך, און נאָך אַ גוטע קרויט, וואָס לאָזט זיך הערען דערנאָכדעם אַ גאַנץ מעת־לעת... עס האָט געמוזט נעמען צייט, ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט צו דעם רעזשים פון ציערליך־מאַניערליך. דערווייל האָט דער בחור געמוזט, ווי עס רעדט זיך, נאָכשטופּען די קאַרעטע. „האַלטען שטאַט“, ניט אַרויסגעבען זיך חלילה מיט זיינע דעמאָקראַטישע

געננג און פראָלעטאַרישע געוואוינהייטען. מיט איינעם וואָרט — זיין גלייך מיט אַלע. און דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז מע האָט דאָ געקוקט אויף איהם פון דעם ערשטען טאָג אָן ניט ווי אויף אַ פרעמדען, נאָר ווי אויף אַ גלייכען, איין אייגענעם. פאָרט אַ „טאַטעג'ס אַ קינד". אַזוי האָט גע'פסק'ענט דער אַלטער און האָט גאַנץ אָפענטליך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דעם לעהרער איהם אין די אויגען, אַז ער, דער לעהרער, איז אַ „טאַטעג'ס אַ קינד". און אַ „טאַטעג'ס אַ קינד" באַדאַרף מען אַנדערש באַהאַנדלען.

קודם כל, האָט מען איהם אָפגעגעבען אַ באַזונדער חדר, צוגעקליבען פראָסט, נאָר מיט אַלע באַקוועמליכקייטען און מיט דער בעסטער באַדיענונג. דאָרט האָט ער געהאַט גענוג צייט און גענוג פרייהייט צו טהון וואָס ער וויל. לערנען מיט דער שילערין איז גענוג געווען אַזעלכע צוויי־דריי שעה אין טאָג. די איבעריגע צייט האָט ער געקאָנט אויסנוצען פאַר זיך — לייענען ביכער אָדער שרייבען. און געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס ס'איז געקומען צו דער האַנט. דער אַלטער האָט אַליין ליעב געהאַט צו לייענען און האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט אויף צו קויפען אַלע מאָל נייע ביכער. און אַזוי ווי קיין אַנדער שפּראַך, אַ חוץ העברעאיש, האָט דער אַלטער ניט געלייענט, איז זיין ביבליאָטעק באַשטאַנען מעהר פון העברעאישע ביכער (אידיש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין דער מאָדע). קלמן שולמאַן, מאַפו, סמאָלענסקין, מאַנדעלקערען, גאָטלויבער, יהל"ל, יצחק־בער לעווינזאָהן, מרדכי־אהרן גינזבורג, יצחק ערטער, דאָקטאָר קאַמינער, חיים־זעליג סלאָנימסקי — אָט דאָס זענען געווען די נעמען פון די שרייבערס, וואָס האָבען באַשיינט די ביבליאָטעק פון דעם דאָרפישען מאַגנאַט, דעם פּאָסעסאָר לאָיעוו. אין די אַלע אויסגערעכענטע ביכער איז דער אַלטער לאָיעוו געווען קלאָר כמעט אויף אויסוועניג און האָט ליעב געהאַט זיי ציטירען און דערצעהלען פון זיי אַלע מאָל איבער־אַ־גייעם. עס איז זעלטען געווען צו באַגעגענען אַ מענטשען מיט

אַזאַ זכרון און מיט אַזאַ כח הדבור, ווי דער אַלטער לאָיעוו. ער
האָט געהאַט איין אמת'ען טאַלאַנט אויף איבערצודערצעהלען אַ
זאַך מיט זיין אייגענעם לשון. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז
געווען איין אָראַטאָר. ער האָט געהאַט אין זיך אַ גוזמא הומאָר.
זיינע מעשיות זענען געווען שפּאַנענדיג. אַ מענטש פון גרויסע
ערפאַהרונגען און אַ סך איבערלעבענישען, האָט ער געהאַט צו
דערצעהלען און צו דערצעהלען, און אַלע מאָל מיט גרויסען אינ=
טערעס. ער האָט ניט נאָר דערצעהלט — ער האָט גערידכטעט, גע=
שאַפען, געמאָהלען בילדער מיט אַלערליי פאַרבען. דאָרט וואו ער
האָט זיך געפונען, האָבען געמענט זיין ווער ווייסט וויפיעל מענ=
טשען, האָט מען געהערט נאָר איהם, און ווייטער קיינעם ניט.

בכלל איז דאָס געווען אַ זעלטענער טיפּ, אַ גרויסער אָריגי=
נאַל, אַ איד גישט ווי אַלע אידען. אויסגעוואַכסען און דערצויגען
געוואָרען אין אַ פרומער אידישער שטוב, אין אַ אידיישער שטאָדט,
אין באָהסלאַוו, איז געווען צו באַוואונדערען, ווי אַזוי איז דאָס
אַרויסגעוואַכסען פון דאָרט אַזאַ מין עקזעמפּליאַר? ווי קומט צו
אַ באָהסלאַער אידען גאָר אַ השגה צו פיהרען אַ פּריצישען שטאַט,
ליעב האָבען ערד און אָפּגעבען זיך אינגאַנצען צו פעלד=אַרבייט?
עס איז ווערטה געווען אָנצוקוקען איהם אין אַ פריה=מאָרגען, אָנ=
געטאָהן אין הויכע גלאַנצענדיגע באָטפאָרטען און אין אַ קורץ
סאַמעטען רעקעל ביז די קניה, שטעהן אויפ'ן טייך ביי דער
דרעשמאַשין, קאָמאַנדעווען מיט די אַרבייטער און וואַרפען
די סנאָפּעם אין קאַסטען אַריין, אָדער דרעהען די „ווערעלקע",
אָדער וואַרפען מיט דער „רעשעטע". אומעטום איז ער געווען
אַליין: ביי'ם אַקערען, ביי'ם זעען, ביי'ם פאָלען, ביי'ם גראָבען,
ביי'ם שניידען, ביי'ם אַריינפיהרען און אַרויספיהרען די תבואה,
ביי די פערד, ביי די אָכסען, ביי די בהמות — אומעטום אַליין.
איך מיין, אַז אויב עס וואָלט ווען אַמאָל געווען נויטיג צו באַוויי=
זען פאַר פרעמדע פעלקער אַ מוסטער פון אַ אידען אַ פּאָמע=
שטשיק, אַ גוטבאַזיצער און איין אמת'ען פעלדאַרבייטער, וואָלט

דער אַלטער לאַיעוו געווען דער בעסטער מוסטער. בריסטען האָבען אָפּענטליך אַרויסגעזאָגט, אַז ביי דעם אידען באַדאַרף מען זיך נעהן לערנען, ווי צו פיהרען בעל־הבתישקייט, ווי צו באַאַרבייטען די ערד אויפ'ן בעסטען שטייגער און ווי צו באַגעהן זיך מיט די אָרעמע אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זיין צופריעדען. אַלע מוזשיקעס פון דאָרף, אָהן אַ שום אויסנאַהם, זענען געווען נאָך איהם די כפּרה. ניש נאָר האָבען זיי געציטערט פאַר איהם און געהאַט דרך־ארץ — זיי האָבען איהם ליעב געהאַט, פשוט ליעב געהאַט. דערפאַר, וואָס ער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי, ווי אַ מענטש, ווי אַ פריינט און ווי אַ פאָטער. אַזאַ מין באַנעמונג האָבען די גויים קיינמאָל ניט געזעהען פון די פריהעריגע בעלי־בתים, פון די פּוילישע פריצים. מע דאַרף געדענקען, אַז דער עלטערער דור מוזשיקעס האָבען נאָך ניט פאַרגעסען דעם טעם פון „פּאַנשטשינע“. אויף זייערע לייבער האָבען זיי נאָך געטראָגען סימנים פון „שמיץ. און דאָ באַגעהט מען זיך מיט זיי, ווי מיט מענטשען, ניט ווי מיט „סקאָט“. היינט דער צוטרויען, וואָס זיי האָבען געהאַט צום בעל־הבית. זעלטען ווער פון זיי אינ'ם גאַנצען דאָרף האָט געקאָנט צוגויפרעכענען, וויפיעל עס באַטרעפט צוויי מאָל צוויי. ביי'ם חשבון האָבען זיי זיך איינגאַנצען פאַרלאָזט אויפ'ן אַלטען. זיי זענען געווען זיכער, אַז ער וועט זיי ניט אָפּנאַרען אויף קיין פרוטה אפילו.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ ווענדונג וואָלט אָנגענומען די היסטאָריע פונ'ם אידישען פאָלק און וואָס פאַר אַ ראָלע מיר וואָלטען געשפּיעלט אין דעם עקאָנאָמישען און אין דעם פּאָליטישען לעבען פונ'ם לאַנד, ווען ניט די געוויסע „ווערעמענע פּראַווילעס“, וואָס דער מיניסטער איגנאַטיעוו האָט אָנגעחמאַרעט אויף די אידען, אַז זיי זאָלען ניט טאָרען זיצען אין די דערפער און ניט קויפען און ניט דינגען קיין ערד אויף צו באַאַרבייטען. איך זאָג עס דערפאַר, ווייל אַזעלכע פעלד־בעלי־בתים, ווי דער אַלטער לאַיעוו, זענען אין יענעם געגענט, ווי אויך אין אַנדערע געגענטען פון דער געבענטשטער „טשערטאַ“, געווען ניט

קיין זעלטענהייט. באָהסלאַווער, קאַניווער, שפּאָלער, רזשישטשעווער, טאַראַשטשער, זלאַטאָפּאָליר, אומעניר און נאָך אַ סך אַנדערע אידען האָבען זיך אַ לאָז געגעבען פון די קליינע שטעדטלעך אין דאָרף אַריין, אָפּגעדונגען גרויסע און קליינע פּאָסעסיעס, גענומען אין דער אַרענדע פּריצישע פאָלוואַרקעס, באַוויזען וואונדער, געמאַכט פון שלעכטער ערד, פון פאַרלאָזענע חורבות איין אמת'ען גן-עדן. דאָס איז ניט קיין איבערטרייבונג, קיין גוזמא-זאַך. די דאָזיגע ווערטער האָט דער פאַרפאַסער פון די דאָזיגע כּתבים אַליין געהערט פון אַ באַריהמטען רוסישען פּאָמעשטשיק, אַ כּריסט, מיט'ן נאָמען וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש סימערענקאָ, מיט וועלכען דער אַלטער לאַ'עוו איז געשטאַנען אין נאָהענטע געשעפטס-פאַרבינדונגען און מיט וועלכען מיר וועלען זיך נאָך באַגעגענען. מיט איינעם וואָרט — איהר האָט פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ אידען אַ פּריץ, אַ אידען אַ פּאָמעשטשיק, וואָס איז, ליידער, דורך אַ בייזער האַנט אַרויסגעריסען געוואָרען מיט'ן וואָרצעל און איז אָפּגעשטאָרבען פאַר דער היסטאָריע אפשר אויף לאַנגע-לאַנגע יאָהרען.

70

דאס לעבען אין דאָרף

דאָס דאָרף „סאָפּיעווקאַ“. — דער מחבר פון די באַשרייבונגען באַקענט זיך מיט דער דרויסענדיגער וועלט. — דריי גוטע יאָהרען. — דער לעהרער מיט דער שילערין ווערען נאָהענט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. — ביי די ביכער, אויפ'ן פעלד און ביי שכנים.

דאָס דאָרף, וואוהין דער פּערפאַסער פון די דאָזיגע געשיכטעס איז געבראַכט געוואָרען, האָט געהערט צום גראַף בראַניצקי און האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען „סאָפּיעווקאַ“. געבראַכט איז ער געוואָרען אַהער אַלס אָנגעשטעלטער, אַלס לעהרער, אויף אַ קורצע צייט, און איז שוין פאַרבליבען דאָ אויף שטענדיג. דאָ האָט ער געפונען זיין צווייטע היים. דאָ האָט זיך פאַרזיגעלט, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זעהען, זיין גליק און זיין לעבען אויף אייביג... דערווייל האָט ער אַלס לעהרער פאַרבראַכט אין דעם דאָרף עטוואָס קאַרגער פון דריי יאָהר. די דאָזיגע דריי יאָהר מעגען פאַרצייכענט ווערען אַלס די בעסטע, די שענסטע און די גליקליכסטע פון זיינע יאָהרען. מע קאָן זאָגען, אַז דאָס איז געווען באמת דער פריהלינג פון זיין לעבען. דער פריהלינג אין אַלע אופנים. דאָ האָט ער געהאַט די בעסטע געלעגענהייט נעהענטער צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור, מיט גאָט'ס וועלט, מיט גאָט'ס ערד. מיט דער ערד, פון וואַנען מיר זענען אַלע געקומען און וואוהין מיר אַלע זענען אָנגעברייט אַוועקצוגעהן. דאָ האָט ער דערזעהען, פאַרשטאַנען און דערפיהלט, אַז אונזער אָרט איז דאָ, אויף

דער נאטור, און ניט נאר אט דארטען, אין דער שטאדט. דא איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מיר זענען א טייל פון דער גרויסער, דרויסענדיגער וועלט, און אז מיר האבען אלע מאל געבענקט און וועלען תמיד בענקען נאך דער מוטער-ערד. אז מיר האבען אלע מאל ליעב געהאט און וועלען תמיד ליעב האבען די נאטור. אז עס האט אונז אלע מאל געצויגען און עס וועט אונז תמיד ציהען אין דארף אריין. איך וויל האפען, אז דער גוטהארציגער לעזער וועט מיר איצטיגס מאל מוחל זיין פאר מיין קורצע הקדמה. איך קאן מיך ניט דערמאנען אן דעם דארף און ניט ארויסזאגען די געפיהלען, וואס זענען מיט דעם פארבונדען. און האב איך שוין ארויסגעזאגט, קאנען מיר שוין אריבערגעהן צום דארף גופא און געבען א געניויע באשרייבונג פונ'ם דארפישען גליקליכען לעבען.

געשלאפען אין א גרויס ליכטיג צימער ביי פארמאכטע לאדען, חאפט זיך אויף דער לעהרער אין דער פריה, טהוט א שטופ מיט דער האנט פון זיך — עפענט זיך אויף דאס פענסטער מיט'ן לאדען אינאיינעם, און עס רייסט זיך אריין א סנאפ ליכט, מיט א ווארעמקייט פון דער זון, מיט איין ארא͏מאט פון רעזעדא, אויסגעמישט מיט א ריח פון מיענטע און פון פאלין, מיט נאך פארשיידענע מינים ריחות פון גראזען, וואס מע ווייסט ניט זייערע נעמען. די גראזען זענען, זאגט מען, דא געווען אמאל פארזעעט פונ'ם גראף בראניצקי. נאר איצט וואקסען זיי אליין פון זיך, אינאיינעם מיט'ן פראסטען בוריאן, שטעכעלקעס און קראפיווע. אין מיטען זומער זענען די גראזען אזוי' הויך געוואקסען, אז דער לעהרער מיט דער שילערין זענען ניט איין מאל געגאנגען ביז איבער'ן האלז און האבען זיך געקאנט באהאלטען איינס פון דאס אנדערע און זיך נאכדעם לאנג זוכען און — געפינען. פונ'ם אויפעפענען דאס פענסטער מיט'ן לאדען האט א קוואקעדיגע הוהן מיט איהר משפחה זיך ספאלאשעט און א ביסעל אפגעטרעטען

אויף אַ זייט. זי האָט זיך אָבער באַלד אומגעקעהרט צוריק, געשאַרט און געפּיקט אין מיסט און געלעהרענט אויך די קליינע היהנדעלער, ווי אַזוי צו שאַרען און צו פּיקען

דאָס אויפשטעהן, דאָס אָנטהון זיך מיט׳ן איינוואַשען זיך נעמט נישט קיין סך צייט, און עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי שפּעט. נאָר אַז דער לעהרער קומט־אַרויס, טרעפט ער שוין קיינעם נישט אין שטוב. דער אַלטער לאָיעוו איז שוין לאַנג ביי דער אַרבייט אויפ׳ן „טויק“, פון וואַנען עס לאָזט זיך הערען דאָס גראַגערען פון דער דרעשמאַשין. דעם אַלטענ׳ס פרוי איז ביי די אינדיקעס, ביי די גענז מיט די קאַטשקעס און די איבעריגע עופות — אַ גאַנצע מלוכה פון עופות! פון די ברייטע פעלדער ציהען זיך פּאַוואָלי גרויסע אָקסען־פוהרען מיט׳ן אָפּגעשניטענעם ברויט. פון דער ווייטען קאָן מען האַפּען מיט׳ן אויג דעם לאַן מיט ווייץ. אַ סך איז שוין אָפּגעשניטען און צונויפגעלעגט קופּעסווייז אין די סנאָפּעס. און אַ סך שטעהט נאָך אין די געלע צייטיגע זאַנגען, ריהרט זיך און שאָקעלט זיך הוואַליסווייז פון אַ גרינג ווינטעלע, וואָס לויפט פאַרביי. אויף יענער זייט לאַן, דאָרט וואו עס ענדיגט זיך דאָס ברויט, הויבען זיך אָן די גרויסע גרינע בלעטער פון די בוראַקעס, וואָס וואַקסען גלייכע שורות־ווייז. צווישען זייערע רייהען, גאַנץ שיטער, שטעהען, ווי סאָלדאַטען אויף דער וואַך, די הויכע „סאָנישניקעס“ מיט די גרויסע געלע קוטשמעס. פייגעלער האָבען ליעב צו קלויבען זיך אַרום די סאָנישניקעס און אַרויספּיקען פון זיי איינציגווייז די נאָך ווייסע, נאָר שוין זיסע, סעמעטשקעס. נאָך ווייטער געהט דאָס דעמבענע געדיכטע וועלדעל, מיט׳ן נאָמען די „טורטשינא“. דעמאָלט, ווען פּריצים זענען דאָ געזעסען, איז מען געגאַנגען אַהער שיסען, „נאַ פּאָליעוואַניע“. איצט, אַז די פּאָסעסיע האַלט אַ איד, קאָנען די אומשולדיגע האָזען און גאָר די נשמה שולדיגע פייגעלער זיין גאַנץ רוהיג. אידען שיסען נישט. אידען קאָנען באַשטעהן צו ציהען אַנדערע נוצען פונ׳ם וואַלד. פון דעם וואַלד האָט דער אַלטער לאָיעוו אַרויס־

א ידישע פאלקס שולע
ביבליאטעק
מאנטרעאל

געפיהרט אַ היבש ביסעל געהילץ און האָט אָנגעבויט שטאַלען מיט שטעלעכלעך, קאַמערען מיט קעמערלעך, אַמבאַרען פאַר תבואה און סאַראַיען מיט סטאַנים פאַר אָכסען און פאַר פערד, און וועגען און שליטענס און נאָך זאַכען, וואָס ווערען אָנגערופען מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען „רעמאָנענט“.

נאָכ'ן ערשטען אָנבייסען און נאָך דער ערשטער שטונדע מיט דער שילערין נעמט דער לעהרער אַ שפּאַציער אין גאָרטען. אַמאָל אַליין און אַמאָל אינצווייען, טאַקי מיט דער שילערין. עס איז שווער צו זאָגען, ווען איז דער גאָרטען שענער: צי אַרום שבועות-צייט, ווען די ביימער האַלטען אין רעכטען בליהען? צי דעמאָלט, ווען עס האָבען זיך נאָר-וואָס אָנגעהויבען צו רויטלען די' ווימפּערלעך מיט די אַגרעסען? צי העט-שפּעט, שוין סוף זומער, ווען די עפּעל הויבען-אָן אַליין צו פאַלען און עס בלייבען די פאַרשפּעטיגטע קיילעכיגע שוואַרצע פלאָמען, וואָס מע רופט זיי „טשערקוסען“? אין יעדער צייט האָט זיך דער גאָרטען זיין רייץ מיט זיין חן. אין יעדער צייט געפינען די שפּאַציערענדע, דער לעהרער מיט דער שילערין, עפּיס נייעס. מעגען זיין די אַגרעסען נאָך גרין אַזוי ווי גראָז און זויער אַזוי ווי עסיג — מאַכט נישט אויס. מע צעשטעכט זיך די הענט און מע רייסט-אַרויס די גרעסטע פון זיי, די וואָס הענגען אַראָפּ און לייכטען זיך דורך אויף דער זון. און ווער שמועסט אַ ביסעלע שפּעטער, ווען די ווימפּערלעך גיסען זיך אָן מיט רויטען וויין און בלישטשען אויף דער זון — דעמאָלט בעטען זיי זיך, מע זאָל פאַרזוכען נאָך אַ בינטעל און נאָך אַ בינטעל. מע פאַרזוכט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערען הייליג די ציינער. דאָס אייגענע איז מיט די ווינשעל און מיט די קאַרשען און מיט די אַלע איבעריגע אויבסטען און פירות, וואָס קומען-אויף און ווערען צייטיג נים אַלע אויף איין מאָל. אמת, דאָס זענען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס מע קריגט עס אין שטאָדט אויך, וואָס מע קאָן עס קויפען פאַר געלט. עס האָט אָבער נישט דעם טעם מיט דעם ריח, ווי בעת איהר רייסט דאָס אַליין אַראָפּ פונ'ם בוים.

דבפרט אַז איהר זענט ניט אַליין, נאָר אינצווייען מיט אַ מיידעל, וואָס איז אייך ליעב און טייער, מיט אַ מיידעל, וואָס איהר זענט איהר ליעב און טייער, ווי איין אייגענער, ווי אַ ברודער....

ווי' דען האָט די שילערין אַנדערש געקאָנט באַציהען זיך צום לעהרער, אַז ניט ווי צו אַ ברודער, ווען איהרע פאָטער און מוטער האָבען זיך באַצויגען צו איהם, ווי צו אַ קינד? עס איז ניטש געווען קיין שום אונטערשייד ביי זיי צווישען איהם און צווישען זייערע אייגענע קינדער. אַזוי ווי די אייגענע קינדער, אַזוי האָט דער לעהרער זיך געבאָדען אין גוטס, ניטש געוואוכט פון קיין ברויט און פון קיין זאָרג און פון דעם, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט. דאָס מין געלט האָט אין יענער שטוב בכלל ניטש עקזי- סטירט. דאָס הייסט, געלט איז געווען אַ סך, גאָר אַ סך. נאָר קיינער, אויסער דעם אַלטען, האָט ניטש געוואוסט די ווערטה פון דעם און ניטש געפיהלט, אַז עס פעהלט. אַלץ איז געווען גרייט און אַלץ פון דער פולער ברייטער האַנט. דאָס עסען, דאָס טרינקען, דאָס קליידען זיך און שוכען זיך און דאָס אַרויספאָהרען מיט'ן גלאַנץ און מיט'ן קנאַק. אויף יעדען טריט אַ באַדיענער. מענטשען און פערד וויפיעל איהר ווילט און ווען איהר ווילט. און באַווייזט איהר זיך אין דאָרף, בויגען זיך פאַר אייך אַלע גויים, נעמען- אַראָפ דאָס היטעל. געבוירענע גראַפען באַדאַרפען זיך ניט פיהלען בעסער, פרייער און בכבוד'ער.

געקומען דער אַלטער פון דער אַרבייט, באַדעקט פון קאָפ ביז פיס מיט שטויב, מיט שטרוי און מיט זאַנגען. ער וואַרפט- אַראָפ די לאַנגע שטיוועל, וואַשט זיך איין, טהוט זיך איבער און באַקומט איין אַנדער אויסזעהען. ער זעצט זיך אַוועק צום שרייב- טיש, נעמט זיך צו דער פאָסט, וואָס אַ שייגעצעל האָט געבראַכט צו פיהרען פון דער סטאַנציע „באַראַניעפאָליע“, רייטענדיג אויף אַ פערד מיט אַ טאָרבע איבער די פלייצעס. איבערגעקוקט די

פּאַסט, רופֿט ער צו דעם לעהרער, ער זאָל שרייבען ענטפֿער אויף די בריעף. דער לעהרער טהוט די אַרבייט געשיקט, וואָרום ער פֿאַרשטעהט דעם אַלטען אויפֿ'ן קוק און ווייסט די גאַנצע קאָרעס־פּאָנדענץ אויף אויסווענדיג. דער אַלטער האָט פֿיינט איבער'חזר'ען אַ זאַך צוויי מאָל און האָט ליעב, מע זאָל איהם פֿאַרשטעהן וואָס ער וויל, נאָך איידער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט. אַליין אַ פֿלינקער אַרבייטער, האָט ער ליעב צו זעהען, אַז די אַרבייט זאָל ברענען אונטער די הענט. פֿאַרטיג געוואָרען מיט אַלע אַרבייט, זעצט מען זיך עסען. זעלטען עס זאָלען ניט זיין עטליכע זייטיגע, פֿרעמדע מענטשען ביי'ם טיש. דאָס זענען מעהרסטענטהייל געסט, שכנים, פּאָסעסאָרס, אָדער סוחרים, וואָס זענען געקומען קויפֿען ווייץ, האָבער, גערשטען, אָדער אַנדערע תבואות. ביי'ם טיש הערשט, ווי איך האָב שוין פֿריהער באַשריבען, אַ שטרענגע דיסציפּלין. קיינער וואַגט ניט אַ הויך וואָרט אויסצורעדען, נאָר דער אַלטער קלינגט, ווי אַ גלאָק. ביי איהם לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס קיין שטאָף. ער האָט אייך אויף אַלסדינג אַ מעשה, אַ משל און אַ גלייכ־וואָרט, וואָס מאַכט אייך צום דענקען און צום לאַכען. וואָרום איהר האָט ניט געזעהען אַ צווייטען, וואָס זאָל אייך קאָנען אַזוי אינטע־רעסאַנט דערצעהלען און קאָפּירען, נאָכמאַכען יעדען איינציגען מיט אַלע פּליטערלעך — איין אמת'ער טאַלאַנט, חאָטש ביי דער וועלט, צווישען אידען, האָט ער געהייסען אַ מאָדנער איד, אַ „משודאַק“ און אַ „שגעון“. און דאָך האָבען סוחרים ליעב געהאַט מיט איהם צו האַנדלען, ווייל דאָס וואָרט איז ביי איהם געווען הייליג, און האָט ער אייך עפּים פֿאַרקויפֿט, האָט דאָס געמעגט ווערען ווי פֿייערער, האָט איהר געקאָנט זיין זיכער, אַז קיין חרטה וועט ניט זיין. דאָס איז געווען אָהן אַ שום פּרינציפּען און פּרעטענזיעס, נאָר פּראָסט און פּשוט די נאַטירליכע אָרענט־ליכקייט, וואָס ווייסט ניט פֿון קיין דריידלעך און האָט פֿיינט קרומע פֿאַלשע וועגען. אין דער סוחר'ישער וועלט הייסט אַפּילו אַזאַ נפש, הינטער די אויגען געוויינליך, אַ „משוגענער מענטש“.

נאָר מע האָט בעסער ליעב מיט אַזאַ משוגעגעם צו האָבען געשעפט, ווי מיט איין אַנדערען אַ קלאָרען.

נאָכ'ן טיש לאָזט מען איבער דעם אַלטען מיט די געסט, זיי זאָלען זיך דאָרטען שמועסען און מאַכען געשעפטען, און דער לעהרער מיט דער שילערין זעצען זיך אַוועק לערנען, שטודירען, לייענען. איבערהויפט לייענען. מע לייענט אַלץ, וואָס עס קומט צו דער האַנט, אָהן אַ קאָנטראָל, אָהן אַ סיסטעם און אָהן איין איבערקלויבען. צום מיינסטען ראָמאַנען, די גרעסטע קלאַסיקער, ווי שעקספיר, דיקענס, טאָלסטאָי, געטהע, שילער, גאָגאָל, אויסגע־מישט מיט די ערגסטע שונד־ראָמאַנען פון אייזשען סיו, קסאַוויע־רע מאָנטעפען, אַשאַר, פאָן באָרן און נאָך אַזעלכע פוסטע שמירער פונ'ם פראַנצויזישען בולוואַר. אנגעלייענט זיך, ווי די פויקען, געהט מען זיך דורך צו דער מאַשינע, זעהען ווי מע דרעשט. אָדער אין פעלד אַרוים, צוקוקען ווי מע שניידט דאָס ברויט, ווי מע נעמט עס צונויף און מע בינדט עס אין די סנאָפּעס. און עס נעמט־אָן אַ חשק פאַרקאַטשען די אַרבעל און זיך נעמען צו דער אַרבייט. עס באַוויזט זיך אָבער אַרוים, אַז שטעהן ביי דער זייט און קוקען, ווי מע שניידט ברויט און מע בינדט סנאָפּעס, איז אַ סך גרינגער, ווי איידער אַליין אנבויגען זיך און שניידען ברויט און בינדען סנאָפּעס. וואָרום פון קוקען ווערט מען ניט דערשוויצט און אויף די הענט לויפען ניט אויף קיין בלאָטערען... דערפאַר אָבער — וואָס פאַר איין אַפּעטיט מע האָט דערנאָכדעם! מע קומט אַהיים און מע עסט זויערמילך מיט שוואַרצברויט און מע מאַכט אַ שפּאַציער אין גאָרטען. אָדער מע הייסט איינשפּאַנען דאָס פאַעטאָנדעל און מע פאָהרט זיך דורך מיט אַנדרייען אין די איבעריגע פּאָסעסיעס אָדער עקאָנאָמיעס: אין גוזיפקע, אין קריטאָהאָרבע, אין זאַקוטעניץ. אָדער מע פאָהרט אַריבער קיין באַראַניעפּאָליע צום פּאָסטמייסטער מאַלינאָווסקי. און אומעטום ווערט מען אויפגענומען ווי זעהר אָנגעלעגטע, פיעל געליעבטע געסט. מע ווייסט גאָר ניט, מיט וואָס זיי מכבד צו זיין. שטעלט

מען דעם סאַמאָוואַר און מע דערלאַנגט איינגעמאַכטס. בּיי'ם פּאָסטמייסטער מאַלינאָווסקי ווערט באַשאַפֿן אַ פלעשעל בראָנפּען, וואָס ער אַליין טאַקי טרינקט דאָס אויס גלעזלעכווייז בּיז'ן סוף, וואָרום מאַלינאָווסקי איז אַ גוי, וואָס האָט ליעב דעם בּיטערען טראָפּען. און אַז ניט, האַפּט מען זיך גאָר אַריין צו דאָדי דעם עקאָנאָם, וואָס זיצט ניט ווייט, טאַקי אויף איין הויף מיט די בעלי־בּתּים. דאָרטען, בּיי דאָדין אין דעם קליינעם שטיבּעל, איז פּרייליכער, ווי בּיי זיי אין דער גרויסער שטוב. און דאָס, וואָס מע קריגט בּיי דאָדין, קאָן מען אין דער היים ניט אויספיהרען. אַשטייגער, וואו וועלען זיי זיך דערלויבּען עסען גרינע קנעבּעלעך מיט שטשאַוו, אַז ניט בּיי דאָדי'ס ווייב? אָדער געזאַלצענע אוגער־קעלעך גלייך פון סלאָי מיט הייסע קאַרטאָפעל אין די מונדירען? אָדער זיסע קאַטשענעס פון קרויט, וואָס דאָדיכע שאַטקעוועט אויף צו זייערען? אָדער אָנטרינקען זיך מיט עפּעל־קוואַס, וואָס איז טעם גן־עדן? פון דעם באַזונד קאָן מען זעהען, אַז דאָדיכע שעצט זיך גליקליך, און ווער שמועסט דאָדי — דער איז אויפ'ן זיעבּעטען הימעל! נאָר דאָדי דער עקאָנאָם איז אַ טיפ פאַר זיך, און ער פאַרדיענט בּאַשריבּען צו ווערען אין אַ בּאַזונדער קאַפּיטעל.

71

דאָדי דער עקאַנאָם

אַ נאַטור-מענטש. — דער אַלטער לאָיעוו לייענט די געשיכטע פון פעטער דעם גרויסען, און דאָדי ווערט אַנטשלאָפען. — ביי דאָדיכען אין שטיבעל. — דער העלד שרייבט ראָמאַנען און טראַגעדיעס און טראַכט נישט פון זיין אייגענעם „ראָמאַן"

דאָדי דער עקאַנאָם איז געווען אַ מענטש אַ גבר, אַ גבור. ניט אַזוי הויך געוואַקסען און ניט אַזוי גראָב געפּאַקט, ווי גוט געבויעט און שטאַרק פאַרפונדעוועט. אַ בולאַנער מיט קליינע אויגען. אַ ביסעל קאַסאָקע. די פלייצע — שטאָל. די ברוסט — אייזען. אַ האַנט — אַ האַמער. ניט איטליכס פערד האָט געקאַנט איהם ליידען אויף זיך. און האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן פערד, איז ער געווען ווי צוגעוואַקסען, און איהר האָט נישט געוואוסט, וואו לאָזט זיך אויס דאָדי און וואו הויבט זיך אָן פערד. פאַר דאָדין האָבען אַלע גויים געהאַט דאָס קדחת, געציטערט אֵימת-מות פאַר זיין האַנט, חאָטש געשלאָגען האָט ער זיך זעהר זעלטען. סיידען אונטער אַ גויט. דעמאָלט, ווען ווערטער זענען נישט בכח צו טהון גארנישט. עס איז גענוג געווען, איינער זאָל אַ זאָג טהון: „אָן געהט דאָדי", אַז אַלע גויים, גויעס און שיקסעס, וואָס זענען געשטאַנען און געפלאַפּלעט, זאָלען זיך אַ נעם טהון מיט חשק צו דער אַרבייט. צוגעקומען צו די אַרבייטער, האָט דאָדי פיינט געהאַט יוצא זיין מיט ווערטער. ער האָט זיך גענומען צום אַקער, צום

סערפ, צו דער לאָפּעטע, אָדער צום זאַסטוּפּ, און האָט מיט זיינע הענט באַוויזען אַ ביישפּיעל, ווי אַזוי מע באַדאַרף אַרבייטען. אָפּנאַרען דאָדין איז געווען שווערליך, און גנבה'נען ביי איהם — אוממעגליך. פאַר גנבה איז די גרעסטע שטראָף געווען ווינציג. אויך פאַר שכּור'ען איז ער געווען אש-להבה. אויסטרינקען אַ גלעזעל בראָנפען — דאָס מאַכט ניט אויס. נאָר פאַר'שכּור'ען זיך און מאַכען סקאַנדאַלען — דאָס ניט. חיות ניט זיכער!

היינט שטעלט אייך פאָר, אַז אָט דער דאָדי, דער גבר, וואָס פאַר איהם האָט געציטערט אַ גאַנץ דאָרף מיט גויים, אַז ער איז געשטאַנען פאַר'ן אַלטען לאָיעוו, איז געווען איהם ניט צו דערקענען. קלענער פון אַ קינד, שטילער פון אַ שעפּעלע. די הענט אַראָפּגעלאָזט. דעם אָטעם פאַרהאַלטען. אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל אַ פעלדמאַרשאַל באַדאַרף ניט שטעהן מיט מעהר רעספּעקט און מיט מעהר מורא און דרך-ארץ, ווי דאָדי איז געשטאַנען פאַר'ן אַלטען בעל-הבית. אָנגעקומען אין דאָרף אַריין אַלס יונגעל, איז ער שוין פאַרבליבען דאָרטען אויף שטענדיג. געוואַכסען און געגאַנגען אַלץ העכער און העכער, ביז דער אַלטער האָט איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען עקאָנאָם, דאָס הייסט, ער האָט איהם געמאַכט פאַר אויפזעהער איבער אַלע עקאָנאָמיעס. דאָ אין דאָרף האָט דאָדי חתונה געהאַט, באַקומען זיין געהאַלט, אַ באַזונדער שטיבעל מיט אַ באַזונדערען גאָרטען, מיט מעהל, מיט שטרוי, מיט האָלץ, מיט אַ פּאָר מעלקעדיגע בהמה'לעך — געוואָרען אַ שטיק בעל-הבית און אַ טאַטע פון קינדער. און דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געוואַגט פאַר'ן אַלטען בעל-הבית זיך צוזעצען אפילו אויף אַ מינוט. נאָר איין מאָל אין זיין גאַנצען לעבען איז ער געזעסען פאַר'ן בעל-הבית, האָט זיך געטראָפען אַ אינצידענט, וואָס דאָדי האָט איהם געהאַט צו געדענקען דאָס גאַנצע לעבען.

איך האָב שוין, דאַכט מיר, אויבען באַמערקט, אַז דער אַלטער לאָיעוו האָט ליעב געהאַט אויפצוקלערען, לערנען יעדען איינציגען, טיילען זיך מיט דעם, וואָס ער ווייסט. איינמאָל, אין

אַ לאַנגער ווינטערנאַכט איז דאָס געווען, האָט דאָדי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט פון די עקאָנאָמיעס, שטעהענדיג פאַר׳ן אַלטען אויס־געצויגען, ווי דער שטייגער איז. געענדיגט דעם ראַפּאָרט, האָט דאָדי געוואַרט, מע זאָל איהם הייסען געהן. איז אָבער דער אַלטער געווען אויפגעלעגט און געוואָלט נאָך אַ ביסעל שמועסען, שוין ניט פון די עקאָנאָמיעס, נאָר פון זייטיגע זאַכען, וועגען די שכנים די פּאָליאַקען, — ביז ער איז אַרויף אויף אַ געשפּרעך וועגען פּוילען און וועגען דעם פּוילישען מיאַטעזש, דעם פּוילישען אויפשטאַנד. פון די פּוילען איז ער אַרויף אויף די רוסען, אויף דער רוסישער היסטאָריע פאַר פּעטער דעם גרויסען. און אַזוי ווי אויפ׳ן טיש איז געלעגען די רוסישע היסטאָריע אין דער העברעאישער איבער־זעצונג פון מאַנדעלקערן, האָט ער גענומען לייענען און פּאַרטייטשען אויף אידיש פאַר דאָדין די גאַנצע געשיכטע פון פּעטער דעם גרויסען. לייענענדיג די געשיכטע, האָט ער געהייסען דאָדין צוזעצען זיך אויף אַ שטוהל. האָט דאָדי גישט געוואַגט. האָט דער אַלטער געהייסען נאָך אַ מאָל. האָט ער שוין געמוזט זיך אַוועקזעצען. און אַוועקגעזעצט האָט ער זיך ביי דער טיר, אונטער׳ן אַלטען וואַנטזייגער. דאָדי׳ס קאָפּ איז ניט געוואוינט געוואָרען צו אַזעלכע לעקציעס, און דערצו איז ער נאָך געזעסען אויך, האָט ער ביסלעכ־ווייז אָנגעהויבען צו דרימלען, די אויגען האָבען זיך איהם געקלעפּט, ביז ער איז אונטער׳ן אַלטענ׳ס קול פּאַוואָלינקע גאַנץ געשמאַק אַנשלאָפען געוואָרען. אַצינד וועלען מיר לאָזען דאָדין, ער זאָל זיך שלאָפען, און מיר וועלען דערוויילע זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם דאָרפישען וואַנטזייגער.

דאָס איז געווען איין אַלטער אינוואַליד, וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעדינט זיינע יאָהרען און וואָלט שוין לאַנג געמעגט רוהען אויפ׳ן בוידעם צווישען אַלטע אָפּגעלעבטע שמאַטעס. האָט אָבער דער אַלטער לאָיעוו געהאַט אַ מאדנע ליעבשאַפט, אַ מין טראַדיציע, דוקא צו אַלטע זאַכען. אַשטייגער, צו איין אַלטען אָפּגעריבענעם שפּיעגעל, וואָס באַווייזט צוויי פנים׳ער, צו איין אַלטער האַלב־

צעפּאַלענער קאָמאָדע, וואָס אַרויסציהען אַ שופלאָד קומט-אָן שווער, בקריעת ים-סוף, און נאָך אַזעלכע אַלטע זאַכען. צום ביישפּיעל, ביי איהם אויפ'ן שרייבטיש איז כל ימיו געשטאַנען איין אַלט-מאָדיש טינטורעל — אַ גלעזערן שטיוועלע אין אַ שוואַרץ הילצערן שיסעלע, אָנגעשאָטען מיט זאַמד. פאַר קיין געלט האָט מען נישט געקאָנט פּועל'ען ביי'ם אַלטען, ער זאָל אַרויסוואַרפען דאָס דאָזיגע טינטורעל און איינפיהרען אַ נייעם, אַ לייטישען טינטער. דאָס איז געווען ניט מהמת קאַרגשאַפט. דער אַלטער איז שוין גאָר ניט געווען קיין קאַרגער. אדרבה, האָט ער שוין געקויפט אַ זאַך, האָט דאָס באַדאַרפט צו זיין דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע. עס איז איהם נאָר שווער געווען צו שיידען זיך מיט איין אַלטער זאַך. דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט'ן זייגער, וואָס פאַר אַלטקייט האָט ער זיך גענויטיגט אין וואָג. אַלע מאָל איז צוגעקומען צו איהם אַ נייע געוויכט. איידער דער דאָזיגער זייגער האָט באַדאַרפט שלאָגען, האָט ער זיך פאַרגאַנגען מיט אַ הייזעריגען הריפּען, ווי איין אַלטער מאַן אַ זקן, וואָס ליידט פון אַסטמאַ, אַז ער באַדאַרף זיך אויסהוסטען. דערפאַר אָבער אַז ס'איז געקומען צום שלאָגען, האָט ער געשלאָגען, ווי אַ קלויסטער-גלאָק: באָם! באָם! — מע האָט געהערט אין דרויסען, ווי דער זייגער קלינגט אין שטוב.

אַצינד קעהרען מיר זיך אום צוריק צו דאָדין. דאָדי שלאָפט, און דער אַלטער לייענט די היסטאָריע פון פעטער דעם גרויסען און פון זיין ווייב אַנאַסטאַסיע. פּלוצים פאַרגלוסט זיך דעם זייגער קלינגען צעהן. האָט דאָדי זיכער געמיינט, אַז ס'איז אַ שרפה, דער „טויק“ ברענט. האָט ער זיך געגעבען אַ האָפּ-אויף מיט אַ אימפעט און מיט אַ געשריי: „וואַסער!...“ דער אַלטער האָט זיך דערשראָקען, האָט אַוועקגעלעגט דאָס בוך מיט דער היסטאָריע פון פעטער דעם גרויסען און גענומען קוקען אויף דאָדין דורך די ברילען. אָט אָ יענעם קוק, זאָגט דאָדי, וועט ער געדענקען, אַז ער וועט ליגען אויפ'ן טוידטען-בעט...

דער לעהרער האָט ליעב געהאַט דאָרין פאַר זיין נאַטירליכקייט און פאַר זיין גוטסקייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אָט דער נאַטור־מענטש האָט קיינמאָל אויף זיין לעבען קיין ליגען ניט געזאָגט. זיין.געטריישאַפט און זיין צוגעבונדענקייט צו זיין בעל־הבית און צו זיין משפחה האָט נישט געהאַט קיין גרעניץ. און ווייל דער לעהרער איז דאָרט געווען ווי איין אייגענער, איז ער ביי דאָרין געווען פאַררעכענט אין דער משפחה, און דאָדי איז גרייט געווען פאַר איהם אין פייער און אין וואַסער. ביי דאָרין אין די אויגען איז אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט דער פאַמיליע לאָיעוו, געווען פון אַ העכערער מדרגה. יעדענפאַלס, ניט גלייך מיט אַלע איבעריגע מענטשען. ער האָט פשוט פאַרגעטערט די דאָזיגע פאַמיליע. און איהר זכות האָט גענאָסען אויך דער לעהרער. אין די הייסע זומערדיגע טעג, אָדער אין די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט האָבען דער לעהרער מיט דער שילערין ליעב געהאַט זיך אַריינ־חאַפען צו דאָרין און צו דאָדיכען. דאָרטען, אין דעם קליינעם שטיבעלע מיט דער נידעריגער סטעלי, וואָס מע קאָן דערלאַנגען מיט דער האַנט, האָבען זיי זיך געפיהלט אַלע מאָל בעסער, ווי אין דער היים. עסען ביי דאָרין זומער אַ זויערען שטשאַוו מיט יונגען קנאָבעל און ווינטער הייסע קאַרטאָפעל אין די העמדלעך מיט געזאַלצענע אוגערקעלעך, אָדער געפרוירענע געזייערטע קרויט, האָט געהאַט זיעבען טעמים און איז געווען טויזענט מאָל בעסער פון די טייערסטע מאכלים ביי'ם טיש. און ווער שמועסט, אַז דאָדי'ס ווייב פעסי האָט געבאַקען לעקאַך, אָדער געפרעגעלט שמאַלץ — דעמאָלט איז געווען פאַר די יונגעלייט אַ יום־טוב. אַ קלייניגקייט — הייסער לעקאַך, נאָר־וואָס פונ'ם אויווען? אָדער פרישע פעטע גריוועו, וואָס צעגעהען זיך אין מויל, אַזוי ווי דער מן, וואָס די אידען האָבען געגעסען אין דער מדבר!

מעהרסטענטייל זענען זיי געווען געסט ביי דאָרין און ביי דאָדיכען ווינטער. דעמאָלט, ווען די בוימער ווערען איינגעהילט אין ווייסען, זעהען־אויס ווי די איבערגעפרוירענע מתים אין תכריכים.

דאָס דאָרף פאַרלירט דעמאָלט דעם זומערדיגען רייץ און פּראַכט, און עס בלייבט=איבער מעהר ניט, אַז אַריינהאַפּען זיך צו דאָרין אינ'ם וואַרעם=אָנגעהייצטען שטיבעל און קוויקען זיך מיט פּעסי'ס מאכלים. ס'איז מורא'דיג שטיל. דער שניי איז טיעף. קיינער קומט ניט. ס'איז טרויעריגליך אויפ'ן האַרצען. אומעטיגליך אויף דער נשמה. סיידען מע הייסט אַמאָל אַנדרייען איינשפּאַנען די פערד אין אַ ברייטען שליטען. מע פעלצט זיך אָן, מע דעקט זיך צו מיט אַ וואַרעמער „באַראַניצע“ און מע פאָהרט זיך דורך פון איין פּאָלוואַראָק אינ'ם צווייטען. דאָרט שטעלט מען דעם סאַמאָוואַר, מע טרינקט זיך אָן מיט טיי און מע פאָהרט צוריק.

דער ווינטער האָט אבער זיינע גוטע מעלות — ס'איז דאָ צייט גענוג אויף צו לעזען און אויף צו שרייבען. אין די כמעט דריי יאָהר, וואָס דער העלד האָט פאַרבראַכט אין דאָרף, האָט ער אָנגעשריבען אַ סך מעהר, ווי ער האָט געשריבען נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרייבער און געהייסען „שלום=עליכם“, אין צעהן יאָהר. עס האָט זיך איהם קיינמאָל אַזוי גרינג ניט געשריבען, ווי אין יענער צייט. און געשריבען האָט ער גאַנצע נעכט — גרויסע, האַרצרייסענדיגע ראָמאַנען, שרייענדיגע דראַמעס, פאַרפּלאָנטעטע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבען זיך געגאָסען די געדאַנקען, ווי פון אַ פאַס. עס האָט געשפּרודעלט די פאַנטאַזיע, ווי אַ פאָנטאַן. צוליעב וואָס דאָס אַלץ איז געשריבען געוואָרען — האָט ער זיך קיינמאָל ניט נעפרעגט. קוים איז פאַרטיג געוואָרען ביי איהם אַ „זאַך“, האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאַר זיין שילערין — און ביידע זענען געווען אַנציקט. ביידע זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ מייסטערווערק, — אָבער ניט אויף לאַנג. קוים איז ער פאַרטיג געוואָרען מיט איין אַנדער ווערק, אַזוי איז שוין דאָס צווייטע געווען אַ מייסטערווערק, און דאָס ערשטע איז געוואָרען בלאַס, אָפּגעבליאַקעוועט. דעם בעסטען אָרט פאַר דעם איז געווען דער אויווען. און אַזוי איז אַוועק מיט'ן פייער ניט איין טוץ ראָמאַנען און ניט איין צעהנדליג דראַמעס...

אַז דער בחור איז געבוירען געוואָרען צו זיין אַ שרייבער — אין דעם איז ביי זיי ביידען נישט געווען קיין שום ספק. דער לעהרער מיט דער שילערין האָבען דערפון גערעדט, געפאַנטאַזירט, געבויעט די שענסטע לופטשלעסער. רעדענדיג פון פאַרשיידענע פלאַנען פון פאַרשיידענע ווערק, האָבען זיי פאַרגעסען פון זייערע אייגענע פלאַנען... וועגען דעם איז איבערהויפט ניט געווען ביי זיי קיינמאָל קיין שום רעד. עס איז זיי קיינמאָל נישט געקומען אויף די געדאַנקען צו דערקלערען זיך איינס דאָס אַנדערע אין זייערע געפיהלען, אָדער צו פאַרטראַכטען זיך אויפ'ן גורל פון זייער אייגענעם ראָמאַן... דער נאָמען „ראָמאַן" איז, אַפּנים, געווען צו שאַבלאָן, דאָס וואָרט „ליעבע" איז געווען צו באַנאַל פאַר די געפיהלען, וואָס האָבען זיך אַנטוויקעלט און אויסגעוואַקסען צווישען די צוויי יונגעלייטלעך. זיי זענען ביידע געווען אַזוי נאַטירליך איינס פאַר דאָס אַנדערע, אַז ס'האָט גאָר ניט געקאָנט זיין מעגליך, ס'זאָל זיין אַנדערש. וועט דען קומען אַמאָל אויף די געדאַנקען אַ ברודער, ער זאָל זיך דערקלערען אין ליעבע צו זיין שוועסטער? איך האָב מורא, אַז מיר וועלען זיין ניט וויט פונ'ם אמת, אויב איך וועל זאָגען, אַז זייטיגע פאַרשוינען, מענטשען מן הצד, האָבען אַ סך מעהר געוואוסט און גאָר אָהן איין ערך מעהר גערעדט פונ'ם ראָמאַן פון די יונגע העלדען, ווי איידער די העלדען אַליין. צו יונג זענען זיי געווען ביידע, צו נאַאיוו און צו גליקליך. אויף זייער הימעל איז ניט געווען קיין שפּרייגקעלע. זיי האָבען נישט אַרוּמגעזעהען פון ערגיץ ניט קיין ווידערשטאַנד. און וואָס ס'איז דער עיקר — זיי האָבען קיינמאָל נישט געדענקט דערפון. אין דער צייט פון די קאַרגע דריי יאהר פון זייער באַקאַנטשאַפט האָבען זיי ביידע נישט געקלערט אפילו איין מינוט פון צעשיידען זיך. און דאך איז געקומען דער טאָג, ווען זיי האָבען געמוזט זיך צעשיידן. דערווייל ניט אויף שטענדיג, נאָר אויף אַ קורצע צייט.

דאָס איז געווען די צייט, וואָס דער העלד האָט זיך באַדאַרפט שטעלען צום „פּריזיוו".

72

דער פּריזיוו

מע רעדט שטאַרק פון „פּריזיוו״. — ער געזעגנט זיך מיט דער שילערין און פיהרט פון סאָפּיעווקע אַ בריעף צום „פּרעדוואָ- דיטעל״. — די פאַנטאַזיעס אויפ'ן וועג. — דער בריעף ווירקט, און עס דערגעהט ביט צו זיין נומער. — אַ מעשה מיט אַ זוהן אַ קאַליקע. — ער קעהרט זיך אום צוריק אין דאָרף, נאָר די חלומות ווערען נאָך אַלץ ניט מקוים.

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגען, אַז כּמעט אין דער גאַנצער צייט פון די אויבען-באַשריבענע דריי יאָהר איז נישט אַוועק- געגאַנגען אין סאָפּיעווקע קיין טאָג, וואָס מע זאָל ניט הערען דאָס וואָרט „פּריזיוו״. פאַר'ן אַלטען לאָיעוו איז דער פּריזיוו געוועזן אַ קראַנקהייט, אַ מאַניע אַזעלכע, וואָס האָט איהם נישט געלאָזט רוהען ביי טאָג און שלאָפען ביי נאַכט. אַ גאַנץ פאַרמעגען האָט דאָס איהם אָפּגעקאָסט. וואָס איז די מעשה? זיין זוהן יהושע האָט באַדאַרפט שטעהן צום פּריזיוו, האָט דער פאָטער קודם זיך אַוועקגעלאָזט אין טשערניגאָווער גובערניע, האָט זיך דאָרט אָפּ- געוואַלגערט אַ צייט, אויסגעריסען געוואָרען און האָט איינגע- האַנדעלט אַ „קוויטאַנציע״. דאָס איז געוועזן איינע פון די גע- צעהלטע עטליכע „זאַטשאָטנע קוויטאַנציעס״, וואָס דורך זיי איז מען אויסגעלייזט געוואָרען פונ'ם פּריזיוו. דאָס הייסט, אַז ווער עס האָט געקאָנט צושטעלען אַזאַ „קוויטאַנציע״, דער איז געוועזן

פריי פון צו געהן דיענען און ער האָט זיך גערעכענט נאָר אין דער „אָפּאָלטשעניע" (רעזערוו). וואָס אַזאַ „קוויטאַנציע" האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט איין אַנדערער געקאָנט זיין אַ גרויסער נגיד. פאַר'ן אַלטען לאָיעוו איז אָבער צוליעב אַ קינד קיין זאַך ניט געווען צו טייער.

פאַרטיג געוואָרען מיט דער „קוויטאַנציע", האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע חתונה. עס האָט אויסגעבראָכען די רוסיש־טערקישע מלחמה און מע האָט געשמועסט, אַז עס וועט דערגעהן צו די „אָפּאָלטשענצעס" (רעזערוויסטען). ווייבאַלד אַזוי, באַדאַרף מען דעם זוהן באַוואָהרענען מיט אַ „ווייסען בילעט" באַציימענס. דאָס האָט געהייסען: מע באַדאַרף דעם אָפּאָלטשענעץ שטעלען צום „פּריאָם", אונטערזוכען זיין געזונט, אויף וויפיעל ער טויג פאַר אַ סאָלדאַט. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען מן הסתם, אַז פאַר אַ סאָלדאַט טויג ער ניט, און מע האָט איהם געגעבען אַ ווייסען בילעט, דאָס הייסט, מע האָט איהם, דאַנקען גאָט, „פאַרבראַקעוועט"... מע האָט איהם ניט נאָר „פאַרבראַקעוועט" פון פריזיוו; מע האָט איהם געמוזט דערגאָכדעם אַוועקשיקען אין די וואַרעמע לענדער, קיין מענטאָן און קיין ניצע, ער זאָל זיך קורירען, וואָרום ער איז געווען ערנסט קראַנק אויפ'ן האַרצען, פון וועלכער קראַנקהייט ער איז אין עטליכע יאָהר אַרום, ווי מיר וועלען דאָס זעהען אַ ביסעל ווייטער, טאַקי געשטאָרבען... אָבער דערווייל האָט זיך געטהאָן חושך: מע איז געפאָהרען קיין קאַניעוו, מע האָט זיך באַקענט מיט'ן איספּראַווניק, מיט'ן פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים. די טשינאָווניקעס פון דער „פּריסוטסטוויע" האָבען געשלעפּט גמילות־חסדים. אידען גוטע פריינט און בעלי עצות האָבען אָפּגעלעקט אַ ביינדעל. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען, דער האָט געפּאָמפּעט געלט. הכלל, עס איז געווען פול די שטוב מיט פּריזיוו, פּריזיוו און פּריזיוו...

און אַז ס'איז געקומען די צייט, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט באַדאַרפט זיך שטעלען צום „פּריזיוו", איז דער

אַלטער לאָיעוו געוואָרען נערווע. קודם=כּל האָט ער זיך אַ סטאַרעווע געטהאָן און האָט געזעהען, מע זאָל דעם לעהרער באַצייטענס אַריבערפיהרען פון זיין געבורטסשטאָדט, פון פּערעיאַסלאַוו, קיין קאַניעוו, און צושרייבען צו דער קאַניעווער „פּריסוטסטוויע“, דאָרט וואו לאָיעוו האָט אַ האַנט און קאָן עפּיס טהון... מיר דאַכט, אַז איין איינענער פּאָטער באַדאַרף אַזוי ניט טראָגען אויפ'ן קאָפּ זיין זוהן, ווי דער אַלטער לאָיעוו האָט געטראָגען דעם לעהרער. נאָך מעהר: דער לעהרער אַליין האָט ווינציגער מורא געהאַט פאַר'ן „פּריזיוו“, ווי די פאַמיליע לאָיעוו. ביי'ם בחור אַליין איז דאָס פאָהרען קיין קאַניעוו און זיך שטעלען צום פּריזיוו געווען אַ גאַנצער יום=טוב. ער האָט זיך באַשטעלט אַ פּאָר גרויסע שטיוועל, אַ סאָלדאַטסקי באַשליק און איז געווען מוכן ומזומן „אַריינצוטרעטען אין דער דיענסט“. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אין דער דיענסט אויסנעמען, נושא=חן זיין ביי „נאַטשאַלסטווע“ און ווערען איינגיכען איין אונטעראָפיציער, אָדער אַ פעלדפעבעל. העכער דערפון קאָן דאָך אַ איד ניט גרייכען... נאָר אַז ס'איז געקומען צום רעכטען שפּיץ, אַז ער האָט שוין טאַקי באַדאַרפט זיך זעצען פאָהרען, האָט ער מיט אַ מאָל פאַרלוירען דעם גאַנצען קוראַזש. עס איז איהם אַ חרפּה, אַ בזיון, נאָר ער מוז זיך מודה זיין, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך מיט דער פאַמיליע לאָיעוו, אפשר אויף שטענדיג, האָט איהם פאַרפרעסט דאָס האַרץ מיט אַ מאָדנע בענקעניש און ער האָט זיך באַהאַלטען ביי זיך אין חדר, פאַרגראָבען דאָס פּנים אין קישען און געוויינט מיט ביטערע=ביטערע טרערען...

נאָר ער איז געווען ניט דער איינציגער אין דער דאָזיגער שטוב, וואָס האָט ביטער געוויינט. ביי זיך אין איהר חדר האָט זיין שילערין נאָך מעהר געוויינט... איהרע אויגען זענען געווען געשוואָלען פון געוויין, און זי האָט יענעם טאָג ניט געקאָנט באַוויזען זיך צום טיש אפילו... אוגטער איין אויסרעד פון אַ שטאַר=

קען פֿאָפֿוּעחטיג איז זי געבליבן דעם גאַנצן טאָג ביי זיך, ניט געוואָלט זעהען קיינעם

טרויעריג, זעהר טרויעריג איז געווען דאָס געזעגענען זיך. תשעה־באָב איז געווען אין שטוב, און אויפ׳ן האַרצען וויסט און פינסטער. שוין אַז דער העלד איז געזעסען אין פֿאַטאָן און אַנדריי דער קוטשער איז גרייט געווען זיך אַ געב טהון צו דער ביימש, האָט דער יונגער העלד צום לעצטען מאָל אַ קוק געגעבען אין פענסטער און דערזעהען צוויי פאַרוויינטע אויגען, וואָס האָבען גערעדט אָהן ווערטער, נאָר קלאָרע דבורים: „פאָהר געזונט, טייערער, נאָר קום צוריק וואָס גיכער, וואָרום איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען!“...

די דאָזיגע ווערטער האָט דער בחור געהערט מיט אַלע זיינע חושים, און זיינע אויגען האָבען איהר געענטפערט: „זייַ געזונט, טייערע, איך קום צוריק צו דיר, וואָרום איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען!“... און ערשט אַצינד האָט ער דערפיהלט, ווי שטאַרק ער איז צוגעבונדען צו דער דאָזיגער שטוב, און אַז ס׳איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ כח, וואָס זאָל איהם קאָנען אָפּרייסען פון דאַנען, סיידען דער טויט... און די געדאַנקען צעשפּיעלען זיך, און די היציגע פאַנטאַזיע האַפּט איהם אונטער אויף איהרע פליגלען, און ער הויבט־אָן צו חלום׳ען, ווי אַזוי ער וועט קומען צוריק, וועט ער פריהער זיך אַנטדעקען פאַר איהר, דערנאָך פאַר איהר פאָטער און מוטער. ווי אַזוי ער וועט זיך ווענדען צום אַלטען און וועט איהם זאָגען דעם פסוק: „אָ ה ב ת י — איך האָב ליעב אייער טאָכטער, טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט!“... ווי אַזוי דער אַלטער וועט איהם אַרומנעמען און וועט איהם זאָגען: „גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט — איך קוק שוין לאַנג אַרוים דערויף“... דערנאָכדעם הויבט מען זיך אָן גרייטען צו דער חתונה. מע ברענגט־אַראָפּ שניידערס פון באָהסלאַוו און פון טאַראַשטשע, וואָס נייהען מלבושים פאַר חתן־כלה... מע באַקט לעקאַכער און מע פרעגעלט

איינגעמאַכטס... נאָך חתנ'ס צד שיקט מען אַרויס די גרויסע קאַרעטע, וואָס אין שטאָהל, וואָס ווערט גענוצט נאָר אויף אַ עקסטרע זאַך. און עס קומען צו פאָהרען דער טאַטע, דער פעטער פּיני און די איבעריגע משפּחה... מע ווייסט ניט פון וואַנען, נאָר עס וואַכסט-אויס אויף דער חתונה שמואליק... אָט אַ יענער חבר שמואליק דעם רב'ס, „שמואליק דער יתום", וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזעלכע שענע מעשיות... ער צעקושט זיך מיט'ן חתן און זאָגט צו איהם: „נו, שלום? האָב איך דיר געזאָגט, אַז דער אוצר איז דיינער?"...

• • • • • • • • • • • • • •

די דאָזיגע קינדערשע זיסע חלומות און די יונגעלשע גאָלדענע פאַנטאַזיעס וועבען זיך ביי איהם אין דער מחשבה דעם גאַנצען וועג — ביז ער קומט צו פליהען קיין קאַניעוו. אָפּגעשטעלט זיך ביי דעם אַלטען לאָיעוו'ס אַ קרוב, אַ איד אַ הויקער, נאָר אַ נגיד, וואָס האַלט אַ ווײַנשענק פאַר פּריצים, — זיין נאָמען איז ברוך פערטשיק, — פאַלט ער אַריין אין די עסקים פון „פּריזיוו" און ניט-איבער דעם אָדון דעם פּרעדוואָדיטעל אַ בריעף. אינ'ם בריעף שרייבט דער אַלטער לאָיעוו, אַז ער שיקט צום „פּריזיוו" זיין לעהרער און וויל האָפען, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ וואָך אַרום זאָל ער איהם האָבען צוריק אַ באַפרייטען... דער אָדון דער פּרעד-וואָדיטעל האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און געענטפערט נאָר איין וואָרט: „חאַ-ראַ-שאָ"... און דאָס איז גענוג געווען, אַז דער בחור זאָל זיין רוהיג. ער איז געגאַנגען צום „פּריזיוו", געצויגען אַ גורל און אַרויסגענומען אַ נומער 285. מע קאָן ניט זאָגען, אַז דאָס זאָל זיין אַזאַ הויכער נומער. נאָר ביי נומער 284 האָט זיך דער „פּריזיוו" געשלאָסען... און דער לעהרער איז אַרויס פריי. אין זיין זכות זענען באַפרייט געוואָרען נאָך עטליכע אידישע קינדער מיט העכערע נומערען, און די שמחה איז געווען יענעם יאָהר אין קאַניעוו זעהר גרויס!...

צו דער שמחה פונ'ם „פריזיוו“ איז געקומען צו פאָהרען קיין קאַניעוו פון פערעיאַסלאַוו אויך דער פאָטער פונ'ם בעל הפריזות, און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דער פעטער פיני אויך געקומען — ער האָט געהאַט אין קאַניעוו אַ מחותן, — און די שמחה איז געווען טאָפּעל. ברוך פערטשיק האָט געלייזט פאַר ווייז, און דער בעל־שמחה האָט אַוועקגעשיקט אַ דעפּעש קיין סאָפּיעווקע דורך סטאַנציע באַראַניעפּאָליע: „מזל טוב, צו מיר ניט דערגרייכט. בין פריי. כ'פאָהר אַרוים מאָרגען פריה צוריק“.

ניט איין מאָרגען איז אָבער אַוועקגעגאַנגען, ביז דער העלד האָט געקאָנט אַרויספאָהרען פון קאַניעוו. וואָרום עס קאָן דען זיין, אַ אידישע שמחה זאָל ניט פאַרשטערט ווערען? עס האָט זיך געפונען איינער, ווישיבסקי אָדער ווישניעווסקי, אַ איד אַ שרייער מיט אַ קול פון אַ גראַנער. האָט ער געהאַט אַ זוהן אַ קאַליקע, וואָס איז געווען זיכער, אַז ער וועט אַרוים פריי. צום סוף האָט מען איהם אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. האָט דאָס דעם פאָטער פאַרבאַקט ביי'ם האַרצען, און ער האָט גענומען שרייען און גראַ־גערען: „סטייטש, זיין זוהן ,דער קאַליקע, וועט געהן דיענען פאַר די מיוחסים, וואָס האָבען זיך געלאָזט קאָסטען געלט?“ בעט מען איהם, ער זאָל אַזוי ניט שרייען. זאָגט ער: „איך שריי דען? איך רעד, דאַכט מיר, שטיל“. און ער הויבט־אָן צו גראַגערען נאָך שטאַרקער, אַז „ער ווייסט פון דעם שכל, פאַר וואָס דער אָדון דער „פּרעדוואָדיטעל“ האָט צוגענומען קאַליקעס“... און ער דערצעהלט יעדען איינציגען דעם „שכל“ בסוד סודות, נאָר אַזוי הויך, אַז עס ווייסט שוין דערפון די גאַנצע שטאָדט מיט אַלע סימנים, און אפילו מיט'ן לשון פונ'ם בריעף, וואָס דער אַלטער לאָיעוו האָט געשריבען צום „פּרעדוואָדיטעל“ (פאַר אַ אידען איז ניטאָ קיין סוד). און דער איד האָט געגעבען צו וויסען, אַז ער וועט דאָס

ניט פֿאַרשווייגן. ער וועט אָוועקגעבן, זאָגט ער, „פּאָד סוד“ (צום געריכט) דעם פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים, מיט דער גאַנצער „פּריסוטסטוויע“!... רופֿט מען אָפּ דעם אידען אויף אַ זייט און מע זאָגט איהם צו, אַז מע וועט זיך צונויפֿלעגן און מע וועט אַרויסנעמען זיין זוהן דעם קאַליקע פֿון פֿאָלק... ווייל ער ניט הערען פֿון צוזאָגעכצען. פֿון „וכך היה אומר“ ביז „וכך היה מונה“ פֿאַלט מען, זאָגט ער, זיבען מאָל כּורעים. ער וויל, זאָגט ער, זיך זעהען מיט דער ממשלה. און ער הויבט שוין גאָר אָן צו רעדען אויף רוסיש: „חאָטשו, זאָגט ער, ווידיעט דיענגי!“... און עס האָט גאָרניט געהאָלפֿען. עס האָבען זיך אַריינגעלעגט מענטשען. מע האָט געמאַכט איין אסיפה און נאָך איין אסיפה און נאָך צוויי אסיפות, און די באַפּרייטע פּריזיוואָניקעס האָבען זיך צונויפֿגעלעגט און באַשטייערט, ווער מיט אַ פֿופֿציגער און ווער מיט אַ הונדערטער, און מע האָט די צונויפֿגעלעגטע סומע פֿאַנאַנדערגעטיילט צווישען די אָפּגעגעבענע אידען. דעם גרעסטען חלק האָט גענומען, פֿאַרשטעהט זיך, דער איד דער שרייער. ער האָט גע'טענה'ט, אַז איהם קומט מעהר פֿון אַלע, דערפֿאַר, ווייל זיין זוהן איז מעהר קאַליקע פֿון אַלע. דער שכל-הישר האָט אפילו געזאָגט פֿאַרקערהט: אַדרבה, ווייל ער איז אַ קאַליקע, באַדאַרף זיין גרינגער איהם צו באַפֿרייען! נאָר וואָס וועט איהר מאַכען מיט אַ אידען אַ שרייער, וואָס האָט אַ קול פֿון אַ גראַגער? דערזעהען, אַז מע גיט איהם נאָך, ווי אַ בן-יחיד, האָט ער זיך פֿאַרמאָסטען אַלע מאָל צו רעדען העכער און העכער. ער האָט געהאַנדעלט, ווי איין אמת'ער נאַיאַמשטשיק... אַ גליק, וואָס דער אויבענדערמאַנטער קרוב ברוך פֿערטשיק האָט געהאַט אַ באַפֿויל פֿון דעם אַלטען לאָיעוו: „קאַרטבלאַנש“, דאָס הייסט, מע זאָל דעם בחור דעם פּריזיוואָניק געבען געלט, וויפֿיעל ער וועט באַדאַרפֿען. ווער האָט געקוקט דעמאָלט אויף געלט? פֿרייהייט — דאָס איז געווען דער איינציגער פּונקט, דער איינציגער לייכטענדיגער שטערן. אַ באַפֿרייטער האָט ער זיך געפֿיהלט ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געזעסען אין פֿאַעטאָן.

וואָס מע האָט איהם אַרויסגעשיקט אויף דער סטאַנציע קיין מיראַנאָווקע, און אַנדריי דער קוטשער האָט איהם איבערגעגעבען אַ גרוס פון דער היים, אַז אַלע זענען, דאַנקען גאָט, געזונט און אַלץ איז אין אָרדענונג. „ווסיאָ בלאַהאָפּאָלוטשנאָ“ — לאָזט־אויס אַנדריי און שמועסט זיך דורך מיט די פערדלעך אויף זייער לשון. און די פערדלעך פאַרשטעהען איהם און טראָגען דאָס פּאַעטאָנדעל כמעט אין דער לופטען. ס'איז אַ וואַרעמער אָסיגדיגער טאָג. די זון בראָט ניט, בריהט ניט, נאָר זי גלעט און צערטעלט. און עס שליסען זיך די אויגען. און עס וועבען זיך חלומות, זיידענע חלומות. און עס בויען זיך לופטשלעסער, גאָלדענע לופטשלעסער. אָט באַלד איז ער אין דער היים. און קומט ער צו פאָהרען אַהיים, אַזוי דעקט ער אויף פאַר'ן אַלטען לאָיעוו די קאָרטען: „הנה זייט וויסען, אַז איך האָב ליעב אייער טאָכטער און אייער טאָכטער האָט ליעב מיך“... אָט באַלד, נאָך אַ האַלבע שעה, נאָך אַ פערטעל שעה. אָט איז שוין דאָס באַקאַנטע באַראַניעפּאָליע, דער וואַלד, דער לאַן, די „קלאַדבישטשע“, די ווינטמיהלען, וואָס זעהען־אויס פון דער ווייטען ווי ריעזען, וואָס מאַכען מיט די הענט: „אַהערצוצו! אַהערצוצו!“.... נאָך עטליכע מינוט — און אָט איז שוין דער הויף. די גרויסע ווייסע שטוב מיט די צוויי גאַניקעס. ניין. עס איז אַ ספק, אויב עס קאָן זיין אַ גרעסערע שמחה, ווען איין אייגען קינד קומט אַ באַפרייטער אַהיים צו די פאָטער און מוטער. דער העלד האָט געהאַט צו דערציהלען און צו דערציהלען נסים ונפלאות פונ'ם „פּריזיוו“ — יציאת־מצרים! נאָר דאָס סאַמע וויכטיגסטע, ווי ער האָט זיך געהאַט געגרייט, האָט ער ניט דערציהלט, און די קאָרטען האָט ער פאַר'ן אַלטען לאָיעוו ניט אויפגעדעקט.... דאָס האָט ער אָפּגעלעגט אויף מאָרגען, אויף שפּעטער.... און דערוויַל איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך. ביז עס איז געקומען אַ קאַטאַסטראָפע גאָר אומגעריכט, דורך אַ זייטיגען פאַרשוין, וואָס האָט דעם אַלטען געעפענט די אויגען אויף דעם ראָמאַן...

דאָס איז געווען אַ אידענע אַ חכמה מיט אַ ווייטען קוק, דעם אַלטען׳ס אַ קרובה פון באַרדיטשעוו, מיט׳ן נאָמען טויבע. מיר רופען זי די „מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו“. אַז איהר וועט זיך באַקענען מיט איהר, וועט איהר זעהען, אַז דער נאָמען פּאַסט איהר. נאָר וועגען איהר — אַ באַזונדער קאַפּיטעל.

73

די מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו

די מוהמע טויבע קוקט-נאָך די יונגעלייט. — דער אַלטער לאַיע ווערט געוואָהר פונ׳ם סוד. — די קאַטאַסטראָפע. — דער העלז לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין אַ באַלעדיגטער. — מע חאַפּט איבער זיינע בריעף, און ער בלאָנזעט אין דער פינסטערער נאַכט.

אין דער אמת׳ען האָט זי דאָרט קיינעם ניט אָנגעקעהרט קיין מוהמע. סך־הכּל איז זי געווען דעם אַלטען לאָיעוו׳ס אַ קוזינע. נאָר, ווי געזאָגט, דער נאָמען „מוהמע“ האָט איהר געפּאַסט צום פּנים. אַ אידענע ניט קיין שענע, מיט אַ ראַבעטיני געפּינטעלט פּנים און מיט אַ לאַנגער נאָז, האָט זי פאַרמאָגט אַ פּאָר זעהר קלוגע אויגען, וואָס אַז זיי קוקען אויף אייך, נעמען זיי אייך דורך און דורך. ביי איהר מאַן, זאָגט מען, געהט זי אין ספּאָדיק, פיהרט אַלע געשעפטען, איז גאַנץ רייך. און געקומען איז זי אַהער צוגאַסט נאָך אַ סך יאָהרען, וואָס מע האָט זיך ניט געזעהען.

פאַרשטעהט זיך, אַז פאַר אַזאַ מוהמע, וואָס איז געקומען אַזש פון באַרדיטשעוו, האָט דאָס פריצישע לעבען אין דאָרף אויסגעזעהען גענוג ניי און ווילד, און זי האָט אויף יעדע זאַך געקוקט מיט איהרע באַרדיטשעווער אויגען און האָט יעדע זאַך באַוואונדערט. מיט דעם אַלטען לאָיעוו איז זי געווען אויף „דו“ און האָט איהם אַלסדינג אַרויסגעזאָגט, וואָס זי רענקט און וואָס איהר געפעלט און וואָס ניט.

למשל, איהר איז געפעלען דאָס לעבען אין דאָרף, די לופט, די קיהען, די פערד, די פרישע מילך, וואָס הערט זיך פון דעם די פּאַשע, דאָס ברויט פון די אייגענע ווייצען. אַלץ שמעקט מיט ערד, אייגענע האָרעוואַניע — אַלסדינג גוט, אויסגעצייכענט גוט. אפילו דאָדי דער נאַטורמענטש איז איהר געפעלען. איז זי אָבער ניט איינפאַרשטאַנען מיט איהר קוזענ׳ס דיסציפּלין, וואָס ער פיהרט זיך שוין צופיעל מעשה פריץ. אַ איד אַ פּאָמעשטשיק, לויט איהר פאַרשטאַנד, קלעפּט זיך עפּיס ניט.... אָדער, אַ שטייגער, לאָמיר זאָגען דאָס, וואָס ער איז אַ גוטער פּאָסעסאָר, אַ ליעבהאָבער פון ערד — מהכתיתי, אַבי גאָט העלפט, מע קאָן מאַכען געלט, ווערען אַ גביר, פאַר וואָס ניט? זי וואָלט זיך אפשר אויך ניט אָפּגעזאָגט דערפון... נאָר צו וואָס דאַרף מען זיך אַזוי דערווייטערען פון אידען? — אָט וואָס זי פאַרשטעהט ניט. פאַר וואָס פאָהרט ער ניט אַרוים קיין באָהסלאַוו, אַז עס קומט אַ אידישער יום-טוב? און ווידער האַלט זי איהם פיר, למאי ער לאַכט-אָפּ פון איין עהרליכען אידען, איין „אייניקעל" מיט אַ גרינער שאַל, וואָס פאַרבלאָנזעט צו איהם נאָך אַ נדבה? אַ נדבה גיט ער, און נאָך מיט אַ ברייטער האַנט, נאָר ער מאַכט חוזק פונ׳ם אידען. „אַמעהר געב ניט און מאַך ניט חוזק"... אַזוי טענה׳ט מיט איהם די מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו.

און נאָך אַ זאַך. דער מוהמע טויבע איז געפעלען דער לעהרער. אַ גאַנץ פיינער בחור — מע קאָן ניט זאָגען. און אַ קענער. און דערצו נאָך אַ „טאַטענ׳ס אַ קינד" — איז דאָך אַוודאי גוט. נאָר וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ לעהרער דאַרף זיין אַ נאָהענטער מחותן מיט דער שילערין? און לויט איהר מיינונג, איז דער דאָזיגער לעהרער שוין צו אַ נאָהענטער מחותן מיט זיין שילערין. פון וואַנען ווייסט זי דאָס? — די מוהמע טויבע ווייסט. די מוהמע טויבע האָט איין אויג. די מוהמע טויבע האָט זיך געגעבען די מיה נאָכצוקוקען דעם יונגען פּאָר אויף טריט און שריט, און זי האָט אַליין געזעהען מיט איהרע אויגען, ווי זיי האָ-

די מוהמע טויבע האָט איין אויג

בען געגעסען פון איין טעלער. וואו איז דאָס געווען? ביי דאָדין. די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט שוין באַלד פון'ם ערשטען טאָג באַמערקט, אַז דאָס מיידעל „געהט-אויס נאָך'ן בחור" און אַז דער בחור „איז די כפרה נאָך'ן מיידעל"... דאָס זעהט-אַרויס, האָט זי געזאָגט, יעדער מענטש, סיידען אפשר דער, וואָס איז אָדער אַ בלינדער אויף ביידע אויגען, אָדער ער וויל ניט זעהען וואָס ביי איהם אונטער דער נאָז טהוט זיך... ס'איז גאַנץ געווען, האָט די מומע טויבע געזאָגט, מע זאָל זיך צוקוקען, ווי די צוויי זיצען ביי'ם טיש און וואַרפען זיך דורך מיט אַ קוק, רעדען זיך איבער מיט די אויגען... פון דעמאָלט אָן, זאָגט זי, האָט זי פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. די מומע טויבע האָט זיך ניט געפוילט נאָכקוקען נאָך זיי, בעת זיי זיצען און לערנען, בעת זיי געהען שפּאַצירען, אָדער בעת מע זעצט זיך פאָהרען.

איינמאָל — אַזוי האָט די מומע טויבע דערצעהלט פאַר'ן אַלמען — האָט זי זיי באַמערקט אַריינשפּאַצירען צו דאָדי דעם עקאָנאָם אין שטיבעלע אַריין. איז איהר די מעשה באַלד נישט געפעלען: „וואָס האָבען אַזעלכע קינדער צו טהון ביי'ם עקאָנאָם איג'ם אָרעמען שטיבעל?" פוילט זי זיך ניט, די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו, און חאַפּט אַ קוק אַריין צו דאָדין דעם עקאָנאָם דורכ'ן פענסטער און דערזעהט, ווי דאָס פּאָרעל עסען ביידע פון איין טעלער. וואָס זיי האָבען געגעסען — ווייסט זי ניט. נאָר געזעהען האָט זי, זי זאָל אַזוי זעהען אַלדאָס גוטס, ווי מע עסט און מע רעדט און מע לאַכט... „איז דאָך ממה-נפשך: איז דאָס אַ שידוך — איז מהכתיתי. באַדאַרפען דאָך טאַטע-מאַמע וויסען. אַלא וואָס דען — ס'איז אַ ליעבע? אַ ראָמאַן? באַדאַרפען דאָך אַודאי טאַטע-מאַמע וויסען דערפון... וואָרום ס'איז אַ סך געזונטער און בעסער און שענער געבען דער טאָכטער פאַר אַ חתן איין אָרעמען לעהרער, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצען איין פאָר העמדער, איידער וואַרטען, ביז דער דאָזיגער לעהרער וועט אַנטלויפען מיט דער טאָכטער אין אַ פינסטערער נאַכט קיין באָהסלאַוו, אָדער קיין

טאַראַשטשע, אָדער קיין קאָרסון, און דאָרטען שטעלען אַ שטילע
הופה"....

אָט דאָס זענען געווען די טענות פון דער מוהמע טויבע, ווי
עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסבאַוויזען. און אַנטדעקט האָט זי דאָס
איהר קוזען בסוד=סודות, אַ האַלבע שעה פאַר איהר אַוועקפאָהרען.
און איהרע ווערטער האָבען געפונען איין אָפּקלאַנג אין האַרצען
פונ'ם אַלטען לאָיעוו, וואָרום אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיין
קרובה זי צו באַגלייטען, איז ער געווען אַ צעקאָכטער און האָט
דעם גאַנצען טאָג נאָכדעם ניט אויסגערעדט מיט קיינעם אַ וואָרט
אפילו. ער האָט זיך פאַרשפאַרט ביי זיך אין חדר און האָט זיך
שוין מעהר יענעם טאָג ניט באַוויזען.

אויף דער נאַכט איז געקומען צו פאָהרען דער זוהן דער
משכיל, יהושע'קע, און איז שוין געבליבען נעכטיגען אין סאָפּיעוו=
קע. עפּיס האָט זיך דאָרט געטהאָן. עפּיס האָט זיך געקאָכט. מע
האָט זיך פאַרשלאָסען מיט'ן אַלטען אין די אַלקירם און מע האָט
זיך גע'סוד'עט. מע האָט געהאַלטען, אַפּנים, אַ פאַמיליענראַט. די
שילערין האָט זיך געקליבען געהן אויפ'ן שפּאַציער מיט'ן לעה=
רער — האָט מען זי אָפּגעהאַלטען. צום טיש איז מען ניט געגאַנ=
גען אַלע אינאיינעם, ווי אַלע טאָג, נאָר יעדער באַזונדער איז גע=
קומען אין איין אַנדער צייט, אָפּגעגעסען, אויפגעשטאַנען און אַוועק
צו זיך. עס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיגער שטוב עפּיס אומ=
געוויינליכעס. אַ מאָדנע שטילקייט. די גרויזאַמע שטילקייט, וואָס
טרעט=אַריין פאַר אַ שטורעם... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכ=
טען, אַז אַ פּאָר פּיעלדייטיגע ווערטער, וואָס די מוהמע טויבע
פון באַרדיטשעוו האָט אַריינגעוואָרפען, זאָל אָנאַרבייטען אַזאַ
תהומה און ברענגען איין איבערקעהרעניש אין אַ שטוב? עס קאָן
זיין, אַז ווען די מוהמע טויבע זאָל געווען וויסען פריהער, אַז
איהרס אַ וואָרט וועט ברענגען אַזעלכע רעזולטאַטען, וואָלט זי
זיך ניט אַריינמישען אַהין, וואו מע דאַרף ניט. ערשט העט=שפּע=
טער, אין אַ צייט אַרום, איז מען געוואוירע געוואָרען, אַז די

מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט באַלד חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה און האָט געוואָלט האַפּען צוריק, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. האָט זי פאַרקערעוועט דעם דישעל און גענומען איינ'טענה'ן מיט'ן אַלטען, אַז דאָס אומגליק איז, אייגענטליך, גאָרניט אַזוי גרוים, און אַז זי זעהט ניט, וואָס האָט מען זיך דאָ אַזוי צו ערגערען? וואָס איז שולדיג דער בחור, וואָס ער איז אָרעם? „אָרעם איז קיין שאַנדע", און „גליק איז ביי גאָט". און נאָך אַזעלכע ווערטער האָט זי אין איהם אַריינגערעדט. עס האָבען אָבער ניט געהאָלפען שוין קיין ווערטער. די גאַנצע טענה פון'ם אַלטען איז געווען, אַז צום בחור, אייגענטליך, האָט ער גאָרניט. נאָר ווי אַזוי האָט מען געוואַגט פיהרען אַ ראָמאַן ביי איהם אין שטוב אָהן זיין וויסען? און אַז זיין טאָכטער זאָל נעמען אַ חתן איין אָרעם-בחור אַהרט איהם אויך ניט. נאָר וואָס דען? ווען ער, איהר פאָטער, זאָל איהם געבען. ניט זי זאָל אַליין זיך אויסקלויבען, גאָרניט האָבען זיך אָנגעפרעגט ביי איהם! אָט דאָס האָט איהם געקרענקט מעהר פון אַלסדינג.

די אַלע טענות מיט די רעד איז מען געוואוירע געוואָרען ערשט נאָכדעם, אין אַ צייט אַרום. דעמאָלט אָבער האָט דאָס פאַרפאָלק, ווי די כשר'ע לעמעלעך, נישט געוואוסט, ווער עס האָט זיי געשלייערט. זיי האָבען נאָר געפיהלט, אַז עפּיס קאָכט זיך. וואָס וועט זיך אויסקאָכען — ווּעלען זיי זעהען מאָרגען. דער פריהמאָרגען וועט זאָגען....

און אַז ס'איז געקומען דער פריהמאָרגען און אונזער העלד איז אויפגעשטאַנען, האָט ער שוין ניט געטראָפען קיינעם. ניט דעם אַלטען, ניט זיין פרוי, ניט דעם זוהן, ניט זייער טאָכטער. וואו זענען זיי אַלע? אַוועקגעפאָהרען. וואוהין? מע ווייסט ניט... פון די מענטשען אין הויף קאָן קיינער ניט זאָגען. אויפ'ן טיש איז געווען אָנגעגרייט פון זייטעטוועגען אַ פּאַקעט. געעפענט דעם פּאַקעט, האָט ער געהאַפט צו געפינען אַ בריעף, אַ דערקלערונג. צום סוף איז אינ'ם פּאַקעט נישט געווען קיין איין וואָרט אפילו.

דאָרט איז געלעגען נאָר געלט — די שכירות, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען פאַר דער גאַנצער צייט — און מעהר גאָרנישט. אין הויף איז געשטאַנען גרייט פונ׳ס לעהרער׳ס וועגען אַ שליטען (אין מיטען ווינטער איז געווען די געשיכטע) און אַ וואַרעמע „באַראַניצע“ אויף איינצודעקען די פיס. פון די מענטשען איז נישט געווען אַרויסצובאַקומען קיין איינציג וואָרט. אפילו דאָדי דער עקאָנאָם, וואָס וואָלט זיך פאַר׳ן לעהרער און פאַר דער שילערין געלאָזט שניידען די הענט, האָט אויף אַלע נאָכפרעגענישען געענטפערט נאָר מיט אַ קניטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ זיפץ. די מורא פאַר׳ן אַלטען איז ביי איהם געווען שטאַרקער פון אַלץ... דערפון איז דער באַלעדיגטער לעהרער געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט. ער האָט זיך פאַרלוירען, נישט געוואוסט וואָס צו טהון. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל גענומען שרייבען אַ בריעף, פריהער צום אַלטען, דערנאָך צום זוהן צום „משכיל“, דערנאָך — צו דער שילערין. עס האָט זיך אָבער ניט געשריבען. אַ קאַטאַסטראָפע איז דאָס געווען אַ גרויסע. נאָר אויף אַזאַ פּאַטש אין פּנים האָט ער זיך ניט געריכט... עס איז איהם געווען אַ בזיון, אַ בזיון פאַר זיך אַליין און פאַר די מענטשען. ער האָט דעריבער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן שליטען און האָט זיך געלאָזט פיהרען צו דער סטאַנציע, בכדי צו פאָהרען פון דאָרטען — וואוהין? ער ווייסט נאָך אַליין ניט וואוהין. וואו די אויגען וועלען טראָגען... נאָר דערווייל, איידער ער קומט צו דער באַהן־סטאַנציע, האָט ער געהייסען דעם קוטשער זיך אָפּשטעלען אין באַראַניעפאָליע — די פּאָסט־סטאַנציע, פון וואַנען סאָפּיעווקע באַקומט איהר קאָרעספאָנדענץ. אין באַראַניעפאָליע האָט דער העלד פון דער ביאָגראַפיע געהאַט אַ פריינד. איהר קענט איהם. דאָס איז געווען דער סמאָטריטעל פון דער סטאַנציע, אָדער דער פּאָסטמייסטער, מאַלינאָווסקי.

בטבע איז מאַלינאָווסקי דער פּאָסטמייסטער געווען אַ גוי אַ חאַבאַרניק און האָט ליעב געהאַט, ווי מיר ווייסען שוין, דעם טרונק.

פונ'ם אלטען לאיעוו'ס פאסעסיעס האט ער געהאט אפטע מתנות: א זעקעל ווייץ, א וואגען שטרוי, אמאל אונטער א יום-טוב א מזומנ'ע מטבע. מיט'ן לעהרער און מיט דער שילערין האט ער געשלאגען בלאט, און בכלל געווען א גוטער גוי.

ביי איהם האט זיך דאס דער לעהרער אפגעשטעלט און פאר איהם האט ער א ביסעל אנטפלעקט זיין הארץ. ער האט געהאט א מיין דערביי, וואס איז באשטאנען אין דעם, אז ער, מאלינאווסקי, זאל זיין דער שליח אויף איבערצופעקלען קאנטראבאנד — א בריעף צו לאיעוו'ס טאכטער, און איבערשיקען פון איהר, אויב ס'וועט זיין, איין ענטפער. אויסגעהערט די בקשה, האט דער פאסט-מייסטער מאלינאווסקי אויסגעצויגען א האנט און געשווארען ביי גאט, און טאמער גלויבט מען איהם ניט, האט ער זיך איבער-געצלמ'ט, אז ער וועט אויספאלגען אלסדינג אויפ'ן בעסטען ארט. און אזוי ווי עס איז, הייסט עס, געשלאסען געווארען צווישען גוטע פריינט א געשעפט, באדארף מען דעם אפמאך באנעצען מיט א ביסעל בראנפען און פארבייסען מיט א הערינג. עס האט ניט גע-האלפען קיין שום תירוץ. מע האט זיך אוועקגעזעצט ביידע און מע איז ניט אויפגעשטאנען, ביז דאס פלעשעל איז געווארען לעדיג און מאלינאווסקי איז געווארען מלא און האט זיך ארומ-געהאפט קושען מיט'ן לעהרער און האט זיך פארשווארען נאך א מאל, און נאך א מאל זיך איבערגעצלמ'ט, אז ער וועט זיינע בריעף איבערגעבען צו לאיעוו'ס טאכטער גלייך אין די הענט אריין — ער מעג שוין זיין רוהיג. ווארום מאלינאווסקי אז ער זאגט א ווארט, איז הייליג...

און כך הוה: די ערשטע עטליכע הייסע פלאמפייערינע ליעבע-בריעף, וואס דער העלד האט איהם צוגעשיקט איינס נאך דאס אנדערע, האט דער פאסטמייסטער מאלינאווסקי, ווי עס האט זיך ארויסבאוויזען נאכדעם, איבערגעגעבען אקוראט צום אלטען לאיעוו אין די הענט אריין... עס איז דעריבער גרינג צו פאר-שטעהן, אז קיין ענטפער האט ער אויף זיינע הייסע פלאמפייערינע

בריעף ניט באַקומען. און עס איז דעריבער גרינג צו פאַרשטעהן, אַז ער האָט אַזוי לאַנג געשריבען בריוולעך ביז — ער האָט אויפ־געהערט צו שרייבען.

. . . .

. . . .

וואָס באַטייטען די דאָזיגע פינטעלעך? זיי באַטייטען אַ לאַנגע פינסטערע נאַכט. אַלץ איז איינגעוויקעלט אין אַ געדיכטען נעבעל. דער עלענדער וואַנדערער טאַפּט דעם וועג. ער שלאָגט זיך אָן אַלע מאָל אויף אַן אַנדער שטיין, אָדער ער פאַלט־אַריין אין אַ גרוב... ער פאַלט, ער האַפּט זיך אויף, געהט ווייטער און שלאָגט זיך אָן אויף אַ פרישען שטיין און פאַלט אין אַ נייער גרוב... ניט זעהענדיג פאַר זיך די ליכטיגע וועלט, טהוט ער נאַרישקייטען, באַגעהט פעהלער, איין פעהלער גרעסער פונ'ם אַנדערען... מען קאָן ניט אַרויפשלאָגען זיך מיט פאַרבונדענע אויגען אויפ'ן גלייכען וועג. מיט פאַרבונדענע אויגען מוז מען בלאָנזען... און ער האָט געבלאָנזעט. לאַנג געבלאָנזעט. ביז ער האָט זיך אַרויפגעשלאָגען אויף דעם ריכטיגען וועג. ביז ער האָט זיך אַליין אויסגעפונען.

74

דער ערשטער ארויספאהר

ער קומט צו פאָהרען קיין קיעוו און ציהט זיך צו די גרויסע שטערען פון „השכלה“. — די „אָבלאווע“ אויף דער אַכסניה. — ער פרעגט זיך נאָך אויפ'ן העברעאישען משורר יהל״ל. — דער מחבר פון „זאַפּיסקי יעוורעיאַ“ און אַ פּרעפּעראַנסעל. — ער דערשלאָגט זיך צום משורר יהל״ל און קריגט אַ קאַלטע אויפנאַהמע.

וואוהין פאָהרט אַ בחור'על, וואָס האָט ניט קיין היים און וויל עפּיס דערגרייכען? — אין דער גרויסער שטאָדט אַריין. די גרויסע שטאָדט — דאָס איז דער הויפּט-פּונקט, דער צענטער, וואוהין עס ציהט יעדען אייגציגען, וואָס זוכט עפּיס אַ טהועכץ, אַ באַשעפטיגונג, אַ פּראָפעסיע, אָדער אַ שטעלע. אַ יונגערמאַן האָט פאַרלוירען דאָס נדן, אָדער ער האָט געוואָרפען איין אומהן אויפ'ן ווייבעל, אָדער ער האָט זיך צעקריעגט מיט זיין שווער און שוויגער, מיט זיינע עלטערען, אָדער צעגאַנגען זיך מיט זיינע שותפים, — וואוהין לאָזט ער זיך אַוועק? — אין דער גרויסער שטאָדט אַריין. איינער האָט געהערט, אַז אויף דער בערזע מאַכט מען פון שניי גאָמעלקעס און מע שיט-אָן זעק מיט געלט — וואָס טהוט ער? — פאָהרט ער אין דער גרויסער שטאָדט אַריין זוכען גליק. די גרויסע שטאָדט, דער צענטער, האָט אין זיך אַ מאַגנעטישע קראַפט, וואָס ציהט-צו, וואָס לאָזט ניט אָפּ. אַהינצו שלעפּט דאָס אייך, ווי אַ זומפּ. דאַרטען האָפט איהר, אַז איהר וועט געפינען דאָס, וואָס איהר זוכט.

די גרויסע שטאָדט אין יענעם געגענט, וואו אונזער העלד האָט זיך געפונען, איז די באַריהמטע הייליגע שטאָדט קיעוו. אַהין האָט ער געשטרעבט און אַהין איז ער געקומען. צו וואָס האָט ער, אייגענטליך, געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט? — דאָס לאָזט זיך ניט זאָגען פאַר קלאָר, ווארום קאָנקרעט האָט ער נאָך אַליין ניט געוואוסט, נאָר וואָס עס לעכצט זיין נשמה. עס האָט איהם געצויגען אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, ווי עס ציהט אַ קינד צו דער שיין פון דער לבנה. אין אַ גרויסער שטאָדט זענען פאַרהאַן גרויסע מענטשען. דאָס זענען די ליכטיגע שטערען, וואָס שיינען־אַראָפּ צו אונז אויף דער ערד מיט זייער העלער ליכטיגקייט פונ'ם גרויסען אומענדליכען הימעלרוים. דאָס זענען די גרויסע משכילים, באַריהמטע שרייבער און פון גאָט געבענטשטע פּאָעטען, וואָס זייערע נעמען האָבען אַזוי שען געקלונגען אין די אויהערען פון די — ווי אַזוי זאָל איך זיי אָנרופען? נו, „פּרחי ההשכלה“, די יונגעטשקע משכילים'לעך, נאַאיווע, אומשולדיגע בחורים'לעך. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויספאָהר פון אונזער יונגען העלד אין דער גרויסער וועלט און זיין ערשטער אַריינפאָהר אין דער גרויסער שטאָדט. און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויף אַ אידי־שער אַכסניה מיט'ן נאָמען „רב אַלטער קאַניעווער'ס סטאַנציע“, אין דעם אונטערשטען טייל פון דער שטאָדט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאָדאָל“ און וואו אידען מעגען זיצען. איך זאָג, אַז אידען מעגען דאָרטען זיצען, און מוז מיך אָבער באַלד פאַרהאַפּען, מע זאָל ניט מיינען, אַז חלילה אַלע אידען מעגען דאָרטען זיין. דאָס ניט. דאָרט מעגען זיין נאָר יענע אידען, וועלכע האָבען דערצו וואוינרעכט — „פּראַוואָזשיטעלסטווע“. למשל: בעלי מלאכות, פּריקאַזטשיקעס פון ערשטער גילדיע, ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַטען און אַזעלכע, וואָס האָבען קינדער אין גימנאַזיע. די אַלע איבעריגע אידען האַפּען זיך אַהער אַריבער, ווי קאָנטראָבאַנד, אויף אַ קורצע צייט, און לעבען אין גרויסע פּחדים, נאָר מיט'ן חסד פון דעם דוואָרניק און פונ'ם אָדון דעם גאָדזיראָטעל, אָדער פונ'ם אָדון

דעם פּריסטאַוו. און דאָס אויך נאָר ביז אַ צייט. ביז עס מאַכט זיך אײן „אָבלאַווע“ — מע פּאַלט־איבער אויף די אידישע אַכסניות אין מיטען האַלבע נאַכט מיט זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטען. אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופען: „מע מאַכט אַ רעוויזיע“... און אַז מע געפינט אַזעלכע מינים קאָנטראַבאַנדע סחורה, דאָס הייסט, אידען אָהן פּראַוואָזשיטעלסטווועס, פאַרנעמט מען זיי, ווי סקאָט, אין פּאָליציע און מע באַגלייט זיי אַרוים מיט גרוים פּאַראַד, דאָס הייסט, מע שיקט זיי אָפּ מיט'ן עטאַפּ גלייך מיט אַלע גנבים אַהיים אין זייערע שטעדט, וואוהין זיי זענען צוגע־שריבען.

דאָס האַלט אָבער קיינעם ניט אָפּ פון צו פאָהרען קיין קיעוו. ווי זאָגט דער רוס: „וואָלקאַ באָיאַטסיאַ, וולעס ניע כאָדיט“. מען האָט טאַקי מורא פאַר „אָבלאַוועס“, נאָר מען פאָהרט. ווענען דעם זאָרגט שוין דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, אַז די „רעוויזיע“ זאָל אָפּלויפען גלאַט, בשלום, און מע זאָל, חס וחלילה, קיין טריפה סחורה ביי זיי ניט כאַפּען. ווי אַזוי? גאַנץ פשוט: דער בעל־אַכסניה שמירט־אונטער דאָרט, וואו מע דאַרף. ער ווייסט שוין פריהער, ווען עס דאַרף זיין די „רעוויזיע“, און מע גיט זיך שוין איין עצה: מע פאַרשטופּט די פסול'ע סחורה — וועמען אויף אַ בוידעם, ווער מען אין אַ קעלער, ווער מען אין אַ קליידער־שראַנק, ווער מען אין אַ קאַסטען, און ווער מען אין אַזאַ מ'ן אָרט, וואָס וועט גאָר קיינעם ניט איינפאַלען, אַז דאָרטען זאָל קאָנען זיין פאַרבאָרגען אַ לעבעדיגער מענטש... און דאָס שענסטע דערביי איז, וואָס די זעלבע לייט, וואָס זענען געלעגען אין אַזאַ מ'ן פאַרבאָרגעניש, אַז זיי קריכען־אַרוים אויף גאָט'ס וועלט, מאַכען זיי חוזק פון דער גאַנצער מעשה, גלייך ווי קינדער האָבען זיך געשפּיעלט אין באַ־האַלטערלעך, און אויפ'ן ערגסטען פאַל, טרייסט מען זיך מיט אַ זיפץ: „עט! מיר האָבען איבערגעלעבט ערגערע צייטען און גרע־סערע המנס!“...

דער מחבר פון די דאָזיגע באַשרייבונגען האָט אויף זיין

ערשטען אַרויספאָהר אין דער גרויסער הייליגער שטאָדט קיעוו געהאַט די עהרע און דאָס פאַרגעניגען צו ליגען מיט נאָך אַ פּאָר אידען ביי רב אַלטער קאַניעווער אויף דער סטאַנציע אויף אַ בוידעם און חאַפּען אַ ציטער. געווען איז דאָס אין אַ ווינטערדיגער פינסטערער נאַכט. און אַזוי ווי די רעוויזיע איז געווען אַ פּלוצליכע, איין אומגעריכטע, האָבען די זכרים ניט באַוויזען צו חאַפּען אויף זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, די תחתונים, און די ווייבער — זייערע אונטערשטע קליידלעך. אַ גליק, וואָס די „רעוויזיע" האָט זיך דאָס מאָל גיך געענדיגט, אַניט וואָלטען זיי אויפ׳ן בוידעם אויסגעגאַנגען פון קעלט. דערפאַר אָבער — וואָס פאַר אַ גדולה איז געוואָרען, אַז דער בעל־אַכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, אַ שענער איד מיט אַ ווייסער באָרד, האָט זיי אַראָפּגערופען פונ׳ם בוידעם מיט אַ מאָדנע שפּראַך, צום גראַם:

— יהודים בלא! קריכט אַרויס פון שטרוי! געפּטר׳ט די שדים, אַראָפּ פונ׳ם בוידעם!...

געענדיגט האָט זיך דער איבערשרעק מיט אַ גרויסער שמחה. מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר און מע האָט געטרונקען טיי מיט מרוקענע בייגעלעך און מע האָט דערצעהלט נסים ונפלאות — יציאת־מצרים! די שמחה איז אָבער באַלד פאַרשטעהרט געוואָרען דורך דעם, וואָס דער בעל־אַכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, האָט אַרויפגעלעגט אויף אַלע זיינע אורחים אַ מין קאָנטריבוציע, צו אָנגערהאַלבען קאַרבוינים אויף אַ קאָפּ, כדי צו דעקען די הוצאות, וואָס די רעוויזיע האָט געקאָסט. עס האָבען נישט געהאָלפען קיין שום פּראָטעסטען פון די ווייבער. זיי האָבען נעבאַך געטענה׳ט, אַז זיי באַדאַרפען ניט צאָהלען גאָרניט, וואָרום זיי זענען געקומען אהער ניט צוליעב פאַרגעניגען און ניט צו מאַכען געשעפטען און צו פאַרדיענען געלט. זיי זענען נאָר געקומען צום פּראָפעסאָר זיך קורירען...

און עס געהט־אַוועק ביי זיי אַ סדרה דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען. איטליכע פון זיי דערצעהלט וועגען איהר קראַנקהייט און

צו וואָסער אַ פּראָפעסאָר זי איז געקומען. לאָזט זיך אויס, אַז אַלע זענען זיי געקומען צו איין פּראָפעסאָר און אַלע האָבען איינע און די זעלבע קראַנקהייט. וואָרום וואָס פאַר אַ פעהלער איינע זאָל ניט האָבען, האָבען דאָס אַלע ווייבער אַקוראַט דאָס אייגענע, נאָר מעהר חידוש פון אַלסדינג איז דאָס, וואָס אַלע ווייבער, וויפיעל זיי זענען דאָ, רעדען זיי אינאיינעם, און מע הערט זיך פון דעסטוועגען איינס דאָס אַנדערע! איניגע שטריכען פון יענער נאַכט האָט דער מחבר פון די דאָזיגע זכרונות אויסגענוצט דערנאָך אין איינעם פון זיינע ערשטע ווערק מיט'ן נאָמען „דער ערשטער אַרויספאָהר“ (אַ מעשה, ווי אַזוי צוויי יונגע פייגעלעך פליהען-אַרוים דאָס ערשטע מאָל אויף גאָט'ס וועלט).

אָט אַזוי האָט אונזער העלד פאַרבראַכט די ערשטע נאַכט אין דער גרויסער הייליגער שטאָדט קיעוו. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו די גרויסע ליכטיגע שטערען, וואָס שיינען-אַראָפּ צו אונז פון זייער הימעל-הויך. דאָס הייסט, צו אונזערע באַריהמטע גרויסע לייט, צו אונזערע משכילים און פּאָעטען, צווישען וועלכע ער האָט געוואוסט אין קיעוו דערווייל נאָר איינעם. דאָס איז געוועזען דער העבּרעאישער דיכטער, וואָס איז באַריהמט אונטער'ן נאָמען יהל"ל. אַהין האָט ער זיך געשלאָגען און דערשלאָגען זיך. אָבער ניט אַזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען אויפ'ן ערשטען קוק. געגומען זיך נאָכפרעגען אויפ'ן דיכטער, איז ער געוואוירע געוואָרען, אַז אין קיעוו איז דאָ אַ מיליאָנער בראָדסקי. און אַז דער בראָדסקי האָט אויף פּאָדאָל אַ מיהל. און אַז אין מיהל איז דאָ אַ קאַנטאָר. און אַז אין דער קאַנטאָר דיענען אַלערליי מענטשען. און אַז צווישען די מענטשען איז דאָ איינער אַ קאַס'רער, הייסט ער י. ל. לעווין. און אָט דער י. ל. לעווין איז דאָס דער באַריהמטער דיכטער יהל"ל. און דאָ הויבט זיך ערשט אָן אַ געשיכטע.

נישט אַיעדער קאָן האָבען אַ פרייען צוטריט אין בראָדסקי'ס מיהל. אַהין קאָן צוגעלאָזט ווערען נאָר אַזעלכער, וואָס האָט אַ

שייכות צו ווייץ אָדער צו מעהל. „צו וועמען דאַרפט איהר?“ — „צום באַריהמטען דיכטער יהל״ל. — „דאָ איז נישטאָ אַזעלכער“... איינער אַ איד, אַ מעקלער פון ווייץ, האָט נאָך געפונען דערביי אויסצוברענגען אַ פוילען וויץ. ער האָט אַ פרעג געגעבען ביי'ם בחור: „וואָס איז היינט — ראש חודש, וואָס איהר זאָגט הלל?“

גאָט האָט געטהאָן אַ נס — ס'איז אָנגעקומען אַ לאַנגער איד און אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ געקנייטשט פנים און מיט עטליכע געלע פענקעס אין מויל אָנשטאָט צייהן. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ צעריסענעם בגד, און מיט'ן גרויסען רעגענשירם פון גרויע פאַרוסינע און מיט'ן אָפּגעבאַרעוועטען קאַפּעלישעל, וואָס אויפ'ן קאָפּ, האָט ער געהאַפּט דעם אָנבליק פונ'ם וועלטבאַריהמטען דאָן קישאָט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז אָט דער לאַנגער איד, דער דאָן קישאָט, איז גאָר אַ בוכהאַלטער, און ער דיענט דאָס אינאיינעם מיט'ן באַריהמטען דיכטער יהל״ל ביי בראָדסקי'ן אין דער מיהל! געוואוירע געוואָרען, צו וועמען דער בחור פרעגט זיך נאָך, האָט איהם דער לאַנגער אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אָהן ווערטער איז ער אַריין מיט איהם אינוועניג. דאָרט האָט דאָן קישאָט אַוועקגעשטעלט דעם גרויסען רעגענשירם, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם אויבערשטען בגד און איז געבליבען אין אַ קורץ ווייטיקעל מיט אויסגעריבענע עלענבויגענס און מיט אויסגעבויגענע פיס, וואָס ווען ניט דאָס, וואָלט דער לאַנגער בוכהאַלטער געווען נאָך לענגער. נאָך די ערשטע עטליכע סקאַרבאָווע ווערטער, וואָס אומבאַקאַנטע באַקענען זיך דורך זיי, איז דער לאַנגער בוכהאַלטער אויסגעוואַכסען אין די אויגען פונ'ם בחור מיט צוויי קעפּ העכער. וואָס איז די מעשה? עס האָט זיך אַרויסבאַוויזען, אַז אָט דער דאָן קישאָט קען זיך פערזענליך מיט אַ מאַן, וואָס אין יענער צייט האָט ער אויסגעוויזען ביי'ם בחור פאַר אַ מלאך פון גאָט. דאָס איז געווען ניט מעהר און ניט ווינציגער, ווי באָגראָוו, דער מחבר פונ'ם בוך „זאַפּיסקי יעווריעאַ“! מיט

איהם האָט דאָס אָט דער לאַנגער בוכהאַלטער זיך געקענט פערזענליך, געדיענט אין איין באַנק אין סימפעראָפּאָל.

— אַזוי? אַזוי? האָט איהר איהם, הייסט עס, געקענט, דעם גרויסען באָגראָוו, ליטשנאָ? — פרעגט זיך נאָך ביי איהם דער ציקאַווע בחור מיט גרוים התפעלות.

— מענטש! מע זאָגט אייך, אַז מיר האָבען ביידע געדיענט אין איין באַנק, אין סימפעראָפּאָל, זאָגט איהר גאָר דאָס!

— און איהר אַליין האָט גערעדט מיט איהם?

— אַזוי ווי איך רעד מיט אייך. ניט נאָר גערעדט, נאָר געשפּיעלט מיט איהם אין קאָרטען, אין פּרעפעראַנס. אַ קערטעל האָט ער ליעב, גריגאָרי איסאַקאָוויטש, איי האָט ער ליעב, איי האָט ער ליעב אַ קערטעל! דאָס הייסט, ניט קיין קאַרטיאָזשניק, נאָר אַזוי גלאַט אַ קערטעל, אַ פּרעפעראַנסעל — פאַר וואָס ניט? איי אַ פּרעפעראַנסעל! איי-איי-איי!...

ער הויבט-אויף זיין טרוקענע ביינעריגע האַנט איג'ם אויסגעריבענעם עלענבויגען, פאַרקנייטשט נאָך מעהר דאָס פאַרקנייטשטע פּנים, טהוט אַ פיהר מיט דער שפּיץ נאָז אין דער לופטען האַלבקיילעכיג און באַווייזט די געלע פּענקעס פון זיינע אַמאָליגע ציינער. ביי איהם הייסט עס געשמייכעלט. נאָר באַלד ווערט ער צוריק ערנסט, קוקט ערגיץ וויט-וויט דורך זיינע שאַרפע ברילען, קראַצט זיך אונטער'ן קאָלנער און רעדט מיט רעספּעקט וועגען באָגראָווען:

— אַ גרויסער מענטש גריגאָרי איסאַקאָוויטש! אַ ווערטעלע אויסצורעדען — גריגאָרי איסאַקאָוויטש! פּססס! אָבער טאַקי גאָר אַ גרויסער! אַ סך גרעסער פון אייער באַריהמטען דיכטער יהל"ל. דער איז אַ קליינטשקער... אָט אַזאַ קליינטשקער... אָבער טאַקי גאָר-גאָר אַ קליינטשקער!... — און ער האָט אַ וויז געגעבען מיט דער האַנט אויף דער ערד, ווי קליין יהל"ל איז. און אַקוראַט אויף די רעד עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ קליין מענטשעל, נאָר גוט געפּאַקט, מיט אַ פיין בייכעל און מיט

קאַסאָקע אויגען. אויפ'ן ערשטען קוק האָט ער אָקענען דעם לאַנגען און טרוקענעם דאָן קישאָט אויסגעזעהען ווי סאַנטשאָ פּאַנסאָ, דאָן קישאָט'ס פליגעל-אַדיוטאַנט. אָהן אַ גוט-מאָרגען איז דער סאַנטשאָ פּאַנסאָ דורכגעלאָפען פאַרביי און איז פאַרשוואונדען געוואָרען אויף יענער זייט גראַטעם אין אַ צווייטען חדר'על.

— אָט דאָס איז ער דאָך, אייער דיכטער יהל"ל. איהר קאָנט אַריינגעהן צו איהם, אויב איהר ווילט. נישט אַזאַ גרויסער פּריץ....

פון די ווערטער, ווי אויך פון דעם פריהעריגען פאַרגלייכען איהם צום גרויסען באָגראָווען, איז געווען צו זעהען, אַז דער בוכהאַלטער מיט'ן קאַסירער לעבען בשלום, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. דערמיט האָט נאָך אָבער דער דיכטער ביי זיין פאַרברענטען חסיד אין די אויגען גאָרנישט פאַרלוירען. מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ און מיט אַ פאַרצאַפּעלטער נשמה איז ער אַריבערגעטרעטען די שוועל און אַריין מיט גרויס דרך-ארץ אין צווייטען חדר'על אַריין. דאָרט האָט ער געטראָפען דעם באַריהמטען דיכטער אין אַ פּאָעטישער פּאָזע, צונויפגעלעגט די הענט אויפ'ן האַרצען, ווי אַלכּסנדר פּושקין, אָדער, לכל הפחות, ווי מיכה יוסף לעבענזאָהן. דער דיכטער איז געווען, ווייזט אויס, אין זעהר אַ הויכער פּאָעטישער שטימונג. וואָרום ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבער'ן חדר'על מיט די צונויפגעלעגטע הענט אויפ'ן האַרצען און האָט אויף זיין יונגען פאַרעהרער במעט גאָרניט געקוקט און קוים-קוים געענטפערט אויפ'ן גוט-מאָרגען מעהר ניט ווי מיט אַ בייזען קוק פון זיינע קאַסאָקע אויגען. פון בעטען זיצען, אדער פון נאכפרעגען זיך, ווער-וואָס-ווען — איז גאר קיין רעד ניט געווען. דער נאַאיווער פאַרעהרער איז געווען זיכער, אַז אַלע פּאָעטען זענען אַזוי, אַז אלכּסנדר פּושקין ענטפערט אויך ניט אויף אַ גוט-מאָרגען... דעם בחור איז אפילו געווען נישט אַזוי פויגעלדיג דאָס שטעהן, ווי אַ באַלוואַן, ביי דער טיר. נאָר מען קאָן זיך ניט העלפען. און פאַראיבעל האָבען איז דאָך ניט

שייך — פאַרט נישט קיין געוויינליכער בשר־ודם! פאַרט אַ דיכ־טער!... דערפאַר אָבער אין עטליכע יאָהר אַרום, אַז דער נאַאיווער פאַרעהרער איז אַליין געוואָרען אַ שרייבער, און ניט נאָר אַ שרייבער — ער איז גאָר געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ יאָהר־בוך („די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“) און דער פּאָעט יהל“ל האָט איהם געבראַכט אַ פעליעטאָן, האָט איהם דער אַמאָליגער פאַרעהרער און דער איצטיגער רעדאַקטאָר שלום־עליכם דערמאַנט זייער ערשטע באַגעגעניש און איבערגעגעבען די אויבען־באַשריבענע סצענעס, האָט זיך דער דיכטער געהאַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער.

דעמאָלט האָט זיך אָבער דעם בחור נישט געלאַכט. מיט וואָס פאַר אַ הארץ ער איז אַרוים פון׳ם באַריהמטען דיכטער — קאָן מען זיך פאָרשטעלען. דערמיט האָט זיך אָבער זיין ערשטער אַרויספאָהר נאָך ניט געענדיגט. דאָס רעכטע בינטעל צרות, וואָס איז איהם באַשערט געווען אויסצושטעהן אין זיין ערשטער גרויסער נסיעה, הויבט זיך ערשט אָן.

75

פראָטעקציעס

דער בעל־אכסניה שמועסט פון פראָטעקציעס. — ער מאַכט אוויזיט דעם קיעווער ראַבינער. — מע שיקט איהם אָפּ צום „אוטשאָנע יעוורייי" ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר. — אַ צעטראָגענער נפש. — ער באַקומט אַ פּראָטעקציע צום באַריהמטען אַדוואָקאַט קופּערניק.

אַ פרעמדער מענטש אין אַ גרויסער שטאָדט איז אין אַ וואַלד. אין ערגיץ פיהלט איהר זיך ניט אַזוי עלענט, ווי אין אַ וואַלד. קיינמאָל אין ערגיץ ניט האָט זיך דער העלד פון די דאָזיגע באַשרייבונגען ניט געפיהלט אַזוי עלענט, ווי ער האָט זיך געפיהלט אין יענער צייט אין קיעוו. די מענטשען פון דער דאָזיגער גרויסער שענער שטאָדט האָבען זיך ווי צונויפגערעדט, אַז מע זאָל פאַר דעם יונגען אורח ניט אַרויסבאַווייזען קיין סימן פון גאַסטפריינט־ליכקייט, קיין וואַרעמע מינע. אַלע פּנימ'ער זענען אָנגעחמורעט. אַלע טירען זענען פאַר איהם געשלאָסען. און וואָלטען חאָטש די אַלע מענטשען, וואָס שווימלען און ווימלען פאַר די אויגען, ניט געווען אָנגעפּעלצט ווי מאַגנאַטען און ניט געפלויגען אויף די גרויסאַרטיגע שליטעלעך מיט ברענענדיגע פערדלעך־ריסאַקעס! און וואָלטען חאָטש די הייזער ניט געווען אויסגעפּוצט מיט אַזאַ שיק און מיט אַזאַ גלאַנץ! און וואָלטען האָטש די שווייצאַרען מיט די לאָקייען, וואָס ביי דער טיר, ניט קוקען אַזוי פרעך און ניט לאַכען אייך גלייך אין פּנים אַריין! אַלסדינג וואָלט ער אייך

מוחל געווען, נאָר אַבי מע זאָל ניט לאַכען פון איהם. און ווי אויף צו-להכעים, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אַלע מאַכען פון איהם חוזק. אַלע — אפילו דער בעל-הבית פון דער אַכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, וואָס איז שוין געווען ביי אונז באַשריבען אויבען. אַ איד, וואָס צוליעב דעם, וואָס זיינע געסט האָבען ניט קיין „פּראָוואָזשימעלסטווע" און מאָרען ניט זיין אין דעם הייליגען קיעוו, איז ער אַ חשוב ביי „נאַטשאַלסטווע".

אַ טבע האָט אָט דער איד, אַז ער רעדט צו אייך, קוקט ער אייך ניט אין די אויגען אַריין, נאָר ערגיץ וויט אַהין, און אַ גרינג שמייכעלע שפּיעלט ביי איהם אונטער די גרויע וואָנסעס. מיט'ן יונגען אורח רעדט ער ניט אויף „איהר" און ניט אויף „דו", נאָר ער דרעהט זיך קונציג, ווי איין אַקראָבאַט, און באַגעהט זיך אָהן אַ „איהר" און אָהן אַ „דו". איך גיב דאָ איבער אַ שמועס צווישען די צוויי, דאָס הייסט, צווישען דעם אַלטען גרייזגרויען בעל-אַכסניה און זיין יונגען אורח. דער איד שמייכעלט, קוקט אַראָפּ און דרעהט אַ פּאַפּיראָס, רעדט מיט אַ קווימשעל, צוקער-זיס:

בעל-אַכסניה: ס'הערט זיך?

אורח: וואָס זאָל זיך הערען?

בעל-אַכסניה: וואָס מאַכט מען?

אורח: וואָס זאָל מען מאַכען?

בעל-אַכסניה: איך מיין, וואָס טהוט מען אין קיעוו?

אורח: וואָס זאָל מען טהון אין קיעוו?

בעל-אַכסניה: מסתמא זוכט מען דאָך עפּיס אין קיעוו?

אורח: וואָס זאָל מען זוכען אין קיעוו?

בעל-אַכסניה: אַ טהועכץ, אָדער אַ סלוזשבע?

אורח: וואָסער אַ סלוזשבע?

בעל-אַכסניה: דורך אַ רעקאָמענדאַציע? אַ פּראָטעקציע? איך ווייס?..ז

אורח: צו וועמען אַ פּראָטעקציע?

בעל־אכסניה: איך ווייס, צו וועמען? צום רב.

אורח: וואס עפּיס צום רב?

בעל־אכסניה: לאז זיין צו דער רביצין.

דא האט דער בעל־אכסניה פאר דער גאנצער צייט איין מאל אויפגעהויבן די אויגען אויפ'ן יונגען אורח און איז געבליבן שטיל. האט איהם אבער דער יונגער אורח ניט אפגעלאזט.

אורח: ניין. וואס איז אייך עפּיס געפעלען צום רב?

בעל־אכסניה: איך ווייס? א בחור'על פון היינטיגע בחורים'לעך קומט קיין קיעוו, באדארף ער האבען מסתמא א בריעף צום רב, צום ראבינער מיין איך, און דורך דעם ראבינער קאן מען שוין האבען א פּראטעקציע... אזוי פיהרט זיך די וועלט. און אפשר האב איך א טעות, איז לא פלתי — מאק יא ניע מאגצאוואל סמעדוויעדעם!

איז איהם שוין גאר געפעלען דאס אידישע ווערטעל: „האב איך ניט געטאנצט מיט'ן בער“ איבערזעצען אויף רוסיש. דעם בחור זענען אבער די לעצטע ווערטער פונ'ם בעל־אכסניה וועגען א פּראטעקציע ביי'ם ראבינער אריין, ווי מע זאגט, אין נאז אריין, און ער האט באשלאסען, אז ס'איז אפשר גאר ניט אזוי קרום. א פּראטעקציע ניט קיין פּראטעקציע, נאר מאכען דעם ראבינער א וויזיט קאן ניט שאדען. און אפשר מאקע עפּיס ברענגען אויך. פּארט א ראבינער. און נאך וואסער א ראבינער! א „גובערנסקי“ ראבינער — א קלייניגקייט!... וואס ווייטער צעוואקסט זיך ביי איהם די פאנטאזיע, און דער פּלאן געהאלפּ'ן צו ווערען דורכ'ן קיעווער ראבינער באקומט ביי איהם מעהר חן און רעאלע פארמען, און ער זעהט־ארוים בחוש, אז ס'איז געוועז א באשערטע זאך, אז דורך דעם, וואס א אידען רב אלטער קאניעווער איז געפעלען צו מאכען חוזק, אדער גלאט אזוי אביסעל פּלאפּלען, איז ביי איהם געבוירען געווארען א אידעע, א גליקליכע, א גלענצענדיגע אידעע. און מיט א אידעע איז אלע מאל אזוי. דורך א קלייניגקייט, דורך א צופאל, קומען אמאל ארוים די גרעסטע געשעהענישען אין דער

וועלט. די היסטאָריע פון די גוצליכסטע ערפינדונגען ווייסט פון דעם סוף — ס'איז גאָר קיין נייעס ניט

געקלויבען זיך עטליכע טעג דורכאַנאַנד און געוואַוירע גע־וואָרען, וואו דער ראַבינער זיצט, האָט ער איינמאָל אין אַ קאַלטען פריהמאָרגען אָנגעקלונגען רעכטס, האָט זיך געעפנט די טיר און אַ האַנט האָט איהם אַ וויז געגעבען, אַז ער זאָל קלינגען לינקס, אין דער קאַנצעליאַריע. האָט ער אָנגעקלונגען לינקס, אין דער קאַנצעלאַריע. עפענט זיך די טיר און ער קומט אַריין אין דער קאַנצעלאַריע, טרעפט ער דאָרט עטליכע אידען, פאַרשיידענע טיפּען פון אַלערליי פּראָפעסיעס, צום מיינסטען — בעל־מלאכות, אָרעמע, דערשלאָגענע, אָפּגעריסענע. אויך ווייבער אַ פּאָר פאַר־שלומפּערטע, מיט פאַרוויסטע פּנים'ער, און אַ געשוואָלען יונגעל מיט גרויסע צעריסענע שטיוועלעטען, פון וואַנען עס קוקען־אַרויס די פינגער פון די פיס. דערפאַר איז אָבער דעם יונגעל'ס האַלז אַרומגעוויקעלט מיט צוויי שאַלען, ער זאָל זיך חלילה ניט פאַר־קיהלען. אויף די ווענט הענגען אַ צעריסענע מאַפּע פון ארץ־ישראל און אַ שלעכטער קייזערליכער פאָרטרעט. די קאַנצעליאַריע, די אָפּגעריסענע אידען, די פאַרשלומפּערטע ווייבער, דאָס געשוואָלענע האַלב־באָרוויסע יונגעל, די אָנגעריסענע מאַפּע פון ארץ־ישראל מיט'ן שלעכטען קייזערליכען פאָרטרעט וואַרפען־אָן אויף איין אַ מאָדנע מרה־שחורה. און טאָמער איז קאַרג — זיצט ביי איין אַלטען אויסגעמוטשעטען פאַרפלעקטען שרייבטיש איין אַלטער מאַן מיט איין אָפּגעבליאַקעוועט טוידט פּנים. ווען דער אַלטער זאָל ניט האַלטען קין פען אין האַנט און ניט איינטונקען זי אַלע מינוט אין טינטער, וואָלט מען געקאַנט זיכער מיינען, אַז דאָס זיצט אַ בר־מינן, וואָס איז טוידט, וועניגסטענס, עטליכע און דרייסיג יאָהר, נאָר מע האָט איהם איינגעמאַרענירט, האַלט ער זיך. איינציגווייז פאַרטינגט זיך אָפּ דער אָפּגעבליאַקעוועטער בר־מינן מיט אַלע אידען און ווייבער, און דאָס נעמט־צו ניט קיין סך צייט. אַרום און אַרום אפשר אַנדערהאַלבען שעה. ביז ער קומט

צום געשוואָלענעם יונגעל מיט די צוויי שאַלען. דאָס געשוואָלענע יונגעל נעמט אויך צו אזא האַלבע שעה. דאָס יונגעל וויינט. דער איינגעמאַרענירטער בר־מינן שרייט אויף איהם. דאַנקען גאָט — געפּטר'ט דאָס געשוואָלענע יונגעל אויך. דעמאָלט טהוט דער בר־מינן א וואונק צום העלד פון די באַשרייבונגען, ער זאָל צוגעהן צום טיש. געהט ער צו. דער בר־מינן קוים וואָס מע הערט איהם:

— וואָס'ט איהר זאָגען?

— איך דאַרף צום ראַבינער.

דער בר־מינן קוקט צו זיך אין ספר־הזכרונות אַריין און זיין קול געהט ווי פון יענער וועלט:

— א מעטריקע?

— ניין.

— א חתונה?

— ניין.

— א יונגעל? א מיידעל פאַרשרייבען?

— ניין.

— עמיצער געשטאָרבען?

— ניין.

— א גדבה?

— ניין.

— וואָס זשע פאָרט?

— גאָרנישט. איך האָב געוואָלט זעהען דעם ראַבינער.

— אָט אזוי זשע רעדט.

און דער מאַרעגירטער בר־מינן הויבט זיך אויף פון טיש, געהט פּאַוואָלי, ווי אויף אונטערגעהאַקטע פיס, ווערט פאַרשוואונדען אין א זייטיג חדר אויף פופצעהן אָדער אויף צוואַנציק מינוט און קומט צוריק מיט א פאַרעוועז פנים און מיט א טרויעריגען רעזולטאַט:

— דער ראַבינער איז נישטאָ אין דער היים. איר'ט מוחל זיין קומען איין אַנדערס מאָל.

צום קיעווער ראַבינער האָט זיך דער העלד מטריח געווען ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל. ביז ס'איז איהם געראָטען צו טרעפען איהם אין דער היים. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט ביי איהם איין אויפנאַהמע זעהר אַ פריינטליכע און אַ האַרצעדיגע. דער אָנהויב איז אפילו געווען ניט אַזוי פויגעלדיג. דער ראַבינער איז אין דער ערשטער מינוט געווען ווי דערשראָקען. ער האָט זיך אַ ביסעל אָנגעשטרענגט, ביז ער האָט אַרויסבאַקומען פונ'ם יונגען באַזוכער, וואָס איז זיין באַגעהר. דער בחור האָט געמיינט, אַז אין קיעוו אַ ראַבינער באַדאַרף נאָכ'ן ערשטען קוק אַליין פאַרשטעהן, וואָס יענער וויל און וואָס יענער באַדאַרף. צום סוף קוקט ער גאָר ווי אַ זינדיגער מענטש אין די אויגען אַריין, און מע דאַרף איהם צעקייען איטליכם וואָרט און אַריינלעגען אין מויל אַריין. און ערשט נאָכדעם, אַז מען האָט דאָס איהם גוט צעקייעט, לאָזט זיך אויס, אַז ער קאָן גאָרנישט טהון. לחלוטין גאָרנישט. דאָס איינציגע, וואָס ער קאָן יאָ טהון — איז געבען אַ רעקאָמענדאַציע, אַ פראָטעקציע.

— אַ פראָטעקציע? גאַנץ גענוג! וואָס דאַרף איך דען נאָך? איך באַדאַרף מעהר ניט, ווי אַ פראָטעקציע.

און דער באַזוכער באַטראַכט דעם קיעווער ראַבינער און פאַרגלייכט איהם מיט די ראַבינערס פון די קליינע שטעדטלעך, וואָס ער האָט ווען געקענט. און עס געהען איהם דורך פאַרביי אַ גאַנצע רייהע פון ראַבינערס, „קאַזיאָנע“ רבנים, פאַרזעהענישען, טויגעניכטסען, צווישען זיי איינער מיט אַ פליך אויפ'ן קאָפּ. אַקעגען די אַלע איז דער קיעווער — אַ מאַגנאַט, און זיי אַקעגען איהם זענען חיות, קאַרליקעס. דער איז אַ ריעז. און אַ שענער מענטש. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז אַ געלער און אַ ביסעל אַ שווערער פאַרשוין. רעדט פאַמעליך, טהוט יעדע זאַך פאַוואָלי, דענקט פאַוואָלי, כמעט אָהן נערווען. אַזעלכע מענטשען לעבען הונדערט יאָהר. זיי האַפּען זיך ניט שטאַרבען — זיי האָבען צייט.

— איז ווילט איהר, הייסט דאָס, פון מיר אַ פּראָטעקציע? צו וועמען?

— צו וועמען? דאָס דאַרפט איהר שוין אַליין באַטראַכטען...

גוט. ער וועט זיך באַטראַכטען. און דער ראַבינער צעפרעגט זיך נאָך אַ מאָל ביי'ם באַזוכער, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז און וואָס איז זיין באַגעהר? דערנאָך געהט־אַוועק אַ לאַנגע פּויזע פון אַ פּאָר מינוט. אַ קוועטש אַ קנעפּעל — און עס באַווייזט זיך דער אַלטער אָפּגעבליאַקעוועטער און גוט־געמאַרעניר‏טער בר־מינן פון דער קאַנצעליאַריע, און דער ראַבינער הייסט איהם אָנשרייבען אַ בריעף צו זיינעם אַ פריינט — דעם נאָמען האָט ער ניט איינגעהערט — און בעטען איהם, טאָמער קאָן ער עפּיס טהון פאַר אָט דעם בחור... און צום בחור האָט דער ראַבינער אַ זאָג געגעבען, אַז דאָס שרייבט ער אַ בריעף צו זיינעם אַ פריינט הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ, וועלכער איז אַ פּריסיאַזשנע פּאָווערענע און אַ „אוטשאָנע יעווריי“ ביי'ם גענעראַל־גובערנאַטאָר...

אָפּגעטהאָן אַזאַ שווער שטיקעל אַרבייט, האָט דער ראַבינער אָפּגעאָטעמט. מע האָט געזעהען, אַז דעם מענטשען איז אַראָפּ אַ באַרג פון די פּלייצעס. ער האָט טאַקי אַ ביסעל צוגעהאָרעוועט. דערפאַר האָט ער אָבער געטהאָן אַ נוצליכע זאַך — אויסגעאַרבייט פאַר דעם בחור אַ פּראָטעקציע, און נאָך וואָס פאַר אַ פּראָטעקציע— צום „אוטשאָנע יעווריי“ ביי'ם גענעראַל־גובערנאַטאָר!... אַזוי ווייט האָט זיך דעם בחור'ס היציגע פאַנטאַזיע גאָרניט פאָרגעשטעלט. די פּראָטעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין בוזעםקעשענע, האָט איהם געוואַרעמט דאָס לייב און געטראָגען אין דער לופטען. ער געהט פון דאַנען גלייך צום „אוטשאָנע יעווריי“, וואָס ביי'ם גענעראַל־גובערנאַטאָר — דאָ וועט שוין עפּיס זיין!... און דער „אוטשאָנע יעווריי“ אַליין שטעלט זיך איהם אַנדערש ניט פאָר, ווי אַ פּראָפעסאָר, באַהאַנגען מיט מעדאַלען, ווי אַ גענעראַל. מיט אַ ציטערניש קלינגט ער אָן ביי דער טיר און ער ווערט אַריינגעלאָזען אין אַ קאַבינעט מיט ספרים און ביכער. עס קלאַפּט איהם

אַ צאָהן אויף אַ צאָהן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום פליהט=אַריין אַ איד מיט שיטערע באַקענבאַרדען און מיט זעהר אַ נידעריגער ראיה, און איז עפּיס מאָדנע צעטראָגען. ניט שוין זשע איז אָט דער איד אַ „אוטשאָנע יעוורייי" בּיי'ם גענעראַל=גובערנאַטאָר? ער זאָל ניט געהן אויסגעגאָלט אַ שטיק באָרד אַקוראַט אין מיטען, וואָלט ער געגאַנגען שווערען, אַז ער איז אַ מלמד, אַ גמרא=מלמד. אַ טבע האָט אָט דער „אוטשאָנע יעוורייי", אַז ער רעדט שפּייט ער, און איז אַ מאָדנע צעטראָגענע בּריאה. פון איהם דערצעהלט מען אין קיעוו, ווי ער איז שוין נאָכדעם געוואוירע געוואָרען, אַלערליי מעשיות און אַנעקדאָטען. למשל: צו זיך אַהיים האָט ער קיינמאָל ניט געטראָפען, בּיז ער האָט ניט איבּערגעלייענט אויף דער טיר די אויפשריפט „הערמאַן מאַרקאָוויטש בּאַראַץ". איינמאָל האָט זיך בּאַראַץ שטאַרק איינגעקוקט אין זיין נאָמען און האָט דערזעהען פון אונטען אָנגעוויזען די שפּרעכשטונדען פון דריי בּיז פינף. אַ קוק געגעבּען אויפ'ן זייגער, אַז ס'איז ערשט צוויי, האָט זיך בּאַראַץ בּאַטראַכט, אַז מסתמא איז בּאַראַץ ניטאָ אין דער היים. און וויבּאַלד בּאַראַץ איז ניטאָ אין דער היים, היינט וואָס האָט דאָ בּאַראַץ צו טהון? איז זיך בּאַראַץ דערווייל געגאַנגען אין גאָרטען שפּאַציערען... מיט איינעם וואָרט, אויף בּאַראַצען זאָגט מען אין קיעוו, אַז בּאַראַץ זוכט בּאַראַצען און קאָן איהם נישט געפינען... אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען איז בּאַראַץ געווען גאָר בּאַזונדער צעטראָגען און ניט גוט געשטימט. ער האָט זיך געאיילט ערגיץ געהן, געוואָרפען זיך און געשפּיגען און געשפּריצט. דערנאָך, אַז ער האָט איבּערגעלייענט דעם בּריעף פונ'ם ראַבּינער, וואָס רעקאָמענדירט פאַר איהם דעם בּחור, האָט זיך דער „אוטשאָנע יעווריי" אַ חאַפּ געגעבּען בּיי'ם קאָפּ, גענומען אַרומשפּאַנען איבּער'ן חדר הין און צוריק, רעדען און שפּייען און בּעטען זיך רחמים, מע זאָל איהם לאָזען צו=רוה, וואָרום ער ווייסט גאָרניט און קאָן גאָרניט און וועט גאָרניט טהון! אַ גאָט'ס רחמנות געווען צו קוקען אויפ'ן „אוטשאָנע יעוורייי"! דער בּחור האָט זיך גענומען פאַר=

ענטפערן, אַז ער מיינט ניט קיין בייז. אַז זיין גאַנצער מיין איז געווען, טאָמער... אַ פּראָטעקציע... נאָר באַראַץ לאָזט איהם ניט רעדען. ער זאָגט, אַז ער ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט. און אַז איהם ברענט נאָר אויפ'ן ראַבינער, וואָס אַלע טאָג, אַלע טאָג שיקט ער צו איהם יונגע מענטשען. וואָס קאָן ער טהון פאַר זיי? וואָס ווייסט ער? ווער איז ער? וואָס איז ער? ער איז דאָך ניט בראָדסקי!....

מיט אַ צעבראָכען האַרץ און מיט אַ שווער געמיט האָט זיך דער בחור אַרויסגעגליטשט פּונ'ם „אוטשאָנע יעוורייי“. נאָר אַז ער איז שוין געווען גאַנץ אונטען אויף די טרעפּ, האָט ער דערהערט, אַז מע רופט איהם צוריק, טאַקי דער זעלבער „אוטשאָנע יעוורייי“. באַראַץ האָט זיך באַטראַכט, אַז ער אַליין קאָן טאַקי ניט טהון פאַר איהם גאָרנִיט. ער קאָן איהם אָבער געבען אַ רעקאָמענדאַציע צו זיינעם אַ פריינט און אַ קאָלעגע, צו קופּערניקען. קופּערניק, ער זאָל וועלען, קאָן ער טהון אַ סך, זעהר אַ סך! אַ קליינִיגקייט קופּערניק? מיט אַזאַ פּראָטעקציע קאָן מען דורכברעכען מויערען! באַוועגען די גרעסטע לייט! און נישט לאַנג געטראַכט, זעצט זיך אַוועק דער „אוטשאָנע יעוורייי“ און שרייבט אַ קאַרטעל צו זיין בעסטען פריינט און קאָלעגע, צום באַריהמטען אַדוואָקאַט לעוו אַבראַמאָוויטש קופּערניק.

76

קופּערניק

עָר זוכט דעם באַריהמטען אַדוואָקאַט אויפ׳ן „קרעשטשאַטיק״. — „מעניאַלנאַיאַ קאָנטאָראַ קופּערניקאַ״.—אין אָקרוזשנע סוד. — ער געפינט ענדליך וועמען ער זוכט, און די פּראָטעקציע ווירקט. — אַ קליינער טעות: ניט קופּערניק, נאָר משה עפּעלבוים פון בּיע־לאָצערקאָווע.

דער נאָמען קופּערניק, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען צווישען אידען „קאָפּערניקאָוו״, איז געווען כּמעט אַזוי באַריהמט און פּאָפּולער, ווי אַלכּסנדר פאָן הומבּאָלד אין איראָפּע, אָדער ווי קאָלומבּוס אין אַמעריקע. דער פּראָצעס פון קוטאַאיס, דער באַריהמטער בּלוט־בּלבול, וואָס קופּערניק האָט פאַרטיידיגט און ריינגעוואַשען, האָט איהם געמאַכט אַזוי באַריהמט, ווי אין אַ סך יאָהרען אַרום האָט באַריהמט געמאַכט איין אַנדערען אַדוואָקאַט, אָ. אָ. גרוזנבּערגען, דער פּראָצעס פון מענדעל בּיילים. און אַזוי ווי פון גרוזענבּערגען, אַזוי האָט מען פון קופּערניקען אין זיין צייט דערצעהלט נסים ונפלאות, אַרומגערינגעלט איהם מיט לעגענדעס.

האָבּענדיג אַ פּראָטעקציע צו אַזאַ מאַן, ווי קופּערניק, מעג מען זיך שוין דערלויבּען צו טרוימען, פאַנטאַזירען און חלומ׳ען די בּעסטע חלומות. האָפען זיך שטאַרק איז אויך ניטאָ וואָס. וּבפרט, אַז ער ווייסט נאָך גאָרניט, וואו קופּערניק׳ס אַדרעס איז. האָט ער

זיך פּאַוואָלי אַרויפגעדראַפּעט אויפ׳ן הויכען „קרעשטשאַטיק“, די שענסטע גאַס אין קיעוו, און דאָרט איז אונזער העלד ניט שווער געווען צו דערפרעגען זיך, וואו קופּערניק זיצט. אַריין אין אַ הויף אַקעגען האָטעל „יעוורעפּאַ“, האָט ער איבערגעלייענט אויף רוסיש: „מיעניאַלנאַיאַ קאָנטאָרא קופּערניקאַ“. איז איהם אפילו געווען אַ חידוש, ווי קומט צו קופּערניק דעם אַדוואָקאַט אַ „מיע-ניאַלנע קאַנטאָר“? נאָר עס איז איהם באַלד פאַרענטפערט גע-וואָרען די קשיה.

אַריינגעקומען אינוועניג אין קופּערניק׳ס קאַנטאָר, האָט ער געטראָפען אַ יונגעמאַן מיט בלויע ברילען און אַ אידינע אַ ליט-ווינטשקע אין אַ ווייסען פּאַריק.

— צו וועמען דאַרפט איהר?

— צו קופּערניקען

— פון וועמען?

— פונ׳ם אוטשאַנע יעוורייו, פון הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ, אַ קאַרטעל.

— פון באַראַצען אַ קאַרטעל? ווייזט אַהער.

דער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילען נעמט דאָס קאַרטעל און טראָגט דאָס צו צו דער ליטווינטשקע אינ׳ם ווייסען פּאַריק. די ליטווינטשקע נעמט דאָס קאַרטעל, טהוט-אָן די ברילען, לייענט-דורך און טהוט אַ שמיץ דאָס קאַרטעל פון זיך.

— ס׳איז ניט צו מיר. ס׳איז גאָר צו מיין זוהן.

— וואו געפינט ער זיך?

— ווער?

— אייער זוהן.

— מיין זוהן וואו געפינט זיך? וואָס הייסט וואו? אין אָקרוזשנאָי סוד אַריין געהט, ועט איהר איהם געפינען.

זוכען איין אַדוואָקאַט אין אָקרוזשנאָי סוד איז פּונקט אַזא שכל, ווי מע זאָל זוכען אַ נאָדעל אין אַ וואָגען היי. דער אָקרוזשנע סוד איז איין אומגעהייער גרויסע אַלטע געביידע מיט אייזערנע

טרעפּ און מיט אַזוי פיעל חדרים, זאַלען און אָפּטיילונגען, אַז אַ פרעמדער קאָן דאָרט פאַרבלאָנזשעט ווערען און פאַרלירען דעם קאָפּ. צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען האָט אונזער העלד דערזעהען אַזוי פיעל מענטשען אין שוואַרצע פראַקען מיט גרויסע פאַרטפעלען. דאָס זענען לוימער געשוואָרענע אַדוואָקאַטען. געהט טרעפט, ווער פון זיי איז דאָ קופּערניק? אָפּשטעלען איינעם פון זיי און אַ פרעג טהון — איז אַ זאַך, וואָס איז אוממעגליך. אַז אַלע זענען זיי פאַרטראָגען. אַלע לויפען מיט פאַרטפעלען, דער אַהער, דער אַהין, ווי די משוגעים. איינעם, אַ מאַן אָהן אַ שוואַרצען פראַק, נאָר מיט אַ גרויסען געלען פאַרטפעל און מיט זעהר אַ סימפּאַטיש פּנים, האָט ער געוואַגט אָפּצושטעלען און אַ פרעג טהון: „וואו איז דאָ קופּערניק?" האָט ער באַקומען פונ'ם מאַן איין ענטפער: „צו וואָס דאַרפט איהר קופּערניקען?" „איך האָב צו אהים אַ קאַרטעל פונ'ם אוטשאָגנע יעוורייו הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ". „אַ? פון באַראַצען? זיצט אַ וויילע — איכ'ל באַלד קומען". און דער מאַן באַוויזט איהם אויף אַ לאַנגער פּאָלירטער באַנק, טהוט זיך אַ גלימש און ווערט נעלם. דער בחור זעצט זיך אַוועק אויף דער לאַנגער פּאָלירטער באַנק און זיצט אַ האַלבע שעה, אַ שעה, אַנדערהאַלבען שעה — ניטאָ קיין מאַן, ניטאָ קופּערניק. שטעהט ער אויף פון דער פּאָלירטער באַנק און לאָזט זיך געהן. דער עולם איז שוין געוואָרען אַ סך שיטערער. וואו-ניט-וואו וואַרפט זיך נאָך דורך אַ שוואַרצער פראַק. ער דערזעהט דעם מאַן, וואָס מיט'ן געלען פאַרטפעל.

— אַ? איהר זענט נאָך דאָ? וואָס, אייגענטליך, דאַרפט איהר צו קופּערניקען?

דערצעהלט איהם דער בחור נאָך אַ מאָל:

— אַ קאַרטעל פון הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ

— און וואו איז דאָס קאַרטעל?

באַווייזט ער איהם דאָס קאַרטעל. דער מאַן לייענט-דורך דאָס קאַרטעל.

— וואָס, אייגענטליך, האָט איהר געוואָלט פון קופערניקען?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט אַקוראַט... אפשר וועל איך קריגען ביי איהם אַ שטעלע?

— וואָס קענט איהר?

— איך קען שוין שרייבען, אידיש און רוסיש

— רוסיש אויך? קומט מיט מיר.

באַדאַרף ער נאָך זיין אין ספק, אויב דאָס איז קופערניק?... אַרויסגעגאַנגען מיט׳ן בחור פון אַקרוזשנע סוד, האָט ער, קופערניק הייסט דאָס, געחאַפּט אַ „ליכאַטש" — אַ דראָזשקע אויף גומע-לאַסטיקענע רעדלעך, און האָט אַ זאָג געגעבען: „גאָסטיניצאַ ראָססיאַ". פייל אוים׳ן בויגען האָט זיי דער ליכאַטש געבראַכט צו פיהרען צו אַ האָטעל, וואָס זיין נאָמען איז „ראָססיאַ". אַריינ-געקומען אין אַ שטאַרק אָנגערויכערט צימער, האָט קופערניק באַזעצט דעם גאַסט ביי׳ם טיש, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנגט איהם אַ בויגען פּאַפּיער מיט אַ טינט-און-פעדער און פאַרגעלעגט, ער זאָל אָנשרייבען אַ פּאָר שורות. דער בחור האָט איינגעטונקען די פען אין טינט און איידער ער האָט זיך צוגע-קלויבען שרייבען, האָט ער אַ פרעג געגעבען ביי קופערניקען, ווי אַזוי וויל ער, זאָל מען איהם שרייבען — אויף אידיש אָדער אויף רוסיש? פאַרשטעהט זיך, אַז אויף רוסיש! דער בחור האָט זיך צוגעפלייסט. דער זכות פונ׳ם רבין מאָגיש מיט זיין גאָלדענער האַנט איז איהם בייגעשטאַנען, און נאָך דער ערשטער שורה האָט איהם קופערניק איבערגעשלאָגען און אַ זאָג געגעבען, אַז ער איז צופריעדען מיט זיין האַנטשריפט, און האָט איהם פאַרגעלעגט אַ פּאַפּיראָס. פונ׳ם פּאַפּיראָס האָט זיך דער בחור אָפּגעזאָגט:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, פּאַני קופערניק, איך רויכער נישט.

— האט קיין פאַראיבעל ניט, יונגערמאַן, איך בין ניט קופערניק. מיין נאָמען איז עפּעלבוים.

— עפּעלבוים?

— נו־יאָ, עפּעלבוים. משה עפּעלבוים פון ביעלאַצערקאָוו... פּריסיאַזשנע פּאָווערענע...

אַ באַשערטע זאַך. געהט זייט אַ נביא, אַז פון אַ קיעווער קופּערניק וועט זיך גאָר אויסלאָזן אַ משה עפּעלבוים פון ביעלאַצערקאָוו! דער משה עפּעלבוים פון ביעלאַצערקאָוו האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר איין אמת'ן דזשענטעלמאַן. ער האָט זיך לאַנג נישט געדונגען פאַר'ן פּרייז. מסכים געווען אויף אַלסדינג. ער האָט נאָך צוגעזאָגט דעם בחור, אַז ער וועט איהם צולערנען אַדוואָקאַטור און וועט איהם נאָכדעם געבען רעקאָמענדאַציעס ניט נאָר צו קופּערניקען — צו נאָך אַ סך גרעסערע מענטשען פון קופּערניקען, וואָרום ער קען זיך מיט אַלע גרעסטע לייט אין קיעוו, אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, אויסגעבונדען מיט אַלע מיניסטאָרען. אויב דער בחור וויל, קאָנען זיי נאָך היינט פאָהרען קיין ביעלאַצערקאָוו. ער, עפּעלבוים, באַדאַרף זיך נאָר אַראָפּכאַפּען אויף אַ מינוט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. און וויבאַלד צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, מוז ער שוין זיין מיט אַ וויזיט אויך ביי'ם גראַזשדאַנסקי גובערנאַטאָר. וואָרום די הינט זענען שרעקליך מקנא איינס דאָס אַנדערע. ער האָט אפילו באַדאַרפט זיך זעהען מיט'ן קיעווער פּאָליצמייסטער אויך. נאָר ער קאָן באַשטעהן, אַז דער פּאָליצמייסטער זאָל קומען צו איהם — ער איז נישט קראַנק...

דער פּריסיאַזשנע פּאָווערענע עפּעלבוים האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, איבערגעלאָזט אַ פּרעמדען אומבאַקאַנטען בחור אויף גאָט'ס באַראָט. די וואַנטיורע איז דעם יונגען רייזענדער דוקא געפעלען. און פון דער פּערזענליכקייט פון דעם עפּעלבוים איז ער גאָר געווען אַנציקט. ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט רעכט צו באַטראַכטען די לאַגע, האָט זיך עפּעלבוים אומגעקעהרט צוריק, צוגעפאָהרען בּרייט אויף אַ ליכאַטש, אָנגעלאָדען מיט פולע פעק

און מיט פעקלעך. דארט איז געווען פון כל טוב: הערינג און פיש, און באליק, און איקרע, און פרוכטען, און פאפיראסען.

— איהר מיינט, ס'איז געקויפט? ס'איז לויטער מתנות. געשענקט פון דער גענעראל־גובערנאטארשע, פון דער גובערנאטארשע און פונ'ם פאליצמייסטער'ס ווייב.

— איהר זענט דען געווען ביי'ם פאליצמייסטער אויך? איהר האט דאך געזאגט, אז...

— חס וחלילה! נישט פון זיין ווייב, נאר פון זיין פאליובאוניצע... איך בין איהר אדוואקאט. איך פיהר איהר א פראצעס אין פאלאטע אויף א האלבען מיליאן. זי איז א פיעלפאכע מיליאנערשע, נאר א קארגע. פאר א גראשען וועט זי זיך אויפהענגען! פאר מיר איז אבער ניטא צו טייער. פאר מיר זענען זיי אלע די כפרה!... פאהרען מיר, הייסט דאס, קיין ביעלאצערקאוו?

— פאהרען מיר, הייסט דאס, קיין ביעלאצערקאוו!

77

אַ שטעלע פון אַ „סעקרעטאַר"

ער פאָהרט מיט זיין נייעם פּאַטראָן קיין ביעלאָצערקאָוו. — מע נעמט איהם אויף, ווי אַ טייערען גאַסט. — פאַמיליען־אידיליעס. — „רב לוי". — דער בעל-הבית לעהרנט מיט'ן סעקרעטאַר הלכות אדוואָקאַט. — מיאוס אָפּגענאַרט. — ער שרייבט אַ מליצה־בריעף צום פאָטער און באַקומט נייע האָפענונגען.

פאָהרענדיג פון קיעוו קיין ביעלאָצערקאָוו, האָט זיך דער „פּריסיאַזשנע פּאָוויערענע" עפּעלבוים געשטעלט גאַנץ ברייט, אויפגעפיהרט זיך ווי אַ רייכער פּאָמעשטשיק, ניט געזשאַלעוועט קויפען בילעטען ערשטער קלאַס. אויפ'ן וואָקזאַל, אין פאַסטאָוו, געגעבען שען צו לייזען געלט דעם בופעט. דעם מענטשען, וואָס האָט זיי באַדיענט, האָט ער אויך גאַנץ פיין באַהאַנדעלט. אונזער יונגען העלד האָט ער פאַר זיינע באַקאַנטע פאָרגעשטעלט אַלס „סעקרעטאַר". און וואָס ער האָט אַזעלכעס דערצעהלט אויף זיין „סעקרעטאַר" ביי זיך אין דער היים — ווייסט נאָר איין גאָט אין הימעל.... נאָר מע דאַרף זיך פאָרשטעלען, אַז מסתמא האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָוויערענע" אויסגעמאָהלט פאַר זיינע היימישע זיין „סעקרעטאַר" מיט די רייכסטע און שענסטע פאַרבען. וואָרום ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסאַרטיגע וואַרעמע אויפנאַמע, וואָס נאָר אַ לאַנג־ערוואַרטעטער גאַסט, אָדער אַ רייכער קרוב פון אַמעריקע, קאָן זיך ווינטשען; אַזאַ קרוב, וואָס מע קוקט־אַרוים אויף זיין ירושה... משה עפּעלבוים'ס ווייב, אַ אידענע אַ צדיקית און אַ

יעלטענע ווירט׳ן, האָט זיך אָנגעטהאָן שבת׳דיג און אויסגעצוואָגען די קינדער. דערנאָך האָט זי אָפּגעקאָכט אויף וועטשערע אַ מאָל־צייט, וואָס איהם וואָלט געמעגט עסען דער קייסער. עפּעלבוים׳ס עלטערער בּחור לוי, אַ חכם אַ יונגאַטש, — אין שטוב האָט מען איהם גערופען „רבּ לוי“ — האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען פון התפּעלות און האָט אַ בּורקע געגעבען, אויפשטעהענדיג פון טיש און גלעטענדיג זיך דאָס בּייכעל, אַז עס וואָלט גאָר ניט געשאָדט, אַז אַלע טאָג זאָלען זיין אַזעלכע געסט און מע זאָל קאָכען אַזעלכע גוטע מאָלצייטען. האָט איהם משה עפּעלבוים געשענקט אַ פּאַטש און האָט איהם אַ זאָג געגעבען, אַז ס׳וואָלט גאָר ניט געשאָדט, אַז ער, רבּ לוי, זאָל זיין אַ בּיסעלע קליגער און זאָל ניט האָבען אַזאַ לאַנגע צונג. און צום „סעקרעטאַר“ האָט ער אַ זאָג געגעבען:

— ווי געפעלט אייך מיין קדיש, רבּ לוי? אַ פיינער תכשיט! קיין עין־הרע, אַ מושלם! מיין קאָפּ מעג שוין דעמאָלט ליגען אין דער ערד, ווען ער וועט קאָנען זאָגען נאָך מיר קדיש....

פונ׳ם ווייץ האָבען זיך אַלע צעלאַכט, און רבּ לוי אויך בּתוכם. פון דעסטוועגען האָט די מוטער געפונען פאַר נויטיג זיך אָננעמען די קריוודע פון איהר זון — פאָרט אַ מאַמע! נאָר איהר אַריינמישען זיך האָט שיער אַרויסגערופען אַ קאָנפליקט. די פרוי עפּעלבוים איז געווען זיכער, — און זי האָט דאָס גאַנץ אָפענטליך אַרויסגעזאָגט, — אַז איהר „קדיש“ וועט קומען אין זיין טאַטענ׳ס יאָהרען, וועט ער האָבען פונקט אַזוי פיעל שכל, וויפיעל דער טאַטע זייגער.

— און אפשר נאָך מעהר, ווי דער טאַטע! — האָט אונטער־געהאַפּט רבּ לוי אַליין, און דער פאָטער איז געוואָרען אָנגעצונדען. אַ גליק, וואָס רבּ לוי האָט זיך בּאַצייטענס אָפּגעטראָגען, אַניט וואָלט געקאָנט זיין זעהר ניט שען. משה עפּעלבוים האָט זיך מודה געווען, אַז האָטש ער איז אַ געגנער פון „לייב־שטראָף“ און האָטש ער האַלט, אַז שמייסען איז אַ בּאַרבּאַרישער מנהג, וואָס שטימט ניט איין מיט די „פּרינציפּען פון ציוויליזאַציע“, פון

דעסטוועגען געפינט ער, אַז ס'איז זעהר נויטיג, אַז אַזאַ פּאַרשוי־ מער בחור, ווי זיין רב לוי, זאָל פאַרזוכען שמיץ, האָטש איין מאָל אין וואָך. דאָס אַליין, זאָגט משה עפּעלבוים, איז ביי איהם אַ פּרינציפּ. און עס לאָזט זיך דענקען, אַז רב לוי'ן איז באַקאַנט דער דאָזיגער פּרינציפּ, ווארום רב לוי האָט זיך זיין פּרינציפּ, אַז קוים וויל איהם דער פאָטער מקיים פסק זיין, טראָגט ער זיך אָפּ און והילד איננו — געהט זוכט איהם!

רב לוי'ס אָפּטראָגען זיך האָט אָבער נישט באַרוהיגט דעם אויפגעהויבענעם קאָנפליקט. דער קאַמף האָט זיך נאָר אַריבער־ געטראָגען, לימעראַריש גערעדט, אויף איין אַנדער באָדען. אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער מיט אַ מינוט איז ער געווען צווישען פאָטער און זוהן, האָט די מלחמה אַצינד אויסגעבראָכען צווישען מאַן און ווייב. משה עפּעלבוים האָט אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע באַד אויפ'ן ווייב, אַז שולדיג איז אינגאַנצען זי, זיין ליעבע געטריע פרוי, זאָל געזונט זיין, דערמיט, וואָס זי שטעלט זיך איין פאַר איהר שענעם קדיש. און דאָס ווייב, מאַדאַם עפּעלבוים, האָט זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע און האָט דערמאַנט איהר ליעבען געטריעען מאַן זאָל לעבען, אַז ווען ער איז געווען אין זיין זוהנ'ס יאָהרען, איז ער געווען אַ סך מעהר באָסיאַק, ווי איהר „קדיש“ איז אַצינד, און אויב ער, איהר טייערער משה עפּעלבוים, האָט אַ גוטען זכרון, באַדאַרף ער געדענקען, אַז מע האָט איהם אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, גערופען ניט משה עפּעלבוים, נאָר „משה פּלעצעל“....

מע קאָן ניט זאָגען, אַז פאַר אַ גאַסט זאָל עס זיין שטאַרק אָנגענעהם צו זיין איין אומגעריכטער עדות ביי אַ פאַמיליען־ דראַמע און צוקוקען, ווי די ליעבע און געטריע מאַן און ווייב וואַשען זיך דאָס קויטיגע גרעט פאַר אַלעמען אין די אויגען. איין זאַך האָט דאָ דער גאַסט באַמערקט און באַוואונדערט, ווי אַזוי ביידע קעמפענדע צדדים, ניט דער מאַן און ניט דאָס ווייב, האָבען זיך דערביי ניט אָפּגעגעסען דאָס האַרץ. אַדרבה, עס האָט אויס־

געזעהען גלייך, ווי דאָס פאָרפאָלק איז נאָר־וואָס נאָך דער חתונה אויף זייער ערשטער האָכציימס־רייזע, און נישט האָבענדיג וואָס צו מהון, בייט מען זיך מיט זיסע קאָמפּלימענטען. אַלערליי מענטשען זענען פאַרהאַן אויף גאָט'ס וועלט און אַלערליי אידיליעס!...

נאָך דער גרויספּאַרמיגער וועטשערע האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" עפּעלבוים אַוועקגעזעצט זיין גאַסט און זיין „סעק־רעטאַר" צום שרייבטיש, געגעבען איהם איבערשרייבען אַ פּאַפּיער, און אַליין האָט ער זיך צוגעשפּאַרט האַפּען אַ דרימעל. איבער־געדרימעלט זיך, האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט פאַר־בונדען אַ שמועס מיט זיין יונגען „סעקרעטאַר". דער שמועס איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ס'וואָלט געווען, כלעבען, איין עבירה פאַר גאָט איהם דורכצולאָזען אומבאַמערקט. עס איז שווער איהם איבערצוגעבען נאָך אַזוי פיעל יאָהרען בוכשטעבליך. נאָר דער אינהאַלט, דער תמצית פון איהם, איז געווען לערך אָט אויף דעם שטייגער:

— הערט זשע אויס, יונגערמאַן, די מעשה דערפון איז אַזוי: איהר זענט אַ יונגעל, זעה איך, נישט קיין גרויסער נאַר און איהר האָט אַ שעהן הענטעל צום שרייבען, און אַ צינגעל אויף צו רעדען רוסיש האָט איהר אויך — אַלע סימנים, אַז אייער באַגעהר קאָן דערפילט ווערען. דאָס הייסט, איהר זענט אַ געבוירענער אַדוואָ־קאַט. דאַרפט איהר אָבער זעהען איין זאַך — איהר זאָלט וועלען. אַז איהר'ט וועלען, ועט איהר זיין. קענטעניש איז אַ ביי־זאַך. דער עיקר — איהר מאָרט ניט אַראָפּפאַלען ביי זיך, מאָמער קאָן יענער בעסער פון אייך. איהר באַדאַרפט מיט אייער צינגעל צע־קלאַפּען יענעמ'ס קענטעניש. איהר מאָרט ניט באַווייזען איין מינוט, איין רגע, אַז איהר האָט דרד־ארץ פאַר אַ גרעסערען. וואָרום איהר זענט דער גרעסטער. איהר דאַרפט האַלטען און איין שיטען

מיט ווערטער. די צונג דאַרף אַרבייטן מעהר ווי דער קאָפּ. איהר דאַרפט פאַרשיטען יענעם מיט אַזוי פיעל ווערטער, אַז יענער זאָל ווערען צעטומעלט און זאָל פאַרלירען יעדען געדאַנק און יעדען פאַרשטאַנד. דעמאָלט קאָנט איהר יענעם פאַרוואַרפען מיט טוי-זענטער גראַנאַטען פון'ם „סוואַר זאַקאָנאָוו" און פון „קאַסאַציאָנע דעפּאַרטאַמענט", וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. דאָס איז פאַר די ריכטער. און פון די קליענטען רעדט מען ניט. קליענטען זענען שאָף, וואָס לאָזען זיך שערען. בהמות, וואָס לאָזען זיך מעל-קען. פערד, וואָס האָבען ליעב, אַז מע פאָהרט אויף זיי רייטענדיג. מיט זיי איז אַוודאי ניטאָ וואָס צו צערעמאָניען זיך. זיי האַלטען ניט פון אַ צעוויייקטער לעמעשקע, וואָס פרעדיגט מאָראַל. זיי האָ-בען מעהר דרך-ארץ פאַר אַ נאַחאַל, איידער פאַר אַ געלעהרטען פּראָפעסאָר, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט זאַקאָנעס, ווי אַ זאַק מיט פּאָלאָווע. אויף דער גאַס טאָרט איהר זיך ניט באַווייזען אָהן אַ גרויסען פּאָרטפעל — איהר מעגט דאַרטען האַלטען אַלטע גאַזעטען, אָדער קויטיגע קעלנער מיט מאַנשעטען. און אין שטוב ביי זיך מעגט איהר זיך שפּיעלען מיט דער קאַץ גאַנצע טעג. נאָר אַז איהר דערהערט אַ קלונג, דאַרפט איהר זיך פאַרטיעפען אין אַ גראָבען בוך און זיך רייבען דעם שטערן. אַ קליענט טאָרט איהר ניט אַרויסלאָזען פון די הענט, ביז איהר'ט איהם ניט אויסזויגען ביז'ן סוף, און עס דאַרף ניט זיין אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס איהר זאָלט זאָגען „איך ווייס ניט" — וואָרום איהר ווייסט אַלץ!...

נאָך אַזאַ שענער לעקציע וואָלט דער פּאַרפאַסער פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע, דאַכט זיך, געמעגט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ מין נפש אָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" משה עפּעלבוים איז. האָט אָבער דער עפּעלבוים געהאַט אַזאַ קלוג, סימפּאַטיש פּנים, אַז ער האָט אייך פאַר'כשופ'ט מיט זיינע אויגען און אונ-טערגעקויפט מיט זיין רעדען, און ניט ווילענדיג זענט איהר געוואָ-רען זייער מיט לייב און לעבען. דעם זעלבען אויפדערנאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעדרימעלט, האָט ער גענומען דאָס

שמעקעל מיט׳ן פּאָרטפעל און האָט זיך געקליבען ערגיץ געהן. און דא איז אַרויסגעשפּרונגען ווידער אַ קאָנפליקט צווישען די ליעבע און געטרייע מאַן און ווייב. דאָס ווייב האָט אַ פרעג גע־געבען ביי איהר מאַן, וואוהין ער געהט. דער מאַן האָט געענטפערט, אַז אין קלוב אַריין אויף איין האַלבע שעה. ער דאַרף זיך דאָרטען זעהען מיט אַ מענטשען. האָט איהם דערויף דאָס ווייב באַמערקט, אַז איהר איז באַקאַנט זיין האַלבע שעה; הלואי ער זאָל קומען האָטש מאָרגען צו וואַרעמעס.... און דער מענטש, וואָס ער דאַרף זיך מיט איהם זעהען, איז איהר אויך גאַנץ גוט באַקאַנט. דאָס איז ניט קיין מענטש, זאָגט זי, נאָר מענטשעלע, לויטער מלכים און מלכות און וואַלעטען....

— און מייז האָסט דו, אַפּגים, פאַרגעסען רעכענען, מיין שייערע, טייז!... וואָס פאַר אַ שפּיעל איז עס אָהן טייז?...

דאָס ווייב ענטפערט איהם דערויף גאָרניט. נאָר זי גיט אויף איהם אַזאַ קוק, אַז איין אַנדער מאַן אויף זיין אָרט וואָלט בעסער אַריין אין דער ערד אַ לעבעדיגער. נאָר משה עפּעלבוים מאַכט זיך דערפון. ער געהט־צו צו זיין יונגען „סעקרעטאַר“, בויגט זיך אָן צו איהם, ווי ער שרייבט, און טהוט איהם שטילער־הייט אַ פרעג, וויפיעל האָט ער ביי זיך געלט? טהוט זיך דער „סעקרעטאַר“ אַ האַפּ ביי דער קעשענע און באַווייזט, וויפיעל געלט ער האָט. טהוט עפּעלבוים אַ ווײלע אַ טראַכט, דערנאָך ציהט ער אויס די האַנט צום „סעקרעטאַר“.

— אפשר קאָנט איהר מיר דאָס אויסלייהען אויף אַ פּאָר מינוט? איכ׳ל דאָס אייך היינט נאָך אָפּגעבען, צוריקקומענדיג פון קלוב.

— אָך! מיט׳ן גרעסטען כבוד! — האָט איהם געענטפערט דער „סעקרעטאַר“ און אַוועקגעגעבען איהם דאָס גאַנצע ביסעל מזומנ׳ס.

נאָך דעם אַוועקגאַנג פון משה עפּעלבוים האָט די מאַדאַם עפּעלבוים גענומען דעם „סעקרעטאַר“ אויסצופרעגען, ווי אַזוי ער

קומט צו איהר מאַן אַלס סעקרעטאַר? און וואָס געהער ער זיך אָן מיט בראָדסקי'ן? — „מיט וואָסער בראָדסקי'ן?" — „מיט'ן קיעווער מיליאָנער בראָדסקי"..... — „וואָס פאַר אַ מחותּן איז דאָ בראָדסקי?"... — „איז בראָדסקי ניט אייערער אַ פעטער?" — „וואָס איז אייך עפּיס געפעלען, אַז בראָדסקי דאַרף מיר זיין אַ פעטער?"... — „וואָס דען קעהר ער אייך אָן?" — „ווער?"... — „בראָדסקי". — „וואָס, ווילט איהר, זאָל ער מיר אָנקעהרען?"...

אַ קורצע פּויזע.ביידע קוקען זיך אָן איינס דאָס אַנדערע העכסט פאַרוואונדערט. יעדער מיט זיינע געדאַנקען. אין אַ מינוט אַרום פרעגט די פרוי עפּעלבוים ביי'ם „סעקרעטאַר" ווידער אַ מאָל: „אַזוי? איהר האָט ניט געדיענט אויך ביי בראָדסקי'ן?" — „וואָס פאַלט אייך איין, אַז איך האָט באַדאַרפט דיענען ביי בראָדסקי'ן?" — „און איהר קענט איהם גאָר אפילו ניט?" — „ווען?" — „טפו זאָל דאָס ווערען! מע רעדט און מע רעדט — און מע קאָן זיך ניט דערדערעדען! זאָגט מיר חאָטש, ווער זענט איהר און ווי קומט איהר אַהער?"..

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט אויף אונזער נאַאיווען העלד געוואַרט אַ נייער סורפּריז: זיין פּאַטראָן משה עפּעלבוים האָט זיך נאָך ניט אומגעקעהרט פון קלוב. „רב לוי" האָט געהאַט איין אַרבייט — געהן אין קלוב אַריין רופען דעם טאַטען אַ היים עסען וואַרעמעס. האָט רב לוי אָבער קיין חשק ניט געהאַט צו חאַפּען אומזיסטע פעטש אויפ'ן ניכטערען האַרצען. האָט איהם די מוטער געמוזט באַצאָהלען „שכר פעטש" מיט איין אַוואַנסעל. און רב לוי האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער טאַטע זיינער איז אין דער פריה אָפּגעפאָהרען פון קלוב גלייך צום וואָקזאַל, און פון דאָר־טען — קיין קיעוו.

פאַר אונזער העלד איז דאָס געווען איין איבערראשונג פון אַ דונער אין אַ שענעם זונענטאָג מיט אַ בלויען הימעל. עס איז געווען ביידע זאַכען: אַ קרענק אין בויך און אַ שאַנד אין פנים. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך גענומען צעפרעגען זיך אויף זיין

פאַטראָן, און איז געוואוירע געוואָרען, אַז עפּעלבוים איז נאָך דערווייל קיינמאָל ניט געווען קיין „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע". ער איז נאָר אַ „האָדאָטאַי", אַ טיפּ פון יענעם מין, וואָס מע רופט זיי „ווינקעל-אַדוואָקאַטען", און אַז מע דערמאַנט דעם נאָמען עפּעלבוים אין ביעלאָצערקאָוו, דערמאַנט מען איהם ניט אַנדערש, ווי מיט אַ שמייכעל... דערווייל האָט די לאַגע פון אונזער יונגען העלד אָנגעהויבען צו ווערען טרויעריג. עס האָט געבלאָזען דערויף, אַז ער זאָל אין גיכען ווידער אַ מאָל פאַרזוכען דעם טעם פון הונגער... מיט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבען צום טאַטען קיין פּערעיאַסלאַוו אַ לאַנגען בריעף מיט אַ שענער מליצה-שפּראַך. די מליצה, קאָן מען זאָגען, האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט. מיט מליצה קאָן מען אַ סך שרייבען און וויניג זאָגען... ערשט צום סוף בריעף האָט ער אַריינגעוואָרפען אַ פּאָר ווערטער, אַז ער וואָלט זיך דורכגעפאָהרען אַהיים, ער זאָל האָבען געגוג קליינגעלט אויף הוצאות-הדרך... און גאָר נישט לאַנג געוואַרט, קומט איהם אָן פון פאָטער אַ געלט-בריעף אויף עטליכע רובעל מיט אַ באַפעהל, ער זאָל זיך צואיילען און קומען וואָס גיכער, וואָרום עס האָט זיך געעפענט אַ וואַקאַנסיע אויף ראַבינער אין אַ שטאָדט ניט ווייט פון פּערעיאַסלאַוו, און אַז ער האָט גוטע שאַנסען צו פאַרנעמען די שטעלע. און אויסגעלאָזט האָט ער זיין בריעף צום זוהן אויך מיט אַ מליצה: „ע ו ש ה! ח ו ש ה! ע ו פ ה כ ח ץ מ ק ש ת כ ע ל כ נ פ י נ ש ר י ם! מ ה ר אַ ל ת ב י ט אַ ח ר י ך! ע ל ה ו ה צ ל ח!"... דאָס וועט הייסען אויף אונזער אידיש לשון: „אייל זיך! חאַפּ זיך! פליה פייל אויס'ן בויגען, ווי אויף פליגלען פון איין אָדלער! גיכער! זאָלסט זיך גאָר ניט אַרומקוקען! קום און זיי מצליח!"...

78

די „וויבאָרעס“

ווי אזוי מע קלויבט א ראַבינער. — דער פריהערדיגער ראַבינער אין לובען. — איין אַלטער באַקאַנטער. — רב נחמן כהנא פּראָטע־זשירט דעם יונגען קאַנדידאַט. — ער האַלט אַ דרשה און נעמט שטאַרק אויס ביי'ם עולם. — „מזל-טוב, איזבראַן יעדינאָגלאַסנאָ. — אַ מופת פאַר גוים. — ער קומט קיין פּערעיאַסלאַוו, און די שמחה ווערט איהם דאָרט פאַרשטעהרט. — ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז ער וועט ניט זיין ווי אַלע.

לובען — דאָס איז דער נאָמען פון דער שטאָדט, וואו מע האָט פאַרלאַנגט אַ נייעם ראַבינער

דאָס וואָרט „פאַרלאַנגט“ איז, מאָהלט אייך, ניט מעהר ווי אַ מליצה. אַ שטאָדט פאַרלאַנגט אַזוי אַ ראַבינער, ווי, אַ שטייגער, מע פאַרלאַנגט אַ קברות-מאַן. דער גאַנצער אינסטיטוט פון „קאַזיאָנע רבנים“ איז, אייגענטליך, איין איבעריגער, איין אָנגעהאַנגענער פון דער רעגירונג אויף די רוסישע אידען, און זיי האַלטען זיך מיט איהם, ווי מיט עפּיס רעכטס. שענער פון אַלסדינג איז דאָס, וואָס אַ „קאַזיאָנער רב“ ווערט ניט געשיקט דירעקט פון דער רעגיערונג צו געוועלטיגען אויף די אידען, נאָר די אידען אַליין באַדאַרפען איהם אויסקלויבען דורך וואַהלען („וויבאָרעס“) פון קהל. נאָר די וואַהלען גופא זענען בעל-כרחם, געגווט פון אויבען. דאָס הייסט, „נאַטשאַלסטווע“ שרייבט-אריין צו קהל אַ פּאַפּיער, אַז דעמאָלט און דעמאָלט זאָלען זיך די אידען צונויפ-

זאַמלען דאָרטען און דאָרטען און זאָלען זיך אויסקלויבען אַ ראַבינער. און עס טהוען זיך אַ לאָז קאַנדידאַטען. יעדער קאַנדידאַט האָט זיך זיין צד, און יעדער צד האָט זיך זיינע כלי־זין מיט זיינע מיטלען, מיט וואָס צו נעמען דעם עולם. איינער האָט אַ שענע פּראָטעקציע. דער אַנדערער אַרבייט מיט געלט. דער דריטער — מיט אַ גלעזעל משקה. שלאָפען שלאָפט קיינער ניט. אין שטאָדט קאָכט עס, און עס רעדעלט זיך. חברה היצען זיך, עס איז אַ גדולה אויף דער אידישער גאַס, אַ שמחה — מע קלויבט אַ ראַבינער. מע באַלאָטירט. מע וואַרפט גאַלקעס. עס איז חי־געלעבט! אַמאָל ציהט זיך עס אַזוי אַוועק וואָכען. אַמאָל — חדשים. כדי די „וויבאָרעס" זאָלען צוגעהן כשר, ווערט צוגעשיקט אַ „קנעפּעל", וואָס גיט אַכטונג, אַז ס'זאָלען ניט פּאָרקומען חלילה קיין שום פאַלשקייטען ביי'ם צעהלען די גאַלקעס. און ערשט נאָך די וואַהלען הויבט זיך אָן די רעכטע חתונה. אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר באַדאַרף דעם אויסוואַהל באַשטעטיגען, הויבען־אָן צו געהן אין דער גובערנסקי פּראַווליעניע מסירות מיט קאַסאַציעס פון די נישט־אויסגעקליבענע קאַנדידאַטען, און אויב די „וויבאָרעס" ווערען קאַסירט, הויבט זיך אָן די שמחה נאָך אַ מאָל פון אָנהויב. נייע קאַנדידאַטען, נייע צדדים, נייע „וויבאָרעס", נייע מסירות מיט נייע קאַסאַציעס...

צווישען די פּאַרשוינען, וואָס האָבען אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַטור אויף רבנות אין לובען, איז געווען אויך דער פריהעריגער ראַבינער. אויב איהר געדענקט, איז דאָס געווען משה־דוד דעם מלמד'ס זוהן, שמעון רודערמאַן, אָט דער, וואָס האָט געהאַלטען אין פּערעיאַסלאַוו ביי שמד'ן זיך און אידען האָבען איהם אַרויסגעראַטעוועט און אָפּגעשיקט אין דער ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר. דער דאָזיגער ראַבינער האָט, אַפּנים, ניט שטאַרק אויסגענומען אין לובען. דער עולם האָט אַרויסגעקוקט אויף די „וויבאָרעס", ווי אויף משיח'ען. די לובענער אידען ווייסען ניט פון קיין פּאָליטיק און פון קיין חכמות. זיי, אַז עס געפעלט אַ מענטש, זאָגען זיי איהם: „ביזט אונז געפעלען". און אַז עס

געפעלט זיי ניט, זאָגען זיי: „געה געזונטערהייט, דו ביזט אונז ניט געפעלען". דעם ראַבינער רודערמאַן האָבען זיי שוין לאַנג געזאָגט, און דוקא ניט זעהר פאַרשטעלט, אַז ער מעג זיך זוכען איין אַנדער שטאָדט. און טאָמער וועט ער מיינען, אַז זיי טרייבען מיט איהם קאַטאָוועס, האָבען זיי זיין אָרט אין בית־המדרש פאַר־הונגען צו אַ בעל־הבית, אַזוי אַז דער ראַבינער איז געקומען שבת אין שוהל אַריין, האָט ער ניט געהאַט וואו צו זיצען, און האָט געמוזט אויסשטעהן די גאַנצע צייט אויף די פיס. דעם צווייטען שבת איז ער שוין דערפאַר געקומען מיט „פּאָליציע" און האָט מיט תקיפות און מיט גבורה איינגענומען זיין שטאָדט אויבען־אָן אין מזרח־וואַנט — און מע קאָן זיך גרינג פאַרשטעלען דעם עפעקט מיט'ן חן, וואָס עס האָט געהאַט. די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט פון דעם פאַקט. וואָרום אַ הויז, וואָס די גאַנצע מעשה איז געווען באַשריבען אין'ם „המליץ", האָט נאָך דער רעדאַקטאָר צעדערבוים צוגעגעבען פון זיך מיט גאַנץ קליינע אותיות'לעך אַ „הערת המו"ל" — אַ באַמערקונג פונ'ם רעדאַקטאָר, וואָס פאַרנעמט פונקט דריי מאָל אַזוי פיעל, ווי די קאָרעספּאָנדענציע. דאָרט גיט ער אָוועק אַ גאָב סאַי דעם ראַבינער, סאַי דעם איבעריגען עולם, און מוסר'ט זיי פאַר'ן חלול־השם, וואָס זיי האָבען דערלאָזט פּאָליציע אין אַ מקום קדוש. און לאָזען לאָזט ער אוים מיט אַ „וכן לא יעשה" — אַזוי טהוט מען ניט, און פאַרענדיגט מיט אַ פּאָר מדרשים, מיט אַ פסוק און מיט אַ מליצה פון דער מגילה: „וכדי בזיון וקצף". צעדערבוים, עליו השלום, איז דערויף געווען אַ מייסטער!

פון דעסטוועגען האָט רודערמאַן ניט אויפגעגעבען זיין קאַנ־דידאַטור אויף לובענער רבנות. און אויך די איבעריגע קאַנדי־דאַטען האָבען געאַרבייט יעדער מיט זיין צד, און יעדער צד אויף זיינע כלים, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען. נאָר שוין כמעט נאָר צו־לעצט, אַ פּאָר טעג פאַר די „וויבאָרעס", איז ווי פונ'ם הימעל אַראָפּגעפאַלען דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע מיט

אַ בריוועל פונ'ם פעטער פיני צו זיינעם אַ מחותן, איינעם פון די פיינסטע בעלי־בתים אין לובען, מיט'ן נאָמען רב נחמן כהנא. דאָס איז געווען אַ זקן, אַ מיוחס און אַ נגיד. אַזאַ איד פאַרנעמט אין שוהל דעם אויבען־אָן. דער חזן וואַגט ניט געהן ווייטער, ביז רב נחמן שטעהט ניט אויס שמונה־עשרה — עס מעג זיך ציהען איי־ביג. אַז עס מאַכט זיך, רב נחמן פאַרשפּעטיגט זיך קומען אין שוהל אַריין (און דאָס טרעפט זיך מיט איהם כמעט אַלע שבת), שיקט ער אַ שליח, מע זאָל אויף איהם ניט וואַרטען. דער עולם פאַרשטעהט אָבער דרך־ארץ, אַז ער מיינט מסתמא, אַז מע זאָל יאָ אויף איהם וואַרטען מיט'ן דאַוונען. מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ איד אַ צאַצקע, וואָס מע מעג זאָגען אויף איהם „תורה וגדולה במקום אחד“.

נעטראָפען האָט איהם דער יונגער קאַנדידאַט זיצען איבער אַ משניות. איבערגעלייענט דעם פעטער פיני'ס בריוועל, האָט דער אַלטער כהנא צורעכט געמאַכט די ברילען און גענומען באַ־טראַכטען דעם בחור פון קאָפּ ביז פיס. עס האָט אויסגעזעהען, אַז דער חברה־מאַן האָט מיט זיין קורץ וויטיקעל ניט אַזוי שטאַרק גושא חן געווען ביי דעם שענעם אידען. נאָר דער זכות פונ'ם פעטער פיני איז איהם ביינעשטאַנען, און ער האָט איהם געבעטען זיצען. צערעדט זיך מיט'ן גאַסט און דערזעהען, אַז דער בחור איז ניט קיין עם־הארץ אין די קליינע אותיות, ניט שטאַרק ווייט פון אַ פּרק משניות, און אַז ער רעדט, וואַרפט ער גאָר אַריין אַ לשון־קודש־וואָרט, האָט זיך דער אַלטער צעשמייכעלט און האָט אַ זאָג געגעבען, מע זאָל דערלאַנגען עפּיס פאַרבייסען. און עס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ טעצעל. אויפ'ן טעצעל איז געשטאַנען אַ שעלכעל, און אינ'ם שעלכעל איז געלעגען, איינס אַליין, ווי אַ יתומה'לע, אַ צוקערלעקאַכעל. און אינ'ם צוקערלעקאַכעל האָט גע־שטעקט אַ ראָזינקע.

— מאַכט מזונות! — רופט זיך אָן דער אַלטער גביר און צעפרעגט זיך ביי'ם יונגען קאַנדידאַט אויף דער שטאָדט פערע־

יאַסלאַוו, וואו ער איז געווען אַמאָל מיט אַ יאָהר עטליכע און זעכציג צוריק. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ אידישע שטאָדט — ווי האָלט דאָס דאָרט איצט מיט אידישקייט?

— עס האַלט זעהר גוט! — ענטפערט איהם דער גאַסט און זאָגט זיך אָפּ פונ'ם לעקאַכעל, ניט אַזוי איבער'ן „מזונות“, ווי איבער דעם, וואָס נאָכדעם וועט מען מסתּמא איהם הייסען מאַכען די „ברכה אחרונה“ — און ער האָט זי קיינמאָל נישט געקענט אויסוועניג... פאַר'ן אַוועקגעהן האָט איהם דער אַלטער כּהנא געבענטשט, ער זאָל זיין מצליח. און ער ווייסט, אַם ירצה שם, געווים מצליח זיין, ווארום ער, אַז ער בענטשט, — אַזוי האָט איהם דער אַלטער פאַרזיכערט — ווערט מקוים, ווארום ער איז אַ כּהן....

דעם זעלבען טאָג איז אַרוים אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז ס'איז צוגעקומען נאָך אַ קאַנדידאַט אויף ראַבינער. נאָך גאָר אַ יונגער, אַ בחור'על, נאָר אַ חברה-מאַן מיט אַלע מעלות. ערשטענס, אַ „טאַטענ'ס אַ קינד“. רב נחמן כּהנא'ס אַיין אייגענער. הייסט אַ בעל-תנ"ך, און אַ כּתבא רבה, און איז קלאָר אין ש"ס און פּוסקים. און אַזוי ווי די פאַנטאַזיע האָט זיך שוין צעהיצט, האָבען אייניגע צוגעלעגט, אַז ער האָט סמיכות אויף רבנות, און אַז ער קאָן פּסק'ענען שאלות, און אַז ער וועט אייך פאַרשטעקען אין גאַרטעל דעם רב מיט נאָך דריי אַזעלכע, ווי דער רב, — הכּלל, עפּיס טאַקי אַ פויגעל פון פויגעללאַנד! אַז ער האָט זיך באַוויזען אין גאַס, צווישען די קלייטען, האָט מען אויף איהם געטייט מיט די פינגער, און ער האָט געהערט הינטער זיינע פּלייצעס רעדען:

— אָט דאָס איז ער?

— ווער?

— דער נייער ראַבינער.

— אַזאַ צוציק?

— דער מאַמע'ס מילך נאָך ניט אויסגעטריקענט

— און וואָסערע לאַנגע האָר ער טראָגט!

— לאַנגע האָר, קורצער שכל...!

פון דעסטוועגן האָט ער געהאַט גענוג שכל אין איין טאָג אָפּשטאַטען אַ האַלב טוץ וויזיטען צו די „פּני“, צו דעם סאַמע צימעס פון שטאָדט — צו די באַכמוצקים, צו די קאַגיעווסקים, צו די ראַגאַטשעווסקים און צו די אַלע איבעריגע פאָרשטעהער פון דער לובענער בורזשואַזיע. און טאָמער איז קאַרג, איז ער דעם שבת וואָס פאַר די „וויבאָרעס“ געווען אין שוהל. האָט מען איהם אַוועקגעזעצט אויבען=אָן, גוט אָנגעקוקט זיך, אָפּגעשטעקט איהם אַ פּאָר הונדערט שלום=עליכמס און אויפגערופען מפטיר.

דאָס איז געווען אַ מין עקזאַמען. און דער חברה=מאַן האָט אַוועקגעלעגט אַ הפטרה, איז דאָס שוין געווען איין מאָל אַ הפטרה! גאָר דאָס איז נאָך גאָרניט אַקעגען דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטהאָן ביי די „וויבאָרעס“. און אָפּגעטהאָן האָט זיך אָט וואָס: דער זאַל פון דער „אופּראַווע“ איז געווען פול מיט אידען, און מע האָט שוין באַדאַרפט צוטרעטען צו די וואַהלען, קומט=אַרויס דער יונגסטער פון די קאַנדידאַטען מיט אַ רעדעניש, און דוקא אויף רוסיש, אויסגעמישט מיט פסוקים פון תנ״ך און מיט אַ משל און מיט אַ מדרש, וואָס האָבען זיך געקלעפּט צום ענין, פונקט ווי איין אַרבעס צו דער וואַנט. נאָר די „דרשה“ האָט אַזוי אויסגענומען, אַז דער יונגער קאַנדידאַט איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר ראַבינער פון'ם גאַנצען עולם גאָר אָהן גאַלקעס. באַלד איז אַוועק אַ דעפּעש אַהיים: „מזל=טוב, איזבראַן יעדינאָגלאַסנא“. און אַליין איז דער אויסדערוועהלטער יונגער ראַבינער אַוועק צום אַלטען רב נחמן כהנא אָפּדאַנקען זיך. דער אַלטער איז באמת געווען געריהרט, וואָס זיין פּראָטעקציע האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג. ער איז אַ בעלן געווען בעטען דעם ראַבינער, ער זאָל איהם איבערדערצעהלען די דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר'ן עולם. האָט איהם דער ראַבינער געענטפערט, אַז ער וואָלט דאָס איהם מיט פאַרגעניגען איבערדערצעהלט, איז ניטאָ וואָס צו הערען.

— וואָס זשע זאָגט מען, אַז דער עולם האָט געלעקט די פינגער?

— אויב איהר'ט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה.

— מהכתיתי. אָבי עס האָט אַ שייכות אַהער. — האָט דער אַלטער כּהנא זיך צוגעגרייט הערען, אָנגעטהאָן די ברילען, און דער ראַבּינער האָט אָנגעהויבען בזה הלשון:

די מעשה, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, איז מיט, להבדיל, אַ גלח. אַ יונגער גלח, נאָר-וואָס פון דער נאָדעל אַרויס, איז געקומען צום מיטראָפּאָליט, ער זאָל איהם בענטשען און זאָגען, וואָס ער האָט צו רעדען חנגא פאַר די גויים אין קלויסטער. האָט איהם דער מיטראָפּאָליט געבענטשט און געזאָגט, אַז ער זאָל די גויים דערצעהלען מופתים פון הייליגע. למשל, דעם מופת פון די פערציג הייליגע, וואָס האָבען געבלאָנזעט אין וואַלד דריי טעג מיט דריי נעכט, שיער ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער. האָט גאָט באַוויזען אַ מופת —זיי האָבען געפונען אַ ברויט. האָבען זיך אַלע פערציג הייליגע אַוועקגעזעצט עסען דאָס ברויט. האָבען זיי געגעסען און געגעסען, געגעסען און געגעסען, — און ס'איז נאָך איבערגעבליבען אויף מאָרגען... אַז ס'איז געקומען חגא, האָט דער יונגער גלח אין קלויסטער פאַר די גויים איבערדערצעהלט דעם מופת, נאָר אַ ביסעל אַנדערש. איינער אַ הייליגער האָט געבלאָנזעט אין אַ וואַלד דריי טעג און דריי נעכט, שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, האָט גאָט באַוויזען אַ מופת — ער האָט געפונען פערציג ברויט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט עסען, האָט ער געגעסען און געגעסען, געגעסען און געגעסען — און ס'איז נאָך איבערגעבליבען אויף מאָרגען... שפּעטער, אַז דער מיטראָפּאָליט האָט איהם פירגעהאַלטען, ווי אַזוי מאַכט דאָס אַ גלח אַזאַ מיאוסען טעות? האָט איהם דער יונגער גלח געענטפערט:

— פאַר אָט די גויים איז דאָס אויך אַ מופת...

דער אַלטער כּהנא איז צעשמאָלצען געוואָרען פֿאַר גליקלעכער. ער האָט זיך משמח געווען מיט'ן ראַבינער, געקליבען תענוג, טאַקי ווי איין אייגענער. ניט לאַנג האָט עס אָבער געדויערט. עס איז איהם גלייך פֿאַרשטערט געוואָרען די שמחה, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זעהען. דערווייל פֿאָהרען מיר זיך דורך מיט'ן יונגען ראַבינער אין זיין געבורטסשטאָדט, אין פֿערעיאַסלאַוו.

פֿאַרגעשטעלט האָט זיך אונזער העלד, אַז פֿערעיאַסלאַוו וועט נעהן האַדאָראָם מיט זיינע „וויבאָרעס". אַ קלייניגקייט — אַזאַ ערפֿאָלג, און ביי אָט די יאָהרען! צום סוף — גאָרנישט מיט גאָרנישט. געפֿרעהט האָט זיך נאָר די משפּחה. און אויך ניט איינגאַנצען. די שמחה וועט ערשט זיין, אַז דער גובערנאַטאָר וועט די „וויבאָרעס" באַשטעטיגען. דערווייל הענגט דאָס נאָך אין לופֿטען. מע דאַרף זיך דורכפֿאָהרען אין דער גובערניע, קיין פּאָלטאַווע — חלאָפּאָטשען, שמירען... דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אויף אָפּצוקיהלען די געהויבענע שטימונג. און טאָמער איז קאַרג, באַדאַרף זיך דער העלד באַגעגענען מיט חייטע רודערמאַן, דעם לובענער ראַבינער'ס יונגערען ברודער. חייטע געהט זיך אַזוי ברייטליך, די הענט אַרונטער, דאָס געלע אויבעררעקעל אויף די אַקסלען אָהן די אַרבעל. ניט פּיהלענדיג זיך אין קיין זאַך שולדיג, ציהט איהם אויס אונזער העלד די האַנט. יענער ריהרט ניט מיט קיין האַנט, טרעט־אָפּ אויף אַ זייט און געהט־דורך פֿאַרביי, ווי איין אומבאַקאַנטער.... „אַ ברודער פֿאַר אַ ברודער" — טראַכט זיך דער באַלעדיגטער, געפֿינט אַ זכות אויף זיין חבר דעם באַלעדיגער און לויפֿט־אַוועק אויסגיסען זיין האַרץ פֿאַר איין אַנדער חבר, פֿאַר אברהמעל זאַלאָטושקינען. לאָזט זיך אויס, אַז זאַלאָטושקין, האָטש ער איז מיט חייטע רודערמאַן אויף מעסערשטעך, דאָך גיט ער אָפּ דעם גערעכט חייטען און זאָגט דעם העלד אין די אויגען, אַז אַ רעכטער מענטש טאָר איהם איצט די האַנט ניט געבען. איבער צוויי טעמים: ערשטענס — דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ ראַבינער, און אַ ראַבינער איז אַ צבועק, אַ היפּאָקריט, אַ

מעלערלעקער ביי די נגידים און א משינאָוויק ביי דער רעגיערונג. און צווייטענס — איין אָרענטליכער מענטש געהט ניט צונעמען יענעמ'ס פרנסה, רייסט ניט ווי א הונט ביי'ם אנדערען דעם ביין פון די צייהן....

קורצע, נאָר שאַרפע דבורים. אונזער העלד פיהלט, אַז אין די ווערטער ליגט א שטיק אמת. און ער דערמאַנט זיך א בילד, ווי אַזוי ער האָט דעם טאָג פון די „וויבאָרעס" באַגעגענט זיך מיט'ן לובענער עקס-ראַבינער שמעון רודערמאַן, ווי אַזוי יענער איז געוואָרען בלאַס, די אויגען צעשראָקען, גלייך ווי זיי וואָלטען פרעגען: „וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר?"... אַזוי טראַגיש זעהט-אויס א הונט, וואָס איז פון אַנדערע הינט צעריסען און צעביסען און אַרויסגעיאָגט געוואָרען אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט. עס האָט איהם פון דעם באַגעגעניש פאַרקלעהמט דאָס האַרץ. איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס ער איז גרייט געווען פאַלען דעם אומגליקליכען שמעון רודערמאַן אויפ'ן האַלז, איהם בעטען מחילה און אָפּטרעטען איהם די שטאָדט לובען מיט איהרע שענע בעלי-בתים און מיט דער קאַנדידאַטור אויף רבנות.... דאָס וואָלט געווען מענטשליך, שוין צו מענטשליך... האָט עס אָבער מעהר ניט געדויערט ווי איין מינוט. באַלד איז אַרויס דער עגאָאיסט, דער „איך" — און דער „איך" האָט גובר געווען.

מיט וואָסער א האַרץ דער העלד איז אַוועק פון זיין חבר זאַלאַטושקין — קאָן מען זיך משער זיין. וואָס קאָן זיין ערגער פון דעם, אַז איך וויים, אַז יענער איז גערעכט און איך בין אום-גערעכט?... ביי משעבאָווען איז פאַרהאַן דערויף דער ריכטיגער אויסדרוק: „ער האָט זיך געפיהלט, ווי איינער, וואָס האָט געגעסען זייף".... איין זאַך נאָר האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטעהן: פאַר וואָס מוז א ראַבינער זיין דוקא א היפּאָקריט, און דוקא א מעלערלעקער ביי די נגידים און א משינאָוויק ביי דער רעגיערונג?... און ער גיט זיך דאָס וואָרט,

אַז ער וועט דאָס נ י ט זיין! אַז ער וועט זיין אַ ראַבינער ניט ווי אַלע... אַ מ ע נ טּ ש א י ז ד אָ ס, וו אָ ס ע ר וו י ל ז י י ן!....

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

(מיט׳ן קאַפּיטעל „די וויבאָרעס" ווערט איבערגעריסען אין רעכטען מיטען דאָס וואונדערליכע בוך פון שלום-עליכמ׳ס לעבענס=געשיכטע, אין וועלכען ער האָט אריינגעגעבען די בעסטע קרעפטען זיינע אין די לעצטע יאָהרען און האָט עס גערעכענט פאַר זיין „שיר=השירים" — דער געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. ווי עס שיינט, איז דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל געשריבען געוואָרען שוין אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען.

נאָכזוכענדיג אין די איבערגעבליבענע שריפטען פון שלום=עליכם אַלסדינג, וואָס האָט אַ וועלכע=עס=איז שייכות מיט׳ן בוך „פונ׳ם יאַריד", האָט זיין פאַמיליע מעהר קיין געצליך באַארבייטע קאַפּיטלעך פון דער אויטאָביאָגראַפיע ניט געפונען, אויסער אַ קורצע לעבענסבאַשרייבונג פון שלום=עליכם, געשריבען מיט יאָהרען צוריק פון איהם אַליין אין דער פאָרם פון אַ בריעף צו אַ פריינט, און אויסער אַ קליינע הקדמה צום בוך „פונ׳ם יאַריד", אין וועלכער דער פאַרפאַסער דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק צו שרייבען זיין לעבענס-געשיכטע. אַנשטאָט דעם האָט מען נעפונען ניט-קיין-באַארבייטע אויטאָביאָגראַפישע מאַטעריאַלען און רשימות, וואָס האָבען געזאָלט דיענען ביי׳ם מייסטער אין די הענט אַלס לייהם און ציעגעל פאַר אַ גרויסען פראַכטפולען בנין — פאַר אַ קאָלאָסאַלען בוך, וואָס האָט אפשר געקאָנט דערגרייכען ביז צ ע ה ן ב ע נ ד ע ר, וועלכע וואָלטען אַרומגענומען, צוזאַמען מיט׳ן פערזענליכען לעבען פונ׳ם דיכטער, אַ גאַנצע עפּאָכע פונ׳ם אידישען לעבען אין איירָאָפּא און אַמעריקע.

די אידישע ליטעראַטור האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט — און דער דאָזיגער גרויס=געפּלאַנטער בנין וועט אַזוי בלייבען דערפיהרט נאָר ביז זיין דריטען שטאָק און וועט אַזוי בלייבען שטעהן אין אונזער אָרעמער גאַס ניט קיין געענדיגטער, אָהן אַ דאַך. דער מייסטער איז אין רעכטען מיטען פון זיין אַרבייט אוועקגערופען געוואָרען.

איינינע מיטגליעדער פון שלום=עליכמ׳ס פאַמיליע האָפען דאָך די ביאָגראַפיע פון דעם פאָלקסדיכטער — אויב נישט אין דער זעלטענער דיכטערישער פאָרם, צו וועלכער ער אַליין נאָר איז געווען באַרופען, איז חאָטש אין

דעם אמת'ען ליכט פון דיווירקליכע פאקטען און לעבענס-פאסירונגען — דערפיהרען ביז'ן סוף. צו דעם דאזיגען צוועק וועלען אויסגענוצט ווערען אלע די מאטעריאלען און רשימות, וואס שלום-עליכם האט געזאמעלט פאר זיין לעבען און האט זיי איבערגעלאזט אין גרויסער ארדענונג צווישען זיין ליטערארישער ירושה.

(באמערקונג פון י. ד. בערקאוויטש).

צו מיין ביאָגראַפיע

(געשריבען אין יאָהר 1903 צו מיין אינטימסטען פריינט י. ח. ראווניצקי)

צו מיין ביאָגראַפיע

ליעבסטער חבר, טייערסטער פּריינט ראַווניצקי!

איהר ווילט, איך זאָל אייך געבען האָטש אַ ביסעל רשימות צו מיין ביאָגראַפיע? איך האָב זעהר מורא, צי איז בכלל ניט קיין איבעריגע זאַך די ביאָגראַפיע מיינע? אפשר איז נאָך אַ ביסעל צו פריה? דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָב איך חשק אַליין אָנשרייבען די געשיכטע פון מיין לעבען — אַ גאַנצען ספר *). און דריטענס, בין איך איצט, לא עליכם, שטאַרק פאַרטהאָן אין עסק. טאַקי אין ליטעראַטור. זינט איך שרייב בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו, אַזוי פרוכטבאַר, ווי אַצינד. צי גוט, צי שלעכט — נאָר סע שרייבט זיך אַ סך. און איהר ווייסט דאָך, ווי אַזוי איך בין מסוגל צו שרייבען — אפילו אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדעל און אויף אַ שאַרף פון אַ שווערט!... אַ חסרון — די צייט איז ניט גוט, און ביי אונזער פאָלק אין דרויסען איז חמאַרנע, גלוסט זיך ניט לאַכען, און אַז סע לאַכט זיך — לאַכט זיך מיט יאַשטשערקעס... היינט דאָס איבערשרייבען זיך מיט אונזערע גדולים, די אידען און, להבדיל, די גויים — נעמט צו ביי מיר אַ גוזמא צייט. און דאָך האָב איך זיך אָפּגעריסען פון אייערטוועגען אַ גאַנצע שעה (רוצח!), און נאַט אייך נאָך אַ ביסעל

*) דעם ספר האָב איך טאַקי אָנגעהויבען נאַכדעם צו שרייבען אין איטאַליע מיט'ן נאָמען „שלום-עליכמ'ס ביאָגראַפיע, פון איהם אַליין געשריבען”.

אָנגעמערקט (פון שלום-עליכם) אין 1913.

רשימות. אפשר וועלען זיי אייך צונוץ קומען ביי אייער אַרבייט? און נאָט לאָז אייך זיין צו הילף!

אייער איבערגעבענסטער חבר
שלום-עליכם.

...אין אַ קליין שטעדטעל וואָראָנקאָ, ווי אַ טל-ומטר די גרויס, נים ווייט פון דער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו (וואו איך בין אינ'ם יאָהר 1859 געבוירען) — דאָרט האָב איך פאַרבראַכט די בעסטע גילדענע יאָהרען, מיינע ערשטע גוטע נאַרישע קינדערישע יאָהרען. אין דעם דאָזיגען קליינעם וואָראָנקאָ איז מיין פאָטער געווען דער מיוחס, דער גביר, דער גבאי ראשון פון אַלע חברות — „רב נחום וועוויק'ס"! און מיר, רב נחום וועוויק'ס קינדער, — אויך נישט קיין קליינינקייט! אַלע שבת-צו-נאַכטס איז געווען ביי אונז אַ מלוה-מלכה פאַר דעם גאַנצען שטעדטעל; אַלע יום-טוב איז מען געקומען צו אונז אויף קידוש; אַלע נייעס האָט מען געבראַכט צו אונז און אַרויסגעטראָגען פון אונז; אַ גלעזעל וויין האָט מען געטרונקען ביי אונז; פונ'ם רבין האָט מען גערעדט ביי אונז, פון פּאָליטיק — ביי אונז, אַלסדינג — ביי אונז. און אונז, נחום וועוויק'ס קינדער, האָט מען געהאַלטען חשוב, געפיהרט בדרך-הישר, אָפּגעגעבען צום בעסטען מלמד, צו רב זרח'ען, און פרום זענען מיר געווען באמת.

איך געדענק נאָך אַצינד דעם זיסען טעם פון די טרערען, וואָס מיר האָבען פאַרגאָסען פון אונזער רבינ'ס מוסר. אַלע טאָג פלעגט אונז דער רבי רב זרח זאָגען אַ ביסעל מוסר, און מיר פלעגען זיך נאָכדעם, ביי'ם דאַוונען, שלאָגען „אָשמנו" אויף אונזערע גרויסע זינד, וואָרום איגאייגעם מיט'ן פרומקייט זענען מיר געווען אויך גרויסע-גרויסע בעלי-עבירות: ליגנערס, נאַשערס, נישט גע-פאָלגט דעם טאַטען, געהיפּט אינ'ם דאַוונען, גע'גנב'עט געלט פון דער צדקה-פושקע (זעה „דאָס מעסערעל"). הייגט הרהורים,

מחשבות זרות, געדאַנקען!... איינער איז געווען צווישען אונז אַ חבר, איין עלטערער, אלי האָט ער געהייסען, אלי קייליס, אַ יונגעל אַ חתן — האָט ער אונז דערצעהלט מעשיות, געוועקט ביי אונז דעם יצר־הרע, פאַרדאָרבען, געמאַכט אונז פאַר גרויסע... און נאָכדעם האָט דער רבי געזאָגט מוסר, און מיר האָבען געוויינט, געגאָסען מיט טרערען און געדאַווענט עהרליך, ניעט געהיפט, גע־שלאָגען זיך „אָשמנו“ און געוויינט, געוויינט און תשובה געטהאָן.

די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדווייז־אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבען ביי מיר אויסגעזעהען ווי שטעדט, הויפען — מדינות, בוימער — מענטשען, מיידלעך — בת־מלכהם, רייכע יונגעליים — פרינצען, גראָז — חייל, שטעבעלקעס און קראָפּיווע — פלשתים, אדום און מואב, און איך פלעג געהן אויף זיי מיט מלחמה (זעה „גרינס אויף שבועות“).

אויפחאַפּען דאָס לעבעדיגע פון יעדער זאַך און פון יעדען מענטשען — דאָס איז געווען ביי מיר כמעט אַ הולאת. איך פלעג, ניט ווילענדיג, נאָכמאַכען איטליכען באַזונדער. פונ׳ם רבין רב זרח מיט זרח׳ליכען מיט אַלע חברים מיט זייערע טאַטע־מאַמע ביז ברוך־בער דעם שכור און, להבדיל, אַניסקאַ דעם סטאָראָזש מיט די אויסגעדרעהטע פיס — און פאַר אָט דעם נאָכמאַכען האָב איך געהאַפּט פעטש, ווי האָלץ. אין חדר בין איך געווען די „פאַרשלעפּטע קרענק“ (דער קאָמיקער). אַלע פלעגען לאַכען, ביז׳ן טוידט לאַכען, אַ חוץ מיר. נאָר אין דער היים האָט די מאַמע באַמערקט מיינע שטיק, און פון דעמאָלט אָן האָט זי גענומען אויס־קאָרעניען אין מיר די דאָזיגע תנועות.

נאָך איינער איז געווען מיט מיר אַ גלייכען אויף מאַכען, אָנשטעלען, זיך פאַרשטעלען, „שפּיעלען“, „זיך גרימירען“, און בשעת מעשה זינגען שענע, וואונדערשענע ליעדער. דאָס איז געווען מאיר'על דעם רב'ס, אָדער מאיר'על מעדוועדיעוו, דער געוויסער נאָכדעם באַריהמטער אַרטיסט מ ע ד ו ו ע ד י ע ו ו. די קונץ פון „שפּיעלען“ איז געווען אַנטפּלעקט פאַר איהם נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען באָרוויס און געזונגען דאָס שענסטע ליעד פאַר אַ גראָשען אָדער פאַר אַ האַלבען עפּעל *). מיר ביידע, איך און מאיר'על מעדוועדיעוו, האָבען געשפּיעלט דעם „גזלן“ — אַ טהעאַטער-שטיק פון אונזער אייגענער פאַנטאַזיע. מעדוועדיעוו איז געווען דער גזלן, איך בין געווען דער איד, דער אָרעמאַן, און די איבעריגע חברים זענען שוין געווען דער וואַלד (די בוימער פונ'ם וואַלד — סטאַטיסטען). איך, דער איד דער אָרעמאַן, בין געשטאַנען פאַר איהם, פאַר'ן גזלן, אויף די קניהעס, גע'טענה'ט: „וואָס האָסט דו צו מיר? איך בין אַ איד איין אָרעמאַן, איין אביון! האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער!“... און ער, דער גזלן (מעדוועדיעוו), מיט אַ קאָלאָדאַטשמעסער אין האַנט, האָט געזונגען זעהר אַ שען ליעדעל: אז ער מוז, ער מוז אויס-קוילען אַלע אידען!....

ווי וויים פאַרדאָרבען און שלעכט דערצויגען מיר זענען ניט געווען, איז דער געפיהל פון צער בעלי-חיים געווען ביי מיר אַזוי גרויס, אַז אַ קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט (זעה „מתושלח“). אַ הונט מיט איין איבערגעבראָכענעם פוס האָט אַרויסגערופען ביי

---

* איך געדענק אַ ליעדעל מיט דער מעלאָדיע:
„געה איך אַרויס אין דער ווילנער גאַס,
הער איך אַ קול מיט אַ גרויס געשריי:
אוי-ווַעה! —
מע שרייעט אַזוי...“

מיר טרערען (זעה „ראַבטשיק"), און אפילו אַ קאַץ, וואָס איז גאָר אַ טמא, אַ שרץ, איז ביי מיר געווען טייער און ליעב. און פון קראַנקע אָרעמע קינדער שמועסט מען ניט (זעה „באַשעפעניש").

דער חשק פון שרייבען — מערקווירדיג! — האָט זיך גע־נומען ביי מיר פון דעם רבין רב זרח'ס זעלטען שען הענטעל. פאַר אַ שענעם „כתב" האָט אונז דער טאַטע געשענקט אַ גראָשען (דער ערשטער „האָנאָראַר"), און צוליעב דעם שענעם כתב האָב איך זיך אויפגענייהט אַ ביכעל און האָב שען אָנגעשריבען („פאַר־פאַסט") אַ גאַנצען חבור אויף תנ"ך און אויף דקדוק, און אַז איך האָב דאָס באַוויזען דעם טאַטען, איז ער נתפעל געוואָרען פון מיין „ווערק" און האָט דאָס לאַנג־לאַנג אַרומגעטראָגען ביי זיך אין קעשענע, באַווייזען איטליכען באַזונדער, ווי שען זיין זוהן שרייבט (אַלט האָב איך באַדאַרפט זיין דעמאָלט אַ יאָהר צעהן), ווי קלאָר ער איז אין תנ"ך און ווי גוט ער קען דקדוק. דערויף האָט געזאָגט אונזער שכן, אַ איד אַ חסיד מיט אַ צאַפּען־בערדעל, רב אייזיק, וואָס פלעגט קווימשען בשעת דאַוונען, ווי אַ קעצעל: „דקדוק—שמינדריק—בינדריק בלע"ז! דער עיקר'שט איז ביי מיר דאָס הענטעל! אַ גילדען הענטעל!"... (די ערשטע „קריטיקע").

געצויגען האָט מיך אַלץ אַהין, אין יענע עולמות פון רוחניות, פון חלומות, פון נגינה (זעה „יוסילע סאָלאָוויי"), פון שפּיעלען (זעה „סטעמפּעניו"), און איך האָב אַליין נאָך דער בר־מצוה בגנבה זיך צוגעחאַפּט צום פידעל — און איך האָב געחאַפּט דעם רעכטען פסק פון מיין טאַטען (זעה „אויפ'ן פיעדעל").

פאַראַרעמט געוואָרען, זענען מיר אַריבערגעפאָהרען פון וואָ-ראָנקאָ צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט מען אונז אויפגע-נייהט די ערשטע מאָדנע קאַפּאָטקעלעך, מיט אַ שפּאַלט פון הינטען. און אַז די מאַמע איז געשטאָרבען (פון דער חלירע), האָט אונז דער טאַטע אָפּגעגעבען אין דער „שקאָלע“, און איך האָב מיך אויסגעפּיינט צווישען אַלע קינדער, באַוויזען אַ סך בריה'-שאַפט, און נאָך דעם ערשטען ביכעל, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען געלייענט צו פופצעהן יאָהר, „ר אָ ב י נ ז אָ ן ק ר ו ז ע אָ“, האָב איך תיכף ומיד געמאַכט איין אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזעאָ“, מיט'ן נאָמען: „דער אידישער ראָבינזאָן קרוזעאָ“, באַוויזען דעם טאַטען, און דער טאַטע האָט באַוויזען די אורחים (ביי אונז איז געווען איין אכסניה), און אַלע זענען אַרויס פון די כּלים!

פון דעמאָלט-אָן האָט דער טאַטע געקוקט אויף מיר, ווי אויף איין אבן-טוב, מיר אַרויסגענומען פון דער שטיפמאַמע'ס רשות, נישט געלאָזט, מע זאָל מיך שלאָגען, נישט געלאָזט מיך וויגען איהרע קליינע קינדער, נישט געגעבען מיר האַקען ראָזשינקעס, ווי פריהער (ביי אונז איז געווען אויך אַ וויינקעלער מיט'ן נאָמען „יוזשנעי בערעג“), און פאַרווערט מיר פוצען פאַר די אורחים די שטיוועל, שטעלען דעם סאַמאָוואַר, לויפען אַ גאַנג, וכדומה אַזעלכע מלאכות, וואָס איך פלעג זיי טהון ביז יענער צייט.

אין דער עפּאָכע וואָס פון זיעבעצעהן יאָהר ביז איין-און-צוואַנציג יאָהר, ביז איך האָב גענומען שטודירען, געוואָלט זיין אַ ראַבינער, האָב איך אַ סך-אַ סך געלייענט, נאָך מעהר געשריבען. און געשריבען האָב איך אַלץ, וואָס איך האָב גע-לייענט: ליעדער, פּאָעמע, ראָמאַנען, דראַמען אָהן אַ שיעור און גלאַט „מאמרים“ אין דער וועלט אַריין! מיינע „ווערק“ האָב איך געשיקט אין אַלע אידישע און גויישע רעדאַקציעס (איך האָב געשריבען אין לשון-קודש און אין רוסישען), און די רעדאַקציעס האָבען, ברוך השם, געהאַט מיט וואָס צו הייצען די הרובעס....

נאָך אין „המליץ“ האָט אָפּגעדרוקט אַ צוויי־דריי פון מיינע „מאמרים“ מיט אַ הערה פון דער רעדאַקציע מיט קלייניטשקע אותיות׳לעך: „שפתך אתך (דיין שפּראַך איז מיט דיר). שלח דבריך וכבדנום (שיק דיינע רעד, וועלן מיר זיי פאַר־צוקערן)“... און איך האָב אָנגעהויבן שרייבן לשון־קודש׳־דיגע „מאמרים“ אויפ׳ן פּוד, גאַנצע וואַגאָנעס מיט „מאמרים“, נאָר מע האָט זיי ניט געוואָלט „פאַרצוקערן“. איך ווייס ניט פאַר וואָס!..

בעת ההיא — אין יענער צייט (1883) האָט זיך באַ־וויזן אַ אידיש בלאַט, דאָס ערשטע אידישע בלאַט אין זשאַרגאָן („פאָלקסבלאַט“ פון אַלכסנדר צעדערבוים), און אַזוי ווי די גויים האָבן מיינע „ראָמאַנען“ און מיינע „דראַמען“ נישט געוואָלט דרוקען, און די לשון־קודש׳דיגע „מאמרים“ זענען אויך געלעגען נישט „פאַרצוקערטערהייט“, האָב איך מיך געפּרובט אויף אַ צי־קאַוועסט אָנשרייבן עפּיס אַ זאַך פּראָסט אויף דעם לשון, וואָס מע רעדט, אויף דעם לשון פון מענדעלי מוכר־ספרים, וואָס איז דע־מאָלט געקומען מיר אין האַנט — און שטעלט אייך פאָר, אַז מע האָט דאָס אויפגעחאַפּט אין „פאָלקסבלאַט“, און דער רעדאַקטאָר אַליין, צעדערבוים, האָט מיט זיין האַנט מיר אָנגעשריבן אַ בריעף און געבעטען (איהר הערט? — געבעטען!), איך זאָל שרייבן נאָך. און פון יענער צייט האָב איך אָנגעהויבן געבען פעליעטאָנען אין „פאָלקסבלאַט“, און וואָס מעהר איך האָב געגעבען, אַזוי מעהר האָט מען מיר געשריבען, איך זאָל שיקען נאָך. און צו דעם האָט זיך אונטערגעחאַפּט מרדכי ספּעקטאָר, אַלס מיטאַרבייטער אין „פאָלקסבלאַט“: ער האָט מיך ניט אויפגעהערט צו וואָרענען, איך זאָל שרייבען — עד היום הזה. דאָס איז אָבער ביי מיר גע־ווען אין יענער צייט ניט מעהר ווי אַ שפּיעלעכעל, ביז עס האָט זיך געטראָפען אַ מעשה מיט אַ „מעסערעל“, וואָס האָט געמאַכט

איין איבערקעהרעניש אין מיין אַרט שרייבען און אויך אינ'ם גאַנ־
צען לעבען ביי מיר.

יענע צייט איז געווען ביי מיר אַ צייט פון מסחר, פון געלט,
פון בערזע, פון פּאַפּיערען, וכדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען
ניט שייך צו ליטעראַטור. איך האָב זיך אַריינגעחאַפּט, ווי מע
זאָגט, אין די פעדערען, אין די גרויסע שווערע טויזענטער, און
וואָלט אפשר אַוועק אויף איין אַנדער וועג, ווי זיי רופען עס —
דעם אמת'ען וועג... געקומען אין דער גרויסער שטאָדט
אַריין, אין קיעוו, וועגען פאַרשיידענע גרויסע עסקים, און אָנגע־
מיעדט זיך פונ'ם טאָג, האָב איך מיך געלעגט שלאָפען און האָב
נישט געקאָנט אַנשלאָפען ווערען. בין איך אויפגעשטאַנען, זיך
געזעצט צום שרייבטיש און אָנגעשריבען — ניט אָנגעשריבען, נאָר
אויסגעגאָסען אַ זאַך, איין ערינערונג פון מיינע חדר־יאָהרען, און
האָב דאָס אַ נאָמען געגעבען „דאָס מעסערעל", און האָב דאָס
אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע — און פאַרגעסען.

ויהי היום, איך לייען דעם „וואָסחאָד", טרעף איך איין
איבערבליק איבער ליטעראַטור פון „קריטיקוס" (דובנאָוו) —
איבער פאַרשיידענע שמאַטעס, ובתוכם מיין „מעסערעל". מיט אַ
שרעקליך הארצקלאַפּעניש האָב איך איבערגעלייענט די עטליכע
וואַרעמע שורות פון דעם „קריטיקוס", וואָס לויבט דאָס „מעסע־
רעל" מיינס און זאָגט נביאות, אַז דער יונגער מחבר פונ'ם „מעסע־
רעל" וויזט־אויס אַ טאַלאַנט צו זיין און ער וועט נאָך אַמאָל געבען
גוטע זאַכען פאַר אונזער אָרעמער אידישער זשאַרגאָן־ליטעראַטור.

מיט טרערען פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָב איך איבער־
געלייענט נאָך אַ מאָל די דאָזיגע ווערטער פונ'ם ליעבהאַרציגען
„קריטיקוס" און האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט, איך זאָל שרייבען
אין דער אַרט נאָך און נאָך — און פון דעמאָלט־אָן ביז היינטיגען
טאָג שטעהען מיר פאַר מיינע אויגען די עטליכע וואַרעמע גוטע

געטרייע ווערטער, און איטליכם מאָל, ווען איך שרייב=אָן אַ נייע זאַך, פאַרגעס איך ניט פרעגען ביי זיך אַליין: וואָס וועט זאָגען דערויף „קריטיקוס“?.. פון דעמאָלט=אָן האָב איך דאָס געלט פאַרלאָרען, נאָר מוטה איז מיר געבליבען, און איך האַלט שטאַרק־שטאַרק די פען אין האַנט! צי דאַרף איך איהם זאָגען אַ דאַנק, דעם דאָזיגען קריטיקוס (דובנאָוו), צי חלילה פאַרקעהרט?... דערויף בין איך נישט קיין בעל=הבית. איך בין פאַרקראָכען מיט מיין חולאת (שרייבעריי) אַזוי וויט, אַז איך הויב שוין אָן געהערען נישט צו זיך און נישט צו מיין הויזגעזונד, נאָר מעהר צו אונזער ליטעראַטור און צו יענעם גרויסען געזינדעל, וואָס הייסט פּובליקום.

קיעוו, חול=המועד סוכות, תרס"ד.

די צוואה פון שלום-עליכם

די צוואה פון שלום-עליכם

איך בעט עפענען און פערעפענטליכען אינ׳ם טאָג פון מיין טויט.

שלום-עליכם.

י״א תשרי ה תרע״ו. 19 סעפט. 1915, ניויארק.

היינטיגען טאָג, מחרת יום-הכפורים, עס האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהויבען אַ נייעס יאָהר, און אַ גרוים אומגליק האָט געטראָפען מיין פאַמיליע — געשטאָרבען מיין עלטערער זוהן מישאַ (מיכאַאיל) ראַבינאָוויץ און אַוועקגעטראָגען מיט זיך אין קבר אַ שטיק פון מיין לעבען, איז געבליבען ביי מיר, איך זאָל איבערשרייבען אויף דאָס ניי מיין צוואה, וועלכע איך האָב געהאַט געשריבען אינ׳ם יאָהר 1908, ביי מיין קראַנק זיין, אין נערווי (איטאַליאַ). —

ייענדיג געזונט און אין פולען פערשטאַנד שרייב איך מיין צוואה, וואָס בעשטעהט אין צעהן פונקטען:

א) וואו איך זאָל ניט שטאַרבען, זאָל מען מיך בעהאַלטען ניט צווישען אַריסטאָקראַטען, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישען פּראָסטע אידען אַרבייטער, מיט׳ן אמת׳ען פאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלען אויף מיין קבר, זאָל בעשענען די אייגפאַכע קברים אַרום מיר, און די איינ-

פאכע קברים זאָלען בעפוצען מיין מצבה, אזוי ווי דאָס פראָסטע עהרליכע פאָלק האָט פאַר מיין לעבען בעשענקט זייער פאָלקס-שרייבער. —

ב) קיין שום טיטלען מיט לויבענישען מיט מורי-מורינו'ס זאָל אויף מיין מצבה ניט זיין, אויסער דער נאָמען „שלום-עליכם" פון איין זייט און אויסער דעם אידישען אויפשריפט, וואָס בייגע-לעגט, פון דער אַנדערער זייט.

ג) קיין שום דעבאַטען און דיסקוסיאָנען פון מיינע קאָללע-גען וועגען פעראייביגען מיין נאָמען, וועגען אויפשטעלען מיר אַ מאָנומענט אין ניו-יאָרק א. ד. ג. זאָל ניט זיין: איך'ל נישט קאָ-נען איינליגען רוהיג אין קבר, אז מיינע חברים וועלען זיך נאַריש מאַכען. דער בעסטער מאָנומענט וועט זיין פאַר מיר, אז מע וועט לייענען מיינע ווערק און אז עס וועלען זיך געפינען אין די פער-מעגליכע קלאַססען פון אונזער פאָלק מעצענאַטען, וואָס וועלען זיך נעמען אַרויסגעבען און פערשפרייטען מיינע ווערק, הן אין אידיש, הן אין אַנדערע שפראַכען, און דערמיט געבען דעם פאָלק די מעגליכקייט צו לעזען און מיין פאַמיליע — אַ בכבוד'ע עקזיסטענץ. אויב איך האָב ניט זוכה געווען, אָדער נישט פערדיענט קיין מע-צענאַטען ביי מיין לעבען, וועל איך זיי אפשר זוכה זיין נאָכ'ן טוידט. איך גיה אַוועק פון דער וועלט מיט'ן פולען גלויבען, אז דאָס פאָלק וועט נישט פערלאָזען מיינע יתומים.

ד) אויף מיין קבר און דערנאָך דאָס גאַנצע יאָהר און שפּע-טער אַלע מאָל צום יאָהרצייט זאָל מיין איבערגעבליבענער איינ-ציגער זוהן, ווי אויך מיינע איידעמס, אויב זיי וועלען וועללען,

זאָגען נאָך מיר קדיש. און אויב זיי וועלען קיין חשק ניט האָבען, אָדער די צייט וועט זיי ניט ערלויבען, אָדער ס'וועט זיין קעגען זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, קאָנען זיי יוצא זיין נאָר דערמיט, וואָס זיי וועלען זיך צונויפקלויבען אַלע מיט די טעכטער מיינע און מיט די איינִיקלעך און מיט גלאַט גוטע פריינד, און פאָרלייענען די דאָזיגע צוואה מיינע, און אויך אויסקלויבען אַ מעשה פון מיינע מעשה'לעך, פון די סאַמע פריילִיכע, און פאָרלייענען עס אין וואָסער אַ שפּראַך ס'וועט פאַר זיי זיין מעהר פערשטענדליך, און לאָז מיין נאָמען דערמאַנט ווערען פון זיי בעסער מיט אַ געלעכטער, איידער גאָרניט דערמאַנט ווערען. —

ה) רעליגיעזע איבערצייגונגען קאָנען מיינע קינדער און קינדס-קינדער האָבען וואָסערע זיי ווילען. נאָר זייער אידישע אָפּשטאַמונג בעט איך, זיי זאָלען היטען. די יעניגע פון מיינע קינדער, וואָס וועלען זיך אָפּוואַרפען פון זייער שטאַם און וועלען אַריבער אין איין אַנדער גלויבען, האָבען זיך שוין דערמיט אַליין אָפּגעוואָרפען פון זייער שטאַם און פון זייער פאַמיליע און אַליין אויסגעמעקט זיך פון מיין צוואה — ואין להם חלק ונחלה בתוך אחיהם.—

ו) אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, סאַי אין מזומן — אויב דאָס מין וועט זיך געפינען אין מיין בעזיץ — סאַי אין ביכער, געדרוקטע און אין מאַנוסקריפּטען, סאַי אין אידיש, סאַי אין אַנדערע שפּראַכען (אויסער די, וואָס זענען איבערזעצט אין העברעאיש), געהער צו מיין פרוי האָדעל בת אלימלך, אָדער אָלגא ראַבינאָוויץ, און נאָך איהר טוידט געהט עס אַריבער צו מיינע קינדער גלייך אויף גלייך: צו מיין טאָכטער חיה אסתר (ערנעסטינא) בערקאָוויץ, צו מיין טאָכטער שרה (ליאַליאַ) קויפמאַן, צו מיין

טאָכטער נעמי (עמאַ) ראַבינאָוויץ, צו מיין טאָכטער מרים (מאַ־רוסיאַ) ראַבינאָוויץ און צו מיין זוהן נחום (נומאַ) ראַבינאָוויץ. און וואָס אָנבעלאַנגט צו מיינע ווערק אין העברעאיש געהערען זיי צום מייסטערהאַפטען איבערזעצער, מיין שווינער־זאָהן י. ד. בערקאָוויץ, און צו זיין טאָכטער, מיין אייניקעל תּמר (תמרה) בערקאָוויץ — דאָס זאָל זיין איהר נדן. — די טאַנטיעמען, וואָס וועלען אריינפאַלען פאַר מיינע פּיעסען, הן אין רוסלאַנד, והן אין אַמעריקאַ, זאָל האַלב געהן צו מיינע יורשים און האַלב זאָל אָפּגע־לעגט ווערען אויף'ן נאָמען פון מיין אייניקעל בעללאַ, די טאָכטער פון מיכאַאיל און שרה קויפמאַן — דאָס זאָל זיין איהר נדן. —

ז) פון אַלע הכנסות, וואָס זענען אויסגערעכענט אין פריהע־ריגען פּאַראַגראַף, זאָל אַרונטערגענומען ווערען פאַר'ן פאָנד פאַר אידישע שרייבערס (אין אידיש און אין העברעאיש) ביז פינף טויזענט רובעל אַ יאָהר — פינף פּראָצענט, און אויב די הכנסה וועט זיין מעהר פון 5,000 רובעל אַ יאָהר, איז צעהן פּראָצענט (צום ב"ש: פון 6,000 רוב. 600, פון 7,000 700, פון 8,000 רוב. 800 רובעל א. ז. וו.). אויב אין יענער צייט וועט זיין אַזאַ פאָנד, דאָ אין אַמעריקאַ, אָדער דאָרט אין יוראָפּ, זאָלען די פּראָצענטען אַלע יאָהר איינגעצאָהלט ווערען אין פאָנד אריין, און דער פאָנד וועט טהון לויט זיינע סטאַטוטען. באם אָבער עס וועט ביז דאַן קיין אָפיציעלער פאָנד ניט זיין, אָדער עס וועט זיין אַזאַ פאָנד, וואָס ענטשפּרעכט ניט מיין ווילען, וואָס איז אויסגערעדט אין אָנהויב פונ'ם דאָזיגען פּאַראַגראַף, זאָלען די פּראָצענטען צעטיילט ווערען נויטבעדערפטיגע שריפטשטעלער פון מיינע יורשים דירעקט, לויט פעראייניגונג צווישען זיך.'

ח) אויב איך וועל ניט בעוויזען פאַר מיין לעבען אַליין

אַוועקצושטעלען אַ מצבה אויפ׳ן קבר פון מיין גאָר־וואָס פערשטאָרבענעם זוהן מיכאַאיל (מישא) ראַבינאָוויץ אין קאָפּענהאַגען, זאָלען דאָס טהון מיינע יורשים ביד רחבה, און אינ׳ם טאָג פון יאָהרצייט זאָל אַלע יאָהר געזאָגט ווערען קדיש און צעטיילט ווערען ח״י קרוין צדקה לעניים.

ט) מיין וואונש איז, אַז מיינע יורשים זאָלען זיך איינאָרדנען אַזוי, אַז מיינע ווערק און מיינע פּיעסען זאָלען לצמיתות ניט פערקויפט ווערען, ניט דאָ אין אַמעריקאַ, ניט אין יוראָפּ, נאָר זיי זאָלען בעוויזען צו לעבען פון זייער איינקונפט אַלע יאָהרען, וואָס עס געהער צו זיי לויט געזעץ פונ׳ם לאַנד. סיידען עס וועט קומען אַזאַ צייט, אָדער עס וועט זיך געפינען אַזאַ שוטה, וואָס וועט אָפּצאָהלען פאַר׳ן זכות אַזאַ סומע, וועלכע זאָל קענען זיין געגוג אויף אויסצוהאַלטען אַ משפּחה. דאַן זאָלען זיך אַלע יורשים צווישען זיך פערשטענדיגען, און אויב די מעהרהייט וועט צושטימען, זאָל מען זיך מיט די מזומנים צעטיילען חלק כחלק לויט פּאַראַגראַף ו׳ און קודם כל זאָלען די 10% אָראָפּגענומען ווערען פאַר׳ן אידישען ליטעראַטור־פאָנד לויט פּאַראַגראַף ז׳.

י) מיין לעצטער וואונש צו מיינע נאָכפאָלגער און מיין בקשה צו מיינע קינדער: אָפּהיטען די מאַמע, בעשענען איהר עלטער, פערזיסען איהר ביטער לעבען, היילען איהר געבראָכען האַרץ, נאָר מיר ניט וויינען, נאָר אַדרבה דערמאַנען מיך מיט פרייד, און דער עיקר — צווישען זיך לעבען אין פריעדען, ניט טראָגען קיין שנאה איינס אויף דאָס אַנדערע, אויסהעלפען זיך איינער דעם צווייטען אין אַ שלעכטער צייט, דערמאַנען זיך אַמאָל אין דער משפּחה, רחמנות האבען גלאַט אויף איין אָרעמאַן, און ביי גוטע אומשטענ־

דען צאָהלען מיינע חובות, אויב אַזעלכע וועלען זיין. קינדער! טראָגט מיט עהרע מיין פערהאָרעוועטען אידישען נאָמען, און דער נאָמ וואָס אין הימעל זאָל אייך זיין צו הילף. אמן.

שלום בן מנחם נחום ראבינאוויץ
שלום-עליכם.

די עפּיטאַפיע פון שלום-עליכם

(געשריבען פון איהם אליין און אויסגעקריצט אויף זיין מצבה).

דאָ ליגט אַ מויד אין פּוסטער

געלעגער אויסגעבויגן פון ווינט.

און [illegible] [illegible] פּלוין [illegible] —

נאָך אין [illegible] אין [illegible] קינד.

די גאַנצע נאַכט [illegible],

פאַרלאָזן פון דער וועלט [illegible].

די גאַנצע [illegible] [illegible],

און דו — [illegible] — [illegible] [illegible]!

און גלייך דערמאָנט זיך דער [illegible]

[illegible], [illegible], [illegible] [illegible] —

[illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible] —

[illegible], צו קינדער [illegible] ניט [illegible].

[illegible].

[illegible] פאלקס שולע
[illegible]
מאנטרעאל